STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07707

# DI HAKHOMIM FUN KHELM

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Yiddish,
The Wise Men of Ch
ptd. Warsaw

# די חכמים פון כעלעם

די פּאָעמען אין דעם זאַמלבוך געהערן צו די דיכטער:

יעקב גלאַטשטיין — „יאָסל לאָקש פון כעלעם“
מאַני לייב — „דער באַרג“ און „דאָס וווּנדער־פערד“
יאָסל ליערנער — „א כעלעמער משפט“
מ. קיפּניס — „כעלעמער בית־הקברות“

די מעשיות אין פּראָזע זענען לויט די ווערק פון:

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — „יידישע לצים“
י. י. טרונק — „כעלעמער מעשיות“
י. ל. כהן — „פאָלקס־מעשיות“
ש. סימאָן — „העלדן פון כעלעם“
מ. קיפּנים — „כעלעמער מעשיות“
און אַנדערע מחברים.

# די חכמים פון כעלעם

געזאמלט פון פ. פריד

פארלאג: יידיש בוך ווארשע

1966

# MĘDRCY Z CHEŁMA

Red. D. Sfard
רעד. ד. ספאַרד
Okładkę projektował: Erchow
הילע פּראָיעקטירט: ערכאָוו

Wyd. „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2.500 egz. Druk ukończono w październiku 1966 r. Ark. druk. 16,5 wyd. 13. Papier druk. sat. IV kl. 70 gr. 61×86.
Druk Prasowe Zakłady Graficzne R. S. W. Prasa, Warszawa Al. Jerozolimskie 125/127 Zam. 300 M-22.

# ווי אַזוי כעלעם איז געוואָרן די קלינסטע שטאָט אין דער וועלט

באַלד נאָך ששת ימי בראשית האָט מען אַרויסגענומען פֿון עולם הנשמות דריי זעק מיט נשמות. איין זאַק מיט הוילע נאַראָנים, איין זאַק מיט חכמים און איין קליין זעקל מיט גאָר גרויסע חכמים. פֿון דעם דאָזיקן טייערן זעקל האָט מען גאָר געוואָלט צושמעלצן און צוגעבן אַ קרישקעלע, דאָס הייסט: ווען מען וועט אַרויפֿלאָזן אַ שטאָט מיט חכמים, וועט מען פֿון דעם קליינעם זעקל צושיטן ווי אַ זעלטן געווירץ אַ נשמה פֿון אַ גרויסן חכם.

הכלל מען האָט געגעבן אַ מלאך די דריי זעק און אים געהייסן פֿליען איבער דער וועלט און שיטן לויטן פּלאַן.

דער מלאך איז געפֿלויגן און געטאָן וואָס מען האָט אים געהייסן. ווי ער פֿליט אַזוי איבערן עולם־התחתון, פֿליט ער פֿאַרביי כעלעם. כידוע, שטייט אין דער מיט כעלעם אַ גרויסער באַרג. אויפֿן גרויסן באַרג איז דעמאָלט געוואַקסן אַ ווילדער בוים מיט שפּיציקע צווייגן.

ווען כעלעם האָט דער מלאך גאָרנישט געטראַכט זי צו מאַכן פֿאַר אַ שטאָט. אַזוי ווי ער איז שוין געווען מיד פֿון פֿליען, איז ער גראָד איבער כעלעם געפֿלויגן אַ קאַפּעטשקע נידעריקער און געהאַלטן אין דער האַנט די צוויי זעק, ווי אויך דאָס טייערע זעקל.

צי דער מלאך האָט זיך פֿאַרקוקט אויף דעם שיינעם כעלעמער באַרג, צי ער האָט בכלל זיך פֿאַרטראַכט אין מחשבות, געוויס — דאָס טייערע זעקל האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין די שפּיציקע צווייגן פֿון כעלעמער בוים. דערפֿון איז געוואָרן אַ לאָך אינעם טייערסטן זעקל פֿון עולם־הנשמות. די נשמות פֿון די גרויסע חכמים האָבן זיך אויסגעשיט איבער כעלעם און דאָרט אָנגעהויבן צו וואַקסן.

# פֿאַרוואָס דווקא כעלעמער נאַראָנים?

— אין כעלעם איז פֿאַראַן אַ הויכער באַרג און אויף דעם דאָזיקן באַרג שטייט אַ הויכער קלויסטער מיט אַ הויכן שפּיץ. איז אַ מלאך געפֿלויגן איבער כעלעם מיט צוויי זעקעלעך נשמות. אַ זעקעלע מיט קלוגע נשמות און אַ זעקעלע מיט נאַרישע נשמות. דער מלאך האָט אײַנציקווײַז געדאַרפֿט אַראָפּוואַרפֿן די נשמות איבער שטעט און שטעטלעך: — נאַ דיר אַ קלוגע נשמה און נאַ דיר אַ נאַרישע נשמה. ער האָט עס ריכטיק געדאַרפֿט צעטיילן. אָבער פֿליענדיק האָט זיך דאָס זעקעלע מיט די נאַרישע נשמות פֿאַרטשעפּעט אין דעם שפּיץ קלויסטער און איז צעריסן געוואָרן. און אַלע נאַרישע נשמות זענען אַראָפּגעפֿאַלן אין כעלעם!

(פֿון נח פּרילוצקיס פֿאָלקלאָר-זאַמלונגען)

# כעלעם בוּיט זיך

# כעלעמער חכמים בויען די שטאָט כעלעם

ווען דאָס זעקל מיט די גרויסע חכמים האָט זיך אויסגעשיט איבער כעלעם איז פּונקט געווען אין דער מיט תמוז. די היצן זענען געווען גרויס. גראָד איז געווען אַ טרוקענער זומער און עס האָט נישט גערעגנט.

ווי קלוג יענע כעלעמער חכמים זאָלן נישט האָבן געווען, איז זיי פאָרט נישט איינגעפאַלן, אַז דער זומער-לעב וועט זיך נישט אָוועקציִען לדורות. אָט איז באַלד נאָך תשעה באב און עס רוקט זיך אָן דער חודש אלול. מען וועט בלאָזן שופר, די פיש וועלן ציטערן אין וואַסער, עס וועלן זיך מאַכן ווינטן און עס וועט אָנהייבן צו רעגענען. די חכמים האָבן נישט געטראַכט וועגן אויפשטעלן זיך הייזער. זיי זענען אַלץ געלעגן אויף דער הייסער זון ווי אין אַ שוויץ-באָד און געשמועסט וועגן טיפע חכמות.

אין די ערשטע אלול-טעג האָבן זיך די הימלען מיטאַמאָל פאַר-וואָלקנט און עס האָט אָנגעהויבן צו טריפן מיט וואַסער. די כעלעמער חכמים האָבן געמיינט: ערגעץ-ווו האָבן זיך מענטשן ווידער פאַרזינדיקט און עס קומט פונדאָסניי דער מבול.

מען איז געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און געחקירהט און געטראַכט און געמישט ספרי-חקירה און נאָכגעקוקט, אָבער מען איז נישט געקומען צו קיין טאָלק.

דערווייל זענען די טעג קילער געוואָרן. די זון האָט אָנגעהויבן צוריק אַריינצוקריכן אין איר פוטער-פעסל. די כעלעמער חכמים האָבן געזען, אַז עס זענען גאָר קיין חכמות נישט — האָבן זיי צונויפגערופן אַן אַסיפה. מחמת גרויסער איילעניש, האָט זי נישט לאַנג געדויערט. סך-הכל זיבן טעג און זיבן נעכט. מען האָט באַשלאָסן: אַזוי ווי עס גייט בלי-נדר צום ווינטער און עס כליאַפּעט דער רעגן, זאָל מען נישט לאַנג באַלאַמוטשען און בויען הייזער.

האָט גאַנץ כעלעם, אַנשים, נשים וטף, גענומען העק מיט זעגן אין אַרויפגעגאַנגען אויפן שיינעם כעלעמער באַרג. זיי טוען אַ קוק: אויפן באַרג איז ממש פינצטער פון דער וואַלד־געדיכטעניש. ביימער — אַרזי־לבנון. זייערע שטאַמען זענען שלאַנק און רונדיק און די שפּיצן פון די ביימער דערגרייכן ביז צו די וואָלקנס.

האָבן די כעלעמער נאָך אַמאָל געזען, אַז עס איז אַ נס מן השמים. זיי האָבן זיך גענומען אונטערזעגן די ביימער און דערביי זיך געפרייט וואָסערע ווילע, וואַרעמע הייזער זיי וועלן האָבן, ווען עס וועלן בלי־נדר קומען די גרויסע פרעסט און זיי וועלן קאָנען זיצן ביים פריפעטשיק און שמועסן חכמות.

ווען עס איז געקומען די ביימער אַראָפּצושלעפּן אונטן אַראָפּ קיין כעלעם, האָבן די כעלעמער געזען, אַז קיין טייבעלעך פליען נישט אין מויל אַריין. מילא, אונטערצוזעגן אַ בוים איז נאָך אַ האַלבע צרה. אַ בוים פאַלט און פון זיך אַליין. אָבער אַראָפּשלעפּן אַ בוים, און דערצו אַזעלכע אַרזי־לבנון, מוז מען נישקשה גוט פּראַצעווען.

גייט זיך אַזוי פאַרביי פאַרן כעלעמער באַרג אַ ליטוואַק.

אַ ליטוואַק קרועה־ובלואה. אַ באָרוועסער. ער טראָגט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, אַ גראָבן אָרעמאַנסקן שטעקן אין דער האַנט, און אַ צעריסן שמייסן מיצל אויפן קאָפּ. אַ ליטוואַק, וואָס האָט אויסגעקוקט אַן אורח־פּרחי, אַ מדינה־גייער. זאַט איז ער געווען, מחמת פאַר עטלעכע שעה צוריק האָט ער אָפּגעביסן אַ שטיקל פון אַן אַלטער ציבעלע. גייט ער אַזוי, דער ליטוואַק, און באָמקעט זיך אַ זמרל.

הייבט ער אויף די אויגן, זעט ער ווי יידן שפּאַנען זיך איין אין קלעצער, ציען זיך נעבעך ווי די סוסים און שלעפּן זיי אַראָפּ פון באַרג. טוט ער אַ קוק די יידן אויף די נעז — אַ ליטוואַק האָט אַן אויג — דער־קענט ער באַלד, אַז דאָס זענען די גרעסטע חכמים פון דער וועלט. טוט דער ליטוואַק צו זיך אַ שמייכל און וואַרפט אַרויס פון די ליפּן: ווייס איך וואָס! פעיליסע דריפּקעס!

באַלד טוט ער זיך אַ שטעל אָפּ, גיט גאָכאַמאָל אַ קוק און רופט זיך אָן אויפן הויכן קול: — אַ גוט העלף אייך, יידן! הייסן הייס איך פּיוועקע. מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פון תוהו־ובוהו צו גיין איבער דער וועלט און צו זען צי טוט אַ ייד אַמאָל נישט אַ נאַרישקייט און צי דאַרף ער

נישט קיין עצה. זע איך טאַקע ווי די קליגסטע ייִדן אין דער וועלט טוען די גרעסטע נאַרישקייטן.

די כעלעמער חכמים האָבן קוים געכאַפּט דעם אָטעם און זיך אָפּגעווישט מיט די פּאָלעס די פאַרשוויצטע שטערנס. זיי זעען אַז אָרעמאַן אַ מדינה־גייער, האָבן זיי געמיינט, אַז דער שלעפּער זוכט אַ הקדש אויף איבערצונעכטיקן, און זיי האָבן צו אים אַראָפּגעשריגן פון באַרג:

— מיר בויען ערשט פאַר זיך אַליין הייזער, רב ייִד. מיר האָבן נאָך נישט קיין הקדשים פאַר אורחי־פּרחי. איר מוזט אייך אויסזוכן אַן אַנדער שטעטל מיט ייִדן.

האָט זיך דער ליטוואַק ר׳ פּיוּוקע צעלאַכט און געזאָגט:

— וואָסערע הקדשים, ליבע ייִדן? אין תוהו־ובוהו האָבן מיר פאַרנומען, אַז די כעלעמער חכמים בויען אַ שטאָט און זיי בויען זי ווי די גרעסטע נאַראָנים. מען שעמט זיך פאַר אייך אין גאַנצן תוהו־ובוהו. מען האָט מיך אַהער געשיקט, כדי אייך, די קליגסטע, צו געבן אַן עצה.

— מוחל, ר׳ ליטוואַק! — האָבן די כעלעמער חכמים געשריגן און ווייטער געשלעפּט דעם לעצטן קלאָץ.

ר׳ פּיוּוקע האָט געזען, אַז איינערדעניש איז שטאַרקער פון אייזן. האָט ער זיך מיישב געווען און זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן שפּיצעם כעלעמער באַרג און געבליבן שטיין מיט זיין אָרעמאַנסקן שטעקן אינמיטן צווישן די קליגסטע ייִדן פון דער וועלט.

ער האָט נישט לאַנג געבריִעט און גענומען דעם לעצטן קלאָץ, וואָס איז געלעגן האַרט ביים באַרג־שיפּוע און אים געגעבן אַ שטופּ מיטן פוס. דער קלאָץ האָט זיך שנעל אַראָפּגעקאַלערט אונטן אַראָפּ אין טאָל אַריין.

זעט איר, ייִדן — האָט ר׳ פּיוּוקע געזאָגט — פאַרוואָס מען האָט מיך צו אייך אַהער געשיקט פון תוהו־ובוהו? איר זענט טאַקע גרויסע קאָפּ־מענטשן, אָבער אין פּשוטע זאַכן ווייסט איר אַזויפיל ווי אַ שמעק טאַבאַק.

# מען רופט אן אסיפה און מען באשליסט צו פאלגן דעם ליטוואק

די כעלעמער חכמים זענען ביי זיך געווען זיכער, אז זיי זענען די קליגסטע אין דער וועלט און קאנען ברוך־השם אליין באשטיין זייער שטעטל. זיי באדארפן נישט קיינעמס עצות. פארט האבן זיי געמוזט זען, אז דער פרעמדער ליטוואק ווייסט עפעס וואס זיי ווייסן נישט, הייסט: אז ווען א קלאץ ליגטביים שיפוע פון א בארג חארף מען אים נישט שלעפן, ער קאלערט זיך אליין אראפ ווען מען טוט אים א שטופ.

פון גרויס וווּנדער זענען די כעלעמער חכמים געבליבן אן לשון. ווען זיי זענען געקומען צו זיך און האבן געוואלט ווייטער דעם ליטוואק עפעס פרעגן, אים געבן די שיינע נדבה אדער גאר פארבעטן אויף ווערטשערע — איז דער ליטוואק שוין מער נישט געווען. מען האט אים, ר' פייווקען, געזען מיטן ארעמאנסקן שטעקן און מיטן זעקל אויף די פלייצעס, ווי ער גייט זיך פאמעלעכל הערט ווייט אויפן וועג, וואס פירט ארויס פון כעלעם.

מילא, נישטא איז נישטא. האט מען באשלאסן צו רופן אן אסיפה, כדת מה לעשות — וואס טוט מען ווייטער?

געוויינלעך האט מען זיך שטארק געאיילט, מחמת די טעג זענען געווארן קעלטער, די רעגנס האבן געכליאפעט ווי מיט צעבערס, כעלעם איז איין גרויסע בלאטע — און די כעלעמער חכמים ווינען נאך אלץ אויפן אינדרויסן. די אסיפה האט דעריבער נישט מער געדויערט ווי זיבן טעג און זיבן נעכט.

מען האט פעסטגעשטעלט און עס לדורות פארשריבן אין כעלעמער פנקס:

נומער איינס: די כעלעמער זענען טאקע די גרעסטע חכמים פון דער וועלט, אבער די ליטוואקעס זענען אויך נישט קיין נאראנים. נומער צוויי: די גרעסטע חכמים מעגן אויך אמאל צושטעלן אן אויער און הערן אן

עצה ביי אַ וויגיקער קלוגן פון זיי. על כן, באַשליסט קהל לאמור, אַזוי צו זאָגן: מען זאָל די קלעצער אַראָפּקאַלערן פון בעלעמער באַרג אין טאָל אַריין דאָרט ווו מען דאַרף צו בויען בעלעם.

נאָך דער אַסיפה, ווען אַלצדינג איז שוין געווען באַשלאָסן און כתוב וחתום — האָט זיך אָנגערופן איינער וואָס מען האָט אים געהאַלטן פאַר דעם קנאַפּסטן פון די חכמים, ער האָט געהייסן ר׳ געצל גדליה און איז געווען אַ זאַאיקע. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך ענדלעך דער־שטאַמלט וואָס ער וויל.

— רבותי — האָט דער זאַאיקע לאַנג געשטאַמלט — וואָס הייסט מיר ווען איצט אַראָפּקאַלערן די קלעצער, ווען מיר האָבן זיי שוין אַלע אַראָפּגעשלעפּט אונטן?

אין פלוג האָט עס אויסגעקוקט, אַז דער זאַאיקע איז גערעכט. אין מען פונדאָסגיי געגאַנגען צו אַן אַסיפה און אָפּגעחקרנט זיבן טעג און זיבן נעכט. לסוף האָט מען באַשלאָסן און ווידער פאַרשריבן כתוב וחתום— הייגו: זאָלן זיך אַלע בעלעמער חכמים איינשפּאַנען אין די קלעצער און זיי צוריק אַרויפשלעפּן אויפן באַרג. דערנאָך זאָל מען די קלעצער אַראָפּקאַלערן כפי ווי עס האָט געעצהט דער ליטוואַק, ווײַל מען האָט אַהער געשיקט קיין בעלעם.

## כעלעם בויט אַ וואַסערמיל

פינף פורן זענען געפאָרן פון כעלעם קיין לובלין. געפאָרן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ און געפירט קאָרן צו מאָלן אין דער וואַסערמיל פון לובלין.

פינף פורן, פינף פערד און צען כעלעמער קלוגע לייט. איין כעלעמער, אַ לאַנגער, האָט געפירט דאָס פערד ביים ציימל; אַן אַנדער כעלעמער, אַ קורצער, איז געזעסן אויף דער קעלניע און געהאַלטן די לייצעס. צוויי כעלעמער מיט יעדער פור. פינף פורן, פינף פערד און צען כעלעמער קלוגע לייט. און דער עלטסטער, דער קליגסטער פון אַלע — פייוול — איז געווען דער פירער פון „אָבאָז". ער איז געפאָרן אין אַ פאַיעטאָנדל מיט דריי פערד נאָשפּיץ ווי אַ פּריץ.

אינמיטן וועג שטעלן זיך אָפּ די כעלעמער אָפּצורוען זיך. שטעלט זיך אויף פייוול, דער קליגסטער פון כעלעם, און טוט אַ זאָג:

— זאָגט מיר נאָר, כעלעמער, פאַרוואָס פירן מיר קאָרן צו מאָלן קיין לובלין?

— פאַרוואָס טאַקע? — פרעגן די כעלעמער.

ענטפערט פייוול, דער קליגסטער פון כעלעם:

— מיר פירן קאָרן צו מאָלן קיין לובלין, ווייל אין כעלעם איז נישטאָ קיין וואַסערמיל.

— טאַקע אַן אמת — ענטפערן די כעלעמער.

— אוודאי אַן אמת! — שרייט אויס פייוול — אָבער זאָגט מיר, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט בויען קיין וואַסערמיל אין כעלעם?

— טאַקע פאַרוואָס נישט? — פרעגן די כעלעמער.

— וועלן מיר טאַקע בויען, וועלן מיר טאַקע בויען! — קלאַפּט זיך פייוול מיט דער פויסט אין האַרצן. — אַ וואַסערמיל וועלן מיר בויען!

— אוודאי וועלן מיר בויען — האָבן צוגעשטימט די כעלעמער

— אָבער ייִדן — האָט פּייוול געוואָרנט — אַ וואַסערמיל קאָסט געלט, אַן אוצר מיט געלט, אַ ים מיט געלט!

האָבן די כּעלעמער געענטפערט:

— וועלן מיר זיך פון העמד אויסטאָן און אַ וואַסערמיל אויפבויען אין כעלעם.

— אויב אַזוי — האָט פּייוול אויסגעשריגן מיט פרייד — איז גוט און ווויל. מיר וועלן אויפשטעלן אַ וואַסערמיל פון וואַסערמיל־לאַנד. גוטע פריינד וועלן זיך פרייען און שונאים וועלן צעפּיקט ווערן פון קנאה.

— שונאים וועלן צעפּיקט ווערן פון קנאה — האָבן די כעלעמער געליאַרעמט און געטומלט.

* *

*

באַלד נאָך פּסח האָבן זיך די כעלעמער געשטעלט בויען די וואַ־סערמיל. זיי האָבן אָבער אָפּגעמאַכט נישט צו בויען די וואַסערמיל לעבן טייך. דער טייך איז דאָך אין טאָל, וועט זיך די וואַסערמיל נישט אָנזען. זיי וועלן שטעלן די וואַסערמיל אויפן שפּיץ באַרג, וועט מען זי זען אויף מײלן ווייט. זאָלן שונאים צעפּיקט ווערן.

האָבן די כעלעמער אויפגעבויט אויפן שפּיץ באַרג אַ וואַסערמיל אַזאַ, וואָס איז טאַקע ווערט געווען אָנצוקוקן. דער דאַך איז געווען פון בלעך און געפאַרבט רויט. דאָס מילראָד פון דעמבענעם האָלץ און גע־פאַרבט גרין. די ווענט, כּדי זיי זאָלן אויסקוקן שיין, זענען געווען גלאַט אָן איין פענצטער. די מילשטיינער האָט מען געבראַכט אַזש פון לייפּ־ציק. כעלעם האָט אפילו נישט פאַרגעסן אַוועקצושטעלן אַ וועטערהאָן אויפן שפּיץ דאַך.

ווען דאָס לעצטע טשוועקל איז אַריינגעקלאַפּט געוואָרן, האָט כע־לעם געבראַכט אין מיל אַריין פולע פורן מיט קאָרן צו מאָלן. פּייוול, דער קליגסטער פון כעלעם, האָט אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט אָנגע־שאָטן די גרויסע קאַסטנס מיט תבואה און אַ דריי געטאָן דאָס הענטל פון וואַליץ צו לאָזן די מיל גיין. אַלע האָבן פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַטע און פאַרמאַכט די אויגן: אָט באַלד וועט ווערן אַ קלאַפּעריי פון די וואַליצן און רעדער, און אַ ווייסער שטויב וועט זיך אויפהייבן ביזן הימל. אָבער די וואַליצן האָבן נישט געקלאַפּט, די רעדער האָבן זיך

נישט געדרייט. און די מילשטיינער האָבן נישט געמאָלן. די מיל איז געשטאַנען שטום און שטיל ווי אַן אָפּגעמאָלטע אויף פּאַפּיר. די בעלע־מער האָבן אַרויסגענומען די וואַטע פון די אויערן, געעפנט די אויגן און געקוקט לעקעשעוואַטע.

פּייוול האָט זיך געוווּנדערט:

— יער, דער קליגסטער פון בעלעם, פאַרשטייט אויך נישט פאַרוואָס די מיל מאָלט נישט. די גרעסטע בוימייסטערס פון בעלעם האָבן גע־מאַכט דעם פּלאַן. די באַלמעלאָכעס האָבן געטאָן אַלץ, ווי ס'איז געווען פאַרשריבן אין פּלאַן, איז פאַרוואָס מאָלט די מיל נישט?

רופט בעלעם צונויף אַלע אירע בוימייסטערס אויף אַן אסיפה. קו־מען די בוימייסטערס מיט פּאַפּיר און בליישטיפט, ווירעס און מעסט־שטריק. זיי באַקוקן די מיל, באַטאַפּן יעדעס ברעט און יעדן טשוואָק. אַלץ איז ווי ס'באַדאַרף צו זיין. יעדער מילשטיין האָט אַ לאָך אינמיטן. די שלעסער זענען אויף די טירן, אַ שוועל איז ביי דעם אַריינגאַנג. דער וועטערהאָן איז אויפן שפּיץ דאַך. אַלץ איז ווי געהעריק.

— די מיל מוז גיין! — באַשליסן די בוימייסטערס.

— פּרובירט נאָך אַמאָל! — טוט אַ קאָמאַנדעווע דער הויפּט פון די בוימייסטערס.

די בעלעמער פאָלגן. פּייוול טוט ווידער אַ דריי דאָס הענטל, וואָס דאַרף לאָזן גיין די מיל. אָבער די רעדער הרייען זיך נישט, די וואַלצן קלאַפּן נישט און די שטיינער מאָלן נישט. די מיל שטייט שטום און שטיל, ווי אַן אָפּגעמאָלטע אויף פּאַפּיר.

טוט איינער פון די בוימייסטערס זיך אַ קלאַפּ אין שטערן און זאָגט:

— איך ווייס שוין פאַרוואָס די מיל מאָלט נישט!

— פאַרוואָס? — פרעגן אַלע מיטאַמאָל.

— די מיל גייט נישט — ציט די ווערטער דער קלוגער בוימייס־טער — די מיל גייט נישט, ווייל ס'איז נישטאָ קיין גענוגע ליכטיקייט אין דער מיל. די ווענט זענען טאַקע שיין, אינגאַנצן גלאַט, אָבער ס'זע־נען נישטאָ קיין פענצטער אין דער מיל. אַז קיין פענצטער זענען נישטאָ, איז פינצטער.

— נו, אַז ס'איז פינצטער אין מיל, איז וואָס? — פרעגן די בע־לעמער. — מיר פאַרשטייען עס נישט.

זאָגט פּייוול, דער קליגסטער מאַן פון בעלעם:

— איך פֿאַרשטיי יאָ פֿאַרוואָס די מיל־פֿינצטערניש לאָזט די מיל נישט גיין. ווו ס'איז פֿינצטער, האָרטן געפֿינען זיך שדים. אין מיל איז פֿינצטער, זענען דאָ אין איר שדים. די שדים האַלטן צו דאָס גרויסע מילראָד. אַז האָס ראָד דרייט זיך נישט, קלאַפּן נישט די וואַלצן. אַז די וואַלצן קלאַפּן נישט, מאָלן נישט די שטיינער.

— געדעכט — זאָגט דער בוימייסטער — געדעכט איז פּיוול.

טוט פּיוול אַ קאָמאַנדעווע צו די בעלעמער:

— גיסט אַריין ליכטיקייט אין מיל!

* *
*

כאַפּן די בעלעמער עמערס און צעבערס, פֿעסלעך און זעק און שטעלן זיך אויס אין דרויסן אַנטקעגן דער זון. די מענער כאַפּן אַריין אין די זעק זון־שטראַלן און פֿאַרבינדן זיי. די פֿולע זעק מיט די זון־שטראַלן פֿאַרוואַרפֿן זיי אויף די פּלייצעס און לויפֿן אין מיל, בינדן זיי אָפּ און גיסן אַריין די ליכטיקייט גלייך אין חלל. די פֿרויען און קינדער שלעפּן עמערס מיט טאָג־ליכט אין מיל אַריין. אָבער די מיל בלייבט פֿינצטער.

זאָגט דער בוימייסטער:

— פֿאַרפֿאַלן, ס'העלפֿט נישט! מען מוז אַראָפּרייסן דעם דאַך!

רייסט מען אַראָפּ דעם דאַך. די מיל ווערט פֿאַרפֿלייצט מיט ליכט און זונשיין. אָבער די רעדער דרייען זיך נישט, די וואַלצן קלאַפּן נישט און די שטיינער מאָלן נישט.

האָט בעלעם פֿאַררופֿן אַ נייע אסיפֿה פֿון די בוימייסטערס.

טראַכטן און טראַכטן די בוימייסטערס און קאָנען זיך נישט דער־טראַכטן. זיי גייען ווידער אַוועק אין מיל און באַקוקן ווידער יעדעס שרייפֿעלע, יעדעס רעדעלע. זיי מעסטן און שרייבן. אַלץ איז פּונקט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. די מיל מוז גיין.

אָבער מאַלע וואָס די בוימייסטערס זאָגן. די מיל מאָלט נישט. די מיל גייט נישט.

רופֿט זיך אָן איינער פֿון די בוימייסטערס:

— איר ווייסט וואָס ס'פֿעלט דער מיל?

— וואָס? — פֿרעגן אַלע נייגעריק.

— ס׳פעלט דעם מילראַד וואַסער — ענטפערט דער בוימייס־טער. — אַ וואַסערמיל דאַרף האָבן וואַסער, דערפאַר רופט מען זי דאָך וואַסערמיל.

מוט פייוול, דער קליגסטער ייד פון כעלעם, אַ קאָמאַנדיעווע:

— כעלעמער, גיסט וואַסער אויפן מילראָד!

צעשטעלן זיך די כעלעמער אין אַ לאַנגער שורה פון מיל ביז דעם טייך. מענער, ווייבער און קינדער שעפּן וואַסער פון טייך און גיסן אויף דער מילראָד. אָבער ס׳העלפט נישט. די גרויסע ראָד דרייט זיך נישט, די וואַלצן קלאַפּן נישט, די שטיינער מאָלן נישט און די מיל גייט נישט.

*   *

*

רוישט און טומלט כעלעם: געוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ? פאַרוואָס מאָלט נישט די מיל? אינמיטן טומל און הו־האַ קומט אָן אַ פרעמדער. קוקט דער פרעמדער אויף דער שיינער וואַסערמיל, וואָס שטייט אויפן באַרג, זעט ער ווי די כעלעמער שטייען מיט ליידיקע צעבערס און עמערס. זאָגט ער:

— קלוגע לייט פון כעלעם: וואָס טומלט איר אַזוי?

ענטפערט פייוול, דער קליגסטער מאַן פון שטאָט:

— אונדזער וואַסערמיל וויל נישט מאָלן.

זאָגט דער פרעמדער:

— אויב איר ווילט, אַז די וואַסערמיל זאָל מאָלן, שטעלט זי אַוועק ביים טייך מיט איר ראָד קעגן שטראָם — וועט די מיל מאָלן.

צעלאַכט זיך כעלעם:

— הערט אַן אייצעס פון אַ פרעמדן נאַר! גיסן ליכטיקייט אין מיל האָט נישט געהאָלפן; אַראָפּרייסן דעם דאַך האָט נישט געהאָלפן; גיסן וואַסער אויפן ראָד האָט אויך נישט געהאָלפן, און אַזאַ פּראָסטע זאַך, ווי שטעלן די מיל ביים טייך מיט דעם ראָד אַנטקעגן שטראָם, וועט יאָ העלפן?

אָבער די מיל מאָלט פאָרט נישט. האָט כעלעם גערופן אַן אסיפה. די בוימייסטערס האָבן געטראַכט און געטראַכט און ס׳איז געבליבן, אַז די וואַסערמיל אויפן באַרג מאָלט נישט, ווייל כעלעמער קלימאַט פּאַסט זיך נישט פאַר קיין וואַסערמיל.

# בעלעם רעכנט זיך אָפּ מיט אַ ראַק

אַז די וואַסערמיל אויפֿן שפּיץ באַרג האָט נישט געמאָלן און די בעלעמער זענען געוואָרן אָרעמער פֿון בלינדע בעטלער, האָט גאַנץ בעלעם זיך אָנגעהויבן שפּייזן מיט קאַרטאָפֿל. קאַרטאָפֿל האָט בעלעם געהאַט גענוג. יעדער בעלעמער האָט פֿאַרמאָגט אַ גאָרטן לעבן הויז, וווּ ער האָט פֿאַרזייט קאַרטאָפֿל.

האָט מען געגעסן זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס און דינסטיק ווידער בולבעס. נישט מער, אויף שבת האָט מען געמאַכט פֿון די קאַרטאָפֿל אַ קוגל. אַזוי אַרום האָט גאַנץ בעלעם געגעסן אָן אויפֿהער קאַרטאָפֿל און געבענקט נאָך אַ שטיקל הערינג.

די בעלעמער האָבן שטאַרק ליב געהאַט הערינג. אַלע געזאַלצענע פֿיש זענען געווען ביי די בעלעמער אַ גוט מאכל. אָבער מער פֿון אַלץ האָט אַ בעלעמער פֿאָרט ליב געהאַט אַ גוט שטיקעלע הערינג.

דערביי עסט אַ בעלעמער הערינג נישט אַזוי ווי אַלע מענטשן. פֿריער נעמט דער בעלעמער דעם הערינג און וואַשט אים גוט אויס. דערנאָך הייסט ער דעם ווייב אָפּגיסן דעם הערינג מיט הייס קאָכעדיק וואַסער. נאָכן אָפּגיסן מיט הייס וואַסער, שיילט ער אָפּ די הויט פֿון הערינג. אָפּגעשיילט די הויט, זוכט ער אויס אַ שאַרף מעסער און צעשניידט דעם הערינג אויף דינע שטיקלעך. דאָס ווייב לייגט צונויף אַזוי קונציק די שטיקלעך הערינג, אַז ער זעט אויס ווי נישט אָנגערירט. אַז דער הערינג ליגט שוין אַזוי צונויפֿגעלייגט, צעשניידט ערשט דער עלטסטער זון אַ גרויסע ציבעלע אויף דינע פֿענעצלעך און צעלייגט זיי מיט אַ סדר אויף דעם ראַנד פֿון טעלער. דערנאָך נעמט דער בעלעמער אַ פֿעפֿער־מעסטל און באַשפּרינקלט דעם הערינג מיט פֿעפֿער. און גאָר צולעצט גיסט ער אַרויף אויפֿן הערינג, אויף די ציבעלעם און פֿעפֿער אַ היפּש ביסל עסיק. ערשט אַז אַלץ איז שוין גוט דורכגעווייקט אין שאַרפֿן עסיק, נעמט מען זיך צום עסן.

בעלעמער עסן דעם הערינג מיט שוואַרץ ברויט. זיי קייען, פּאַסמאַ־קעווען זיך און זאָגן איינער צום אַנדערן, אַז אויף יענער וועלט, אין גן־עדן, וועט גאָט געבן אַלע גוטע פרומע לייט דריי מאָל אַ טאָג הערינג מיט שוואַרץ ברויט.

* *
*

דער קלוגער פייוול האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז בעלעמער יידן האָבן ליב הערינג. וואָסי, ער אַליין איז נישט קיין בעלעמער און בענקט נישט נאָך אַ שטיקל הערינג? אָבער וואָס טוט מען, אַז די מיל אַרבעט נישט? און דער קלימאַט אין בעלעם בייט זיך נישט?

זיצט איינמאָל דער קלוגער פייוול אויפן מילשטיין אין דער פוסטער מיל און אונטן אויף דער פּאָדלאָגע זיצן די בעלעמער אין אַ קרייז און רעדן. הערט ער ווי זיי דערמאָנען זיך אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען דער גראָשן האָט זיך געבאַמבלט אין קעשענע און יעדער בעלעמער האָט געגעסן, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, הערינג מיט ציבעלע, באַשאָטן מיט פעפער און באַגאָסן מיט עסיק.

טראַכט פייוול:

— אַך, ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך קאָן זיי געבן הערינג צו עסן אַלע טאָג. אָבער אַז די מיל מאָלט נישט, און דער קלימאַט בייט זיך נישט, און די חובות זענען גרויס — איז שלעכט!

מיטאַמאָל פליט אים דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ. ער שטעלט זיך אויף און שרייט אויס מיט פרייד:

— בעלעמער יידן, איך האָב אַ פּלאַן!

— וואָס פאַר אַ פּלאַן? — פרעגן די בעלעמער.

— אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן האָבן וויפל הערינג מיר וועלן נאָר וועלן און ס'זאָל אונדז נישט קאָסטן קיין גראָשן געלט.

— ווי אַזוי קאָן עס געמאָלט זיין? — פרעגן די בעלעמער.

— טאָ הערט־זשע מיט קאָפּ — האָט פייוול געענטפערט — מיר וועלן שטילערהייט קויפן פינף פעסלעך רויטע הערינג און פינף פעסלעך ווייסע הערינג. מיר וועלן אויך קויפן צען זעק געטרוקנטע געזאַלצענע פיש, וואָס מ'רופט טאַראַנעס, און פופצן זעק געדרויכערטע, וואָס מ'רופט קאָפּטשאָנקעס. די אַלע פיש וועלן מיר אַריינלאָזן אין בעלעמער טייך. די פיש וועלן זיך מערן און פרוכפּערן אין טייך. איבעראַיאָר וועלן מיר

יינגען פישער־יונגען און זיי וועלן אויסשפרייטן נעצן און כאַפּן פֿאַר אונדז וויפֿל הערינג מיר וועלן נאָר וועלן. עטלעכע הערינג וועלן מיר איבערלאָזן אין טייך, וועלן זיי זיך זיכער ווייטער פּרוכפּערן און מערן, וועלן מיר האָבן אומזיסטע הערינג אויף אייביק און אייביק.

— אַ גוטער פּלאַן! — האָבן די כעלעמער צוגעגעבן.

— איז דאָך גוט! — האָט אויסגערופֿן פּייוול.

— יאָ, גוט! — האָבן געענטפֿערט די כעלעמער — אָבער מיר דאַרפֿן דאָך האָבן געלט אייַנצוקויפֿן די געזאַלצענע פֿיש, און קיין געלט האָבן מיר נישט.

פּייוול האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— געלט, שמעלט! געהערט האָבן מיר? וועלן מיר פֿאַרמשכּונען אונדזערע גערטנער און אייַנקויפֿן די געזאַלצענע פֿיש און ס'וועט אונדז זייַן גוט.

*   *

*

האָבן די כעלעמער באַלעבאַטים אַזוי געטאָן. זיי האָבן פֿאַרמשכּונט זייערע גערטנער און געקויפֿט אַ פֿעסל ווייסע הערינג און אַ פֿעסל רויטע הערינג, טרוקענע טאַראַנעס און גערויכערטע קאַפּטשאָנקעס און אין אַ פֿינצטערער נאַכט האָט פּייוול מיט די שענסטע באַלעבאַטים אַרייַנגע־לאָזט די געזאַלצענע פֿיש אין דעם כעלעמער טייך.

די באַלעבאַטים האָבן אָפּגעוואַרט אַ קיילעכדיק יאָר און פּונקט צום טאָג זענען זיי געקומען צו דעם טייך מיט אַ חבֿרה פֿישער, וואָס האָבן געשלעפּט נעצן פֿאַר פֿישפֿאַנג.

גאַנץ כעלעם איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אָנצוקוקן דאָס בייז־וווּנדער.

צעשטעלן זיך די פֿישער און הייבן אָן זייער אַרבעט. זיי פֿאַרוואַרפֿן נעצן, לאָזן זיי אַרונטער און שלעפּן זיי אַרויס. אַלע כעלעמער שטייען מיט אָפֿענע מיילער און קוקן זיך צו ווי עס קומט פֿאָר. זינט די שטאָט איז אַ שטאָט איז נאָך קיינעם נישט אייַנגעפֿאַלן כאַפּן פֿיש אין כעלעמער טייך.

די פֿישער שלעפּן אַרויס די נעצן — עטלעכע לאַנגע גראָזן, אַ ביסל בלאָטע און מער גאָרנישט.

פֿאַרוואַרפֿן די פֿישער די נעצן נאָך אַמאָל. זיי אַרבעטן שווער — לאָזן אַראָפּ די נעצן צום גרונט פֿון טייך און שלעפּן זיי אַרויס. גאָרנישט! אַ ביסל מער טייך־גראָז, עטלעכע האַלב־צעפֿוילטע שטעקלעך, אַן אַלטער צעריסענער שטיוול. פֿון פֿיש איז קיין זכר נישטאָ.

שטייט פייוול, דער קליגסטער מענטש פון כעלעם, אַ צעקאָכטער און קאָמאַנדעוועט:

— פאַרוואַרפט די נעצן נאָך אַמאָל! און נאָך אַמאָל! ס'מוזן דאָ זיין הערינג!

פאָלגן די פישער. זיי אַרבעטן אָפּ אַ גאַנצן טאָג. זיי באַגיסן זיך מיט שווייס און — זאָל עס כאָטש זיין אַ ברעקעלע פישעלע אויף אַ רפואה.

זעט פייוול, אַז ס'איז שלעכט, צעשרייט ער זיך מיט באַנומענע קולות:

— געוואַלד, יידן, ראַטעוועט! מ'האָט אונדז באַגנבעט!

שרייען אים נאָך די כעלעמער באַלעבאַטים:

— געוואַלד יידן, ראַטעוועט! מ'האָט אונדז באַגנבעט!

* *
*

קומט צולויפן דער כעלעמער רב און פרעגט מיט שרעק:

— ווער האָט אייך באַגנבעט, און וואָס האָט מען ביי אייך געגנבעט?

דערציילט אים פייוול די גאַנצע מעשה פון אָנהייב ביזן סוף און לאָזט אויס:

די כעלעמער ווייבער האָבן זיך דערוווּסט פון אונדזער סוד און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן ביזן סוף יאָר. זיי האָבן אַרויסגעגנבעט פון טייך אונדזער ווייסן הערינג און רויטן הערינג, די טרוקענע טאַראַנעס און געראַוכערטע קאַפּטשאָנקעס.

שווערן די ווייבער פון כעלעם, אַז זיי ווייסן נישט פון וואָס צו זאָגן.

זאָגט דער רב:

— אַז יידישע מעכטער שווערן, מוז מען זיי גלייבן.

זאָגט פייוול:

— וויבאַלד אַז מ'האָט אונדז נישט באַגנבעט, מוזן דאָך די הערינג זיין אין טייך. זאָלן די פישער פאַרוואַרפן די נעצן נאָך אַמאָל!

פאַרוואַרפן די פישער די נעצן נאָך אַמאָל. דאָס מאָל זענען זיי באַגליקט געוואָרן. זיי האָבן געפאַנגען אַ גרויסן, רויטן ראַק מיט שפּיציקע הערנער. אַ ראַק, וואָס אַזאַ איז נאָך נישט געהערט געוואָרן.

וואַרפֿן אַרויס די פֿישער דעם ראַק אויפֿן זאַמד און דער כעלעמער רבֿ טוט אַ קוק אויפֿן ראַק און זאָגט צו די כעלעמער באַלעבאַטים:

— זעט, אָט איז אייער גנבֿ. איר האָט אומזיסט באַשולדיקט אומשולדיקע מענטשן אין גנבֿה. קוקט אָן דעם טריפֿהנעם ביין. ער איז רויט און אָנגעגאָסן מיט בלוט. אַ בלינדער קאָן זען, אַז ער איז רויט און פֿעט, ווייל ער האָט אויפֿגעגעסן אייער ווייסן הערינג און רויטן הערינג, אייערע טרוקענע טאַראַנעס און געוויכערטע קאַפּטשאַנקעס.

לאָמיר דעם גנבֿ צערייסן אויף שטיקלעך! — האָט כעלעם געשטורעמט מיט צאָרן.

— אַ ראַק צערייסט מען נישט — זאָגט דער כעלעמער רבֿ רויִק צו די שטאָט־באַלעבאַטים — מ׳זאָגט אין יידיש — „צערייסן ווי אַ הערינג“, אָבער קיינער זאָגט נישט — „צערייסן ווי אַ ראַק“.

— לאָמיר אים צעהאַקן — זאָגט כעלעם.

— ניין, ס׳טויג נישט — שאָקלט דער רבֿ מיטן קאָפּ — מ׳האַקט ציבעלע, מ׳האַקט לעבערלעך, מען האַקט פֿיש, אָבער נישט קיין ראַק.

— לאָמיר אים אָפּבראָטן — זאָגט כעלעם.

— ניין, ס׳טויג נישט — ענטפֿערט ווידער דער רבֿ — האָט איר ווען ס׳איז געהערט, אַז אַ ייד זאָל בראָטן אַ ראַק? אַ ייד בראָט אַ גאַנדז, אַ קאַטשקע; אַ ייד בראָט פֿלייש, אָבער יידן בראָטן נישט קיין ראַק.

— איז וואָס זאָל מען מיט אים טאָן? — פֿרעגן די כעלעמער באַלעבאַטים — צערייסן נישט, צעהאַקן נישט, בראָטן נישט, איז ווי אַזוי זאָל מען אים באַשטראָפֿן? און באַשטראָפֿן מוז מען אים, ער האָט דאָך אויפֿגעפֿרעסן אונדזערע געזאַלצענע פֿיש, וואָס מיר האָבן אַריינגעלאָזט אין טייך צו פֿרוכפּערן זיך און מערן.

זאָגט דער רבֿ:

— שאַ, שטיל, איך האָב פֿאַר אים אָנגעגרייט די ריכטיקע שטראָף.

— וואָס פֿאַר אַ שטראָף? — האָבן אַלע אויסגעשריגן אין איין קול.

— דערטרינקען! — האָט דער רבֿ באַפֿוילן.

— אַ גערעכטער פּסק! — האָבן די כעלעמער אויסגעשריגן מיט פֿרייד — דערטרינקט דעם הערינג־פֿרעסער!

פֿייוול, דער קליגסטער ייד פֿון כעלעם, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ראַק און אים אַריינגעוואָרפֿן אין טייך אַריין.

אָט אַזוי האָט כעלעם גענומען נקמה פֿון דעם טריפֿהנעם ראַק.

# דערטרונקען צוויי מילשטיינער

דער דלות איז אין בעלעס געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. ס׳איז בעלעס ביטער אויפן האַרץ. טאָג איין, טאָג אויס, דאָס זעלביקע עסן — ברויט מיט נישט, אָדער פוסטער קרופניק. דער בויך ווערט אָנגעפילט, אָבער זאַט קאָן מען נישט ווערן פון אַזאַ עסן. נישט קיין פוטער און נישט קיין שמאַלץ; נישט קיין פלייש און נישט קיין פיש, נישט קיין פיצעלע הערינג צו דערקוויקן די נשמה און אפילו קיין קאַרטאָפל צו זאַט איז שוין נישטאָ.

בעלעס איז טרויעריק. מ׳הערט נישט אין שטאָט קיין געזאַנג אָדער געלעכטערס, נאָר אַלע אָוונט צעזינגען זיך די גרילן אין די לעכער:

— צירק, צירק, צירק — זינגען די גרילן — טרוקן ברויט און אַ קאַרטאָפל, און באַלד וועט האָס אויך נישט זיין.

זיצן די בעלעמער אין מיל הונגעריקע, שווייגנדיקע און אומעטיקע. קוקט פייוול און זעט די פינצטערע פנימער פון די שטאָטלייט. טראַכט ער:

— ס׳איז זיי שלעכט. מ׳מוז ראַטעווען די שטאָט. ער האָט טאַקע אַ גוטן פּלאַן. אָבער ס׳איז נישט גוט צו ברענגען אַ פּלאַן פאַר אָנגעברוגזטע, אָנגעבלאָזענע און הונגעריקע יידן.

— אָבער דער פּלאַן וועט דאָך זיי גליקלעך מאַכן — טראַכט פייוול — דאַרף מען זיי אויפמונטערן אַ ביסל.

לאָזט זיך פייוול דער פירער אַראָפ אויף אַלע פיר און הייבט אָן זוכן אויף דער פאָדלאָגע פון מיל.

זעען די בעלעמער ווי פייוול זוכט און נישטערט. פרעגן זיי:

— פייוול, וואָס זוכסטו?

ענטפערט פייוול:

איך האָב געזען, אַז איר האָט אַראָפגעלאָזט די נעז, זוך איך זיי. צעלאַכן זיך די בעלעמער הויך אויפן קול. זעט פייוול, אַז די בע-

לעמער זענען מונטערער געוואָרן, כאַפּט ער זיך אַרויף אויף דעם הויכן מילראָד און רופט אויס אויפן קול:

— בעלעמער, נישט געזאָרגט, איך האָב אַ פּלאַן, וואָס וועט אונדז אויסלייזן פון אונדזער אָרעמקייט און דלות.

— לאָמיר הערן — ענטפערט כעלעם.

— הערט־זשע — האָט פּייוול געזאָגט צו זיי — די מיל איז שיין. פאַרקויפן זי איז אַ שאָד. אָבער מאָלן מאָלט זי דאָך נישט. אויב אַזוי, צו וואָס דאַרפן מיר די מילשטיינער?

— טאַקע, צו וואָס דאַרפן מיר די מילשטיינער? — האָבן די כע־לעמער געפרעגט.

— זאָג איך דאָך — ענטהט פּייוול — אַז מיר דאַרפן זיי נישט. טאָ לאָמיר זיי אַרויסנעמען פון מיל און פאַרקויפן. פאַר דעם געלט וועלן מיר צוריקקויפן אונדזערע גערטנער. מיר וועלן צוריק אויפגע־ריכט ווערן.

ס'וועט זיין גוט, אַז מיר וועלן צוריק אויפגעריכט ווערן — האָבן די בעלעמער געליאַרעמט.

און פּייוול רעדט ווייטער:

— און די שטיינער אַרויסנעמען פון מיל איז גרינגער ווי אויפצו־עסן אַ בייגל, אָדער אַרויסנעמען אַ האָר פון מילך. די מיל שטייט דאָך אויפן באַרג, וועלן מיר די שטיינער אַראָפּקייקלען גלייך אין טאָל אַריין צום טייך. מיר וועלן אויפן טייך אָנגרייטן אַ פּליט. מיר וועלן אַרויפלייגן די שטיינער אויף דעם פּליט און זיי אַוועקפירן אין שטאָט אַריין, דאָרטן וועט מען זיי אויסכאַפּן פאַר גוט געלט.

* *
*

געדעט און געטאָן. צוואַנציק מאַנצבילן און פערציק ייִנגלעך האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אַרום די מילשטיינער. חברה האָט אָפּגעדרייט שרויפן, לויז געמאַכט ברעטער, אַרויסגענומען טשוועקעס. די בעלעמער האָבן געקלאַפּט, געזעגט, און נאָך שווערער פּראַצע, האָבן זיי לויז געמאַכט די מילשטיינער.

אַז די מילשטיינער זענען לויז געוואָרן, האָט זיך פּייוול געשטעלט אויף אַ לייטער און געקאָמאַנדעוועט:

— פאַרזיכטיק, כעלעמער, שפרינגט אָפּ אין אַ זייט. אָט! אָט! באַלד, האָ, האָ. דער מילשטיין, האָפּ!

דער מילשטיין קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ, גלייך אין שטאָט אַריין. פון שטאָט אין טאָל, פון טאָל — באַץ — גלייך אין טייך אַריין און נישטאָ!

# פייוול פירט די גרענדע

די וואַסערמיל, וואָס די כעלעמער האָבן אויפגעשטעלט אויפן באַרג, האָט נישט געמאָלן. קיין הערינג אין כעלעמער טייך זענען נישט געווען. די גערטנער פאַרמשכונט. כעלעם איז מער און מער פאַראָרעמט געוואָרן. אָט באַלד און די גאַנצע שטאָט וועט דאַרפן אָנקומען צו בעטל־ברויט.

אָבער ווי זאָגט אַ יידיש ווערטל: דער אויבערשטער שיקט צו דעם שפּינער זיין פלאַקס און דעם שיכור זיין שנאַפּס. אין כעלעם האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער ייד, וואָס האָט געוואָלט אָפּקויפן די וואַסערמיל, וואָס שטייט אויפן שפּיץ באַרג. כעלעם וואָלט אויפגעריכט געוואָרן. איז דאָך גוט, אָבער פייוול, דער קליגסטער ייד פון כעלעם, האָט געפירט די גרענדע און ער האָט נישט געלאָזט פאַרקויפן די וואַסערמיל.

* *
*

ס'איז געווען אין אַ מאָנטיק־פרימאָרגן. אַ פרעמדער איז אָנגעקומען קיין כעלעם, אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג און אָנגעהויבן באַקוקן די וואַסערמיל.

גייט דער פרעמדער אַרום און אַרום דער מיל — און גאַנץ כעלעם, מיט פייוולען אין דער שפּיץ, גייט אים נאָך. אַלע ווילן זען וואָס דער פרעמדער וועט טאָן. דער פרעמדער באַקוקט מיט קאָפּ די מיל און זאָגט:

— אַ שיינע מיל!

— אוודאי איז זי שיין — כאַפּט אונטער גאַנץ כעלעם.

— אָבער — זאָגט דער פרעמדער און גלעט זיך זיין באָרד — די וואַלצן קלאַפּן נישט, די רעדער דרייען נישט און די מילשטיינער מאָלן נישט.

— אויך אַן אמת — שאָקלען די בעלעמער מיט די קעפּ.

רעדט ווייטער דער פּרעמדער:

— די מיל וועט נישט מאָלן. ס'איז דאָך אַ וואַסערמיל, און אַ וואַסערמיל דאַרף שטיין אין טאָל ביים וואַסער, מיט דעם גרויסן ראָד אַנטקעגן שטראָם.

— מיר האָבן עס געהערט — זאָגט פּיוול — אָבער ס'איז נישט אמת. מיר, בעלעמער, האַלטן, אַז די מיל גייט נישט, ווייל דער בעלעמער קלימאַט פּאַסט נישט פאַר קיין וואַסערמיל.

טוט דער פּרעמדער אַ קוק אויף פּיוולען, דעם קליגסטן מענטש פון בעלעם, און דער פּרעמדער זעט אויך, ווי די בעלעמער שאָקלען צו מיט די קעפּ ווי שעפּסן. טראַכט ער: — אַז די וועלט זאָגט — בעלעם, גלייב. בעלעם האָט אייגענע פּירעכצן. דאָ וועלן נישט העלפן קיין טענות. צו אַ קינד דאַרף מען רעדן ווי צו אַ קינד און צו אַ בעלעמער דאַרף מען זען נוצן זיינע אייגענע חכמות. זאָגט דער פּרעמדער צו פּיוולען:

— טאַקע אמת. איך האָב אויך געהערט, אַז בעלעמער קלימאַט פּאַסט נישט פאַר קיין וואַסערמיל. אָבער אייער בעלעמער באַרג איז זייער אַ גוט ערטל אויפצושטעלן אַ ווינטמיל.

— אָבער אויף אונדזער באַרג שטייט דאָך אַ וואַסערמיל — זאָגט פּיוול.

— פּאַרקויפט מיר די וואַסערמיל — זאָגט דער פּרעמדער — וועל איך זי איבערבויען אויף אַ ווינטמיל.

— פּאַרקויפן די וואַסערמיל? — האָט פּיוול אויפגעציטערט — ניין! מיר וועלן נישט פּאַרקויפן די וואַסערמיל. מיר האָבן געאַרבעט שווער און ביטער זי אויפצובויען.

די בעלעמער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— אָבער איר האָט דאָך נישט קיין נוצן פון איר — האָט דער פּרעמדער געזאָגט.

— פּאַרוואָס האָבן מיר נישט פון איר קיין נוצן? — וווּנדערט זיך פּיוול — די מיל איז דאָך שיין. קוקן מיר אויף איר.

— וועט איר קוקן אויף אַ ווינטמיל — האָט דער פּרעמדער געזאָגט.

— מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער וואַסערמיל — זאָגט פּיוול.

און די בעלעמער שעפּסן שאָקלען צו מיט די קעפּ. זיי זענען מסכים מיט פּיוולען.

טראַכט דער פרעמדער:

— ס'איז שלעכט. דער באַרג איז זייער גוט פאַר אַ ווינטמיל. ווינטן בלאָזן פון אַלע זייטן. אַרום בעלעם זענען דאָ צענדליקער דערפער. די פויערים האַרפן פירן צו מאָלן זייער קאָרן און ווייץ מיילן־ווייט. דאָ קאָנען זיי האָבן אַ מיל גלייך אונטער דער נאָז. אָבער וואָס טוט מען מיט דעם קליגסטן ייד פון בעלעם, וואָס האָט געאַרבעט שווער און ביטער אויף אַ וואַסערמיל, וואָס שטייט אויף אַ באַרג? ער, דער גרויסער חכם, וויל דווקא קוקן אויף אַ וואַסערמיל און די בעלעמער שעפסן שטימען איין.

מיטאַמאָל האָט זיך דער פרעמדער דערמאָנט, אַז אין בעלעם איז אַ מנהג, אַז יעדער מעג רופן אַן אסיפה. האָט ער געטראַכט:

— אפשר אויף אַן אסיפה, ווו ס'וועט זיין גאַנץ בעלעם מיט די האַלב־הונגעריקע ווייבער, וועט ער קאָנען זיי איבעררעדן, זיי זאָלן פאַרקויפן די וואַסערמיל.

זאָגט ער צו פייוולען:

— נו, ווייבאַלד איר ווילט קוקן נאָר אויף אַ וואַסערמיל, זענט איר גערעכט. אָבער איך וויל רופן אַן אסיפה.

— איר ווילט אַן אסיפה — זאָגט פייוול — וועלן מיר רופן אַן אסיפה. אָבער די וואַסערמיל וועלן מיר נישט פאַרקויפן.

— נישט איז נישט — זאָגט דער פרעמדער מילנער — אָבער רופט אַן אסיפה.

— מירן רופן, מירן רופן — האָב אים די בעלעמער פאַרזיכערט.

*         *
*

אין אָוונט האָט מען פאַררופן אַן אסיפה. דער פרעמדער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער בימה און גערעדט צו די בעלעמער אַזוי צו זאָגן:

— אַ וואַסערמיל האָט איר. אַ שיינע מיל, אָבער זי קאָן נישט מאָלן קיין מעל. דערפאַר איז אייער באַרג גוט פאַר אַ ווינטמיל. פאַרקויפט מיר די וואַסערמיל, וועל איך זי איבערבויען אויף אַ ווינטמיל. איר וועט האָבן גענוג געלט אויסצולייזן אייערע גערטנער. איר וועט זיך אויך קאָנען פאַרגינען צו עסן הערינג מיט ציבעלע, באַשאָטן מיט פע־

פער און געווייקט אין עסיק, דריי מאָל אַ טאָג. אייך וועט זיין גוט און מיר אויך.

מורמלען די כעלעמער צווישן זיך: דער פרעמדער איז גערעכט און קלוג — שוין באַלד אַזוי קלוג ווי אַ כעלעמער. ער איז דאָך גערעכט — ס'איז שווער צו לעבן. לאָמיר אים פאַרקויפן די וואַסערמיל. אים וועט זיין גוט און אונדז אויך.

אָבער פייוול האָט דאָך געבויט די וואַסערמיל. ער איז אויך דער קליגסטער מענטש אין כעלעם. זאָל ער ענטפערן. ער וועט שוין וויסן וואָס צו ענטפערן. און פייוול ענטפערט דאָס זייניקע:

— די מיל איז שיין. אַ שאָד צו פאַרקויפן אַזאַ שיינע זאַך.

רייצט זיך דער פרעמדער:

— די וואַסערמיל איז שיין, אָבער איר קאָנט זי נישט בייסן און עסן. פריש ברויט און הערינג איז טאַקע נישט אַזוי שיין, אָבער מ'קאָן עס בייסן און עסן. פאַרקויפט די מיל. איך וועל אייך גוט באַצאָלן, און איר...

דער פרעמדער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיקן זיינע רייד און פייוול איז אויפגעשפרונגען און אויסגעשריגן:

— איך האָב אַ פּלאַן, אַ פּלאַן!

— אַ פּלאַן, אַ פּלאַן! — האָבן די כעלעמער אויסגערופן — לאָמיר הערן.

— יאָ, לאָמיר הערן — האָט דער פרעמדער געענטפערט מיט אַ זיפץ.

פייוול האָט זיך אַ קער געטאָן צו די כעלעמער און געזאָגט:

— דעם פרעמדן איז געפעלן אונדזער באַרג. דער באַרג איז זייער גוט פאַר אַ ווינטמיל, אָבער מיר ווילן זיך נישט שיידן מיט אונדזער וואַסערמיל, טאָ לאָמיר אָפּשטופן אונדזער וואַסערמיל, וועט בלייבן אַ שטיק באַרג פאַר דעם פרעמדנס ווינטמיל.

— אָט דאָס איז אַן איינפאַל! — האָבן די כעלעמער געיובלט — דער פרעמדער וועט קאָנען האָבן זיין שטיק באַרג און ביי אונדז וועט בלייבן אונדזער וואַסערמיל. מיר וועלן פאַרקויפן אַ שטיק באַרג. דער פרעמדער וועט בויען אַ ווינטמיל. וועט אים זיין גוט און אונדז אויך.

קוועטשט דער פרעמדער מיט די פּלייצעס און שווייגט. ער בלייבט אין כעלעם וואַרטן צו זען ווי אַזוי די קלוגע יידן וועלן אָפּשטופן די מיל.

* *
*

קלויבן זיך צונויף די בעלעמער אויפֿן באַרג און הייבן זיך אָן צו־גרייטן אָפּצושטופּן די וואַסערמיל. זיי טוען אויס די קאַפּאָטעס, פֿאַרקאַטשען די אַרבל, שפּייען אָן אין די הענט און זיי זענען גרייט צו שטופּן.

רופֿט זיך אָן פּיוול:

— וואַרט, כאַפּט נישט, ס'איז נישט קיין הייסע לאָקשן. איר זענט שוין פֿאַרטיק צו שטופּן. איך פֿרעג אײַך: האָבן מיר מסכים געווען ווי ווײַט מיר זאָלן אָפּשטופּן די וואַסערמיל? מיר קאָנען זי נאָך פֿאַרשטופּן אין טאָל אַרײַן.

— איז וואָס טוט מען? — פֿרעגן די בעלעמער.

— גאָרנישט — ענטפֿערט פּיוול — לאָמיר פֿריער אָפּמעסטן מיט אַ מאָס ווי ווײַט מיר דאַרפֿן די מיל אָפּשטופּן. מיר וועלן מאַכן אַ סימן. דאָרטן אויפֿן סימן וועלן מיר אַוועקלייגן אונדזערע קאַפּאָטעס. אַז מיר וועלן צושטופּן די מיל צו די קאַפּאָטעס, וועלן מיר וויסן, אַז מיר דאַרפֿן אויפֿהערן.

— איי, קלוג, איי, קלוג — האָבן די בעלעמער געיובלט.

— נישט געבאַלעמוטשעט! — האָט פּיוול אַ קאָמאַנדעווע געטאָן — צו דער אַרבעט!

איילן זיך די בעלעמער, מעסטן אָפּ דעם פּלאַץ ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. זיי לייגן אַוועק די קאַפּאָטעס אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט, שטעלן זיך אַוועק לעבן דער הינטערשטער וואַנט פֿון דער מיל און הייבן אָן שטופּן. זיי שטופּן און סאָפּען, זיי שטופּן און באַגיסן זיך מיט שווייס. זיי זענען פֿאַרטאָן אין זייער אַרבעט און זיי זעען נישט וואָס ס'טוט זיך אַרום זיי.

דערווייל איז אַ גנב פֿאַרבײַגעגאַנגען די מיל און ער האָט דערזען, אַז ס'ליגט אַ באַרג מיט קאַפּאָטעס און קיין מענטש איז נישטאָ דערבײַ, האָט זיך דער גנב דערבאַרעמט אויף די קאַפּאָטעס און זיי צוגענומען.

* *
*

אַ גאַנצן טאָג האָט די כאַליאַסטרע געשטופּט די מיל. אַז די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן האָט פּיוול אויסגעשריגן:

— גענוג געהאָרעוועט, גענוג! לאָמיר זען ווי ווייט מיר האָבן אָפּגעשטופּט די מיל.

ווישן אָפּ די בעלעמער דעם שווייס פון די פּנימער און לאָזן זיך אַוועק זוכן די קאַפּאָטעס. זיי קוקן אַהער, זיי קוקן אַהין — נישטאָ קיין סימן פון אַ קאַפּאָטע.

— אוי־וואַ — זאָגט פּייוול מיט היץ — דאָס איז בעלעם! אַז מיר טוען עפּעס אָפּ, איז אָפּגעטאָן! מיר האָבן אַזוי ווייט איבערגערוקט די מיל, אַז מיר האָבן זי אַרויפגערוקט אויף די קאַפּאָטעס. שיקט נאָך דעם פרעמדן, ער האָט שוין איבערגענוג אָרט פאַר זיין ווינטמיל.

קומט דער פרעמדער צוגיין, טוט אַ קוק אויף דער מיל און די אויסגעמאַטערטע בעלעמער און ער זאָגט זיך רואיק:

— די מיל שטייט נאָך אַלץ ווו זי איז פריער געשטאַנען. איר האָט זי נישט גערירט פון אָרט.

— און ווו זענען די קאַפּאָטעס? — האָט פּייוול געפרעגט מיט כעס.

— פונוואַנען זאָל איך ווייסן ווו די קאַפּאָטעס זענען? — האָט געענטפערט דער פרעמדער — אפשר האָט זיי אַ גנב צוגענומען.

ווערט פּייוול רויט פון כעס און שיסט אַרויס:

— גיי הייב זיך אָן מיט נישט קיין בעלעמער! וועלכער נאַר דאַרף האָבן אַזויפיל קאַפּאָטעס? קיינער קאָן מער ווי איין קאַפּאָטע נישט טראָגן.

— גערעכט, גערעכט — האָט דער פרעמדער געשאָקלט מיטן קאָפּ — בעלעמער בלייבן אַלעמאָל גערעכט. אָט האָב איך געהערט, אַז אַמאָל איז אַ בעלעמער געפאָרן קיין וואַרשע, איז ביי אים דער וואָגן געפגרט, דאָס פערד צעבראָכן געוואָרן און די בייטש האָט אויסגעלונקען אַ פוס.

דער פרעמדער האָט זיינס אָפּגעזאָגט און איז אַוועק.

די בעלעמער זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער און הויכע אַרבל.

## דער באַרג

(אַ בעלעמער מעשה אין פערזן)

האַרט ביי בעלעם, ביי די וועגן,
שטייט אַ הויכער באַרג אַנטקעגן,
שפּאַרט אין הימל הויך זיין קאָפּ —
איבער בעלעם קוקט אַראָפּ.

ער איז, ווי אַ בייזער שכן,
גלייך אין מזרח־זייט פאַרקראָכן
צו פאַרשטעלן נאָר גאָטס שיין
ביז אין האַלבן טאָג אַריין

און די לאַנגע נאַכט פאַרציען,
אַז אויף טאָג פלעגט ערשט שאַריען
איבער בעלעם האַלב די שטאָט,
ווען ס'איז האַלבער טאָג ביי גאָט.

*         *
      *

איז געווען אין בעלעם צרות:
ליגט אַ האַלבע שטאָט מיט שרדות,
ליגט און שלאָפט ביז האַלבן טאָג —
אַז כאָטש נעם זי און צעטראָג!

טאָמער עפנט מען די אויגן,
איז די שויב מיט נאַכט פאַרצויגן,

ווייסט מען נישט ווען אויפצושטיין,
ווען צו שחרית דאַווענען גיין.

ווען צו אויסמעלקן די ציגן,
ווען די קינדער אין די וויגן
אָנצווויגן; ווען מען זאָל
מיט אַ בייזער אינעם קול

חדר־יינגלעך, ווי דער סדר,
זיי אַרויספּראַווען אין חדר,
לערנען תורה גוט און פיין,
גוטע פרומע יידן זיין.

אויך די הענער אויפן בוידעם
האָבן נישט געזען — בלא יודעים —
נישט ווען דער באַגינען בלויט,
נישט ווען ער צעפלאַמט אין רויט,

און זיי הייבן אָן צו קרייען,
אויף אַ קול שלשלת דרייען,
ווען די צווייטע האַלבע שטאָט
האָט שוין מיט דער הילף פון גאָט

האַלב דעם טאָג שוין אָפּגעהאַוועט,
און דעם וואַרמעס אָפּגעפּראַוועט,
און מ׳לייגט זיך זאַטע צו
נאָר אַ דרעמל טאָן אין רו...

* *

*

איז אין בעלעם — נישט צום לאַכן,
צי חלילה חוזק מאַכן —

אַ צעטומלעניש געוועז,
וואָס די וועלט האָט נישט געזען.

* *
*

נו — איז האַלט מען אָפּ אסיפות,
און מ'ווייזט אַרוים חריפות
וועגן באַרג... איז מען פאַרטאָן,
און מ'ווייסט נישט וואָס צו טאָן

מיט דעם בייזן באַרג... ביז וואַנען
כ'איז אַ חכם אויפגעשטאַנען:
נישט פון ערגעץ פון דער ווייט,
נאָר פון כעלעמער קלוגע לייט.

און — ער גיט אַזאַ עצה:
— כעלעם דאַרף נאָר מיט דער פלייצע
געבן גאָר אַ גוטן שטויס —
וועט דער באַרג שוין אין זיין גרייס

נעמען גיין אַליין, ביז וואַנען
ער וועט זיך אַריבערשפּאַנען
מיט דער בריק... און זאָל ער דאָרט
שוין געפינען זיין אָרט,

וו זיין פּוס אָוועקצושטעלן:
זאָל ער דאָרט דעם טאָג פאַרשטעלן
וויפל נאָר ער וויל אַליין...
כעלעם אָבער דאַרף פאַרשטיין:

תיכּף באַלד די בריק צעטרענען,
אָדער בעסער זי פאַרברענען,
אַז דער באַרג זאָל מיט דער בריק
מער נישט קומען שוין צוריק...

איז די עצה שטאַרק געפעלן.
און אָט נעמט זיך כעלעם שטעלן
מיט דער פּלייצע צום באַרג —
יונג און אַלט און קינדערוואַרג —

און מ׳שטופּט מיט לייב און לעבן —
גאָט זאָל כּעלעם כּוח געבן —
נאָר דער באַרג — נישט מיר, נישט דיר —
רוט פון אָרט זיך נישט קיין ריר...

גאַפט די שטאָט... און האַלט אין גאַפן:
— נו, האָט עס אַ באַרג באַשאַפן
גאָט דער האַר... נישט צו פאַרשטיין:
שטופּסט אים — און ער וויל נישט גיין...

נעמט זיך כעלעם שטופּן האַרטער,
מיט אַ קרעכץ און איינגעשפּאַרטער:
— נאָך אַ שטופּ! און נאָך אַ שטויס!
נאָר דער באַרג, ווי ער איז גרויס,

רירט זיך נישט פון אָרט, דער שרה...
אָבער כעלעם, קיין עין־הרע,
האָט אַ פּלייצע... און צעהיצט,
ביז דאָס העמד פון לייב פאַרשוויצט,

אַז ס׳שלאָגט פון שוויים אַ פּאַרע,
איבער כעלעם, ווי אַ כמאַרע —
שטופּט מען... „וויאָ! אָט נאָך איין שטויס“!...
ביז די כּוחות גייען אויס,

און מ׳גיט שוין אויף... פאַרפאַלן...
און ס׳איז גאָרנישט איינגעפאַלן
עמעצן אַ טראַכט צו טאָן:
אַז דאָ האָט זיי אָפּגעטאָן

אַ נישט־גוטער, צי אַ טאַטער,
צי אַ בייזער פּיפּערנאָטער
מיט צוויי אויגן אויף זיין עק,
צי אַ קונדס גאָר אַ שנעק...

ווייל... ווען כעלעם האַלט אין שטופּן,
איז אַ יינגל — אַ מלופּן,
ווי אַ פינגער נאָר די גרויס,
ממש פון דער מאַמעס שויס,

אויפן באַרג אַרויפגעקראָכן —
האַלדז און נאַקן שיר געבראָכן —
נאָר אַ קוק צו טאָן אין שרעק
ווי מ׳שטופּט אַ באַרג אַוועק...

און דאָס יינגל — אַזאַ בעלן —
אים איז אויך נישט איינגעפאַלן,
אַז כאָטש ער איז זייער קליין,
מאַכט ער שווער דעם באַרג צו גיין...

און דאָס יינגל — כ׳בין זיך מודה —
איז געווען מיין עלטער־זיידע.
און דורך אַלע זיינע יאָר,
ביז די גרייזע גרויע האָר,

האָט זיין חכמה און חריפות,
אים באַגלייט מיט גרויסער תקיפות
ווייל געקלונגען ברייט און ווייט
צווישן כעלעמער קלוגע לייט.

נאָר ער האָט זיין גאַנצן לעבן
יענע זינד זיך נישט פאַרגעבן,
וואָס צוליב זיין שקאָצעריי
איז ביי אים געווען כדאי,

אַז מ׳זאָל דעם באַרג נישט רירן,
מיט דער בריק אַריבערפירן —
און ער איז פאַרבליבן דאָרט
אויף זיין פריערדיקן אָרט...

און ער האָט זיין גאַנצן לעבן
יענע זינד זיך נישט פאַרגעבן,
און מיט איר אין גרוב אַריין —
גאָט זאָל אים נאָר מוחל זיין!

# געכאַפּט די לבנה

די מילשטיינער פון דער כעלעמער מיל זענען דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיטן שמש. די שטאָט איז געבליבן אָן מילשטיינער און אָן אַ שמש, איז געווען שלעכט. ערגער פון ערגער איז געווען, וואָס גאַנץ כעלעם האָט געהונגערט. אויף איין פּיצעלע ברויט זענען געווען צען מיילער. די בייכעלעך פון די קינדער זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. די ווייבער זענען געוואָרן דאַר ווי שפּענער. די מענער זענען אומגעגאַנגען פאַרשמאַכטע, פאַרביטערטע. אָבער די כעלעמער ווייסן, אַז וואָס צו גאָט איז צו גאָט. ווען די נעכט זענען געוואָרן ליכטיק, זענען די כעלעמער אַרויס מחדש זיין די לבנה. זיי האָבן געזאָגט די תפילות פאַר דער באַנייאונג פון דער לבנה און געפרייט זיך.

פייוול האָט אויך געזאָגט די תפילות און געשפּרונגען אַנטקעגן דער לבנה, אָבער זיין קאָפּ איז געווען ערגעץ אַנדערש ווו.

— וואָס וועט זיין מיט כעלעם? — האָט ער געטראַכט — די נויט איז גרויס, מ׳מוז ראַטעווען כעלעם, איך בין דאָך דער שולדיקער, נישט געלאָזט דעם פרעמדן איבערבויען די מיל.

שאָקלט ער זיך פרום און קוקט אויף דער ליכטיקער לבנה און טראַכט זיינס. פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין. אַ פּלאַן, גאָר אַ גרויסער פּלאַן האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פון פרייד, איבערגעריסן זיין מחדש זיין די לבנה און אויסגעשריגן מיט ברען:

— כעלעמער יידן, מיר זענען געראַטעוועט!

בלייבן די כעלעמער שטיין מיט די לעצטע ווערטער פון דער תפילה אויף דער צונג צו הערן וואָס פייוול וועט זאָגן, פייוול שרייט אויס:

— איך וויל פאַר אייך פאַקן די לבנה!

— פאַקן די לבנה? — פרעגן די כעלעמער פאַרוואונדערט?

— יאָ — ענטפערט פּייוול פּעסט ביי זיך — איך וועל אַראָפּנעמען די לבנה, זי גאַנץ גוט פאַרפּאַקן און זי באַהאַלטן אין פאַליש פון שול. די גאַנצע וועלט וועט מוזן אָנקומען צו אונדז.

— יידן, מיר זענען געראַטעוועט! — האָט גאַנץ בעלעם אויסגעשריגן.

— נאָך אַ מין געראַטעוועט — בלעקערט פּייוול — יעדער ייד מוז דאָך מחדש זיין די לבנה. וואָס וועט אַ וועלט יידן טאָן אָן דער לבנה? מ'וועט טאַקע קומען צו אונדז פון אַלע עקן פון דער וועלט. מ'וועט קומען צו אונדז און מ'וועט זיך בעטן: פאַרקויפט אונדז אַ שטיקעלע לבנה, מיר וועלן אייך אָפּגילטן, אַבי פאַרקויפט אַ שטיקעלע לבנה.

— איי, איי, וועט אונדז זיין גוט — פרייען זיך די בעלעמער — מיר וועלן גיין אין גאָלד, אָבער אַרעמעלייט וועלן מיר געבן אַ שטיקעלע לבנה אומזיסט — ווערן די בעלעמער ברייטהאַרציק.

— וואַרט — האָט זיך פּייוול געקאָכט — איך בין נאָך נישט פאַרטיק מיט מיין פּלאַן. נאָכדעם ווי מיר וועלן פּאַקן די לבנה, וועלן מיר זי אויסצוואָגן, אויסוואַשן און אויסשייערן. מיר וועלן אַראָפּנעמען פון איר די פלעקן און זי וועט שיינען ליכטיקער, העלער. דעמלט וועלן מיר זי פאַרדינגען צו די מענטשן פון אַלע גרויסע שטעט. איר ווייסט דאָך: די גרויסשטאָטישע האָבן ליב ס'זאָל ביי זיי זיין ליכטיק אין די גאַסן, ציגדן זיי אָן ביינאַכט גאַז־לאָמפּן. אויפן אָרט פון לאַמטערנס וועלן זיי קאָנען אויפהענגען אין ליכטיקע, ציכטיקע, אויסגעוואַשענע לבנה און — פאַרטיק. אַלע גרויסע שטעט וועלן אונדז אָפּגילטן.

— מיר זענען געראַטעוועט! — ליאַרעמען די בעלעמער.

דער פרעמדער מילנער, וואָס האָט געהלשט אָפּצוקויפן די וואַסער־מיל, איז פונקט דעמלט אָנגעקומען קיין בעלעם. ער האָט געהערט, אַז די בעלעמער הונגערן, האָט ער געמיינט, אַז זיי זענען שוין געקומען צום שכל. אָבער אַז ער האָט דערהערט פּייוולס נייעם פּלאַן, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. גייט דער פרעמדער צו און פרעגט:

— זאָגט זשע מיר, ר' פּייוול, ווי אַזוי וועט איר אַראָפּנעמען די לבנה פון הימל?

— אַ, דאָס זענט איר, דער פרעמדער מילנער? — האָט פּייוול געזאָגט — צו שפּעט געקומען. מיט אַ שעה פריער וואָלטן מיר אייך מיט אַ דאַנק פאַרקויפט די מיל, אַצינד אָבער זאָג איך אייך: לאָ! — וואָס אויף פראָסט יידיש מיינט עס: מיר פאַרקויפן נישט און פאַרטיק!

— נישט אָין נישט — זאָגט דער מילנער — אָבער זאָגט זשע מיר, ווי אַזוי וועט איר אַראָפּנעמען די לבנה פון הימל?

— וואָסי, איר האָט עפּעס אַ פּלאַן? — פרעגט פּייוול שפּאָטיש.

— אַוודאי האָב איך אַ פּלאַן — זאָגט דער פרעמדער לאַכנדיק — זאָל מען צונויפנעמען אַלע לייטערס פון כעלעם און זיי צונויפבונדן. נאָכדעם, אַז מ'וועט מאַכן פון אַלע לייטערס איין לייטער, וועט מען נעמען דעם גרויסן, לאַנגן לייטער און אָנשפאַרן אים אויף דער אַלטער שול. דער נייער שמש וועט אַרויפקלעטערן צום הימל און אַראָפּכאַפּן די לבנה.

פּייוול הערט אים אויס און ער זאָגט ערנסט:

— ס'איז נישט קיין שלעכטער פּלאַן. ס'איז אָבער אַ סכנה, אַז דער נייער שמש זאָל אַראָפּפאַלן פון אַזאַ הויך און ברעכן האַלדז און נאַקן. ועלן מיר ווידער בלייבן אָן אַ שמש. איך האָב אַ בעסערן פּלאַן. מאָרגן אין אָוונט, אינמיטן כעלעמער מאַרק, וועל איך אייך ווייזן וואָס איך קאָן. פאַרשפּעטיקט נישט.

דער פרעמדער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: ווער קאָן דער־גרונטעווען די טיפקייט פון ים און די גרויסע קלוגשאַפט פון כעלעם?

ער איז געבליבן וואַרטן צו זען וואָס דאָ וועט זיין.

* *

*

אויף מאָרגן אין אָוונט איז דער מאַרק געווען שוואַרץ פון מענטשן. קינד און קייט זענען דאָרט געווען, דער רב אויך. די לבנה האָט געשיינט. די גאַנצע שטאָט האָט געוואַרט אויף פּייוולען. דער פרעמדער אויך.

מ'האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. פּייוול האָט זיך באַוויזן. נאָך אים האָבן צוויי כעלעמער געטראָגן אַ צעבערל מיט רויטן באָרשטש, הינ־טערן צעבערל מיטן רויטן באָרשטש זענען געגאַנגען נאָך צוויי יידן און געטראָגן זעק, שטריק און אַ זיגל.

פּייוול האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַפוילן:

— שטעלט אַוועק דאָס צעבערל מיטן רויטן באָרשטש אינמיטן מאַרק!

די צוויי כעלעמער, וואָס האָבן געטראָגן דאָס צעבערל, האָבן גע־פאָלגט.

פייוול האָט אויפגעהויבן זיין קול און געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— בעלעמער יידן, קוקט אַרויף אין זעט. די לבנה שיינט אויבן אין טונקל־בלויען הימל. אַצינד קוקט אַראָפּ און זעט! אונטן, אין צע־בערל באַרשטש, אויפן דעק, שווימט אַרום די זעלביקע לבנה.

גייען צו צוועלף געהויבענע באַלעבאַטים מיטן רב אינדערמיט און טוען אַ קוק אין צעבערל רויטן באַרשטש.

— יאָ — שאָקלען זיי מיט די קעפּ — ס'איז אַן אמת. די זעלביקע לבנה וואָס איז אין הימל, איז דאָ אויפן דעק פון צעבערל באַרשטש.

— נו — זאָגט דער רב צו פייוולען — וואָס ווילסטו אַצינד טאָן?

— די זעק און שטריק און זיגל דערלאַנגט! — האָט פייוול אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן.

מ'האָט אים דערלאַנגט די זעק און שטריק און זיגל.

פייוול האָט שנעל צוגעדעקט דאָס צעבערל מיט די זעק, שטייף פאַרבונדן די זעק מיט די שטריק, געמאַכט צען קנופּן און דערנאָך פאַר־זיגלט יעדן קנופּ.

— אַצינד — האָט פייוול געזאָגט — שטעלט אַוועק דאָס פאַר־זיגלטע צעבערל אין פּאָליש פון שול ביז די פינצטערע נעכט וועלן אָנ־קומען, ווען קיין לבנה אין הימל וועט מער ניט זיין. דעמלט וועלן מיר ווערן די מיוחסים. איר פאַרשטייט, בעלעמער יידן? מיר האָבן דאָך די לבנה אַ פאַרפּאַקטע. — מיר פאַרשטייען — האָט גאַנץ בעלעם גע־ענטפערט.

דער פרעמדער מילנער האָט געגלעט זיין באָרד און געשמייכלט.

— מיר דוכט זיך, אַז איך וועל שוין די מיל יאָ אָפּקויפן.

* *
*

ס'זענען אַוועק צוויי וואָכן. סוף חודש אין אַ פינצטערער נאַכט האָט פייוול געזאָגט צו בעלעם:

— היינט איז די די נאַכט, וואָס מיר נעמען אַרויס די לבנה.

דער רב און די שענסטע צוועלף באַלעבאַטים זענען אַוועק און אַרויסגענומען דאָס צעבערל פון פּאָליש און עם אַריינגעטראָגן אין שול. פייוול מיט די צוועלף שיינע באַלעבאַטים אינאיינעם מיטן רב האָבן באַ־

קוקט דאָס צעבערל. יאָ, קיינער האָט עס נישט אָנגערירט — די שטריק זענען פאַרקניפּט און די זיגלען זענען נישט געשטערט.

אויפן פינצטערן מאַרק איז געווען פאַרזאַמלט גאַנץ כעלעם. יעדער איינער האָט געוואָלט זען ווי אַזוי מ׳וועט אַרויסנעמען די לבנה פון צעבערל, ווי מ׳וועט זי צוואָגן און וואַשן מיט ברונעם־וואַסער און ערשט נאָכדעם זי צוריק אויפהענגען אויפן הימל.

מ׳האָט געבראַכט דאָס צעבערל מיט דער פאַרפּאַקטער לבנה. פּייוול האָט אַוועקגעשטעלט דאָס צעבערל אויף אַ טיש אינמיטן מאַרק און זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט צעבראָכן די זיגלען און מיט אַ שאַרף מעסער האָט ער צעשניטן די קנופּן פון די שטריק. שנעל האָט פּייוול אַראָפּגעכאַפּט די זאַק פון צעבערל און אויסגעשריגן:

— ליכטיק זאָל ווערן! ליכטיק זאָל ווערן!

אַלע האָבן געעפנט די מיילער אויסצושרייען פון פרייד, אָבער דער מאַרק איז געבליבן פינצטער.

פּייוול האָט געמיינט, אַז די לבנה האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ װינקל. ער האָט איבערגעקערט דאָס צעבערל מיטן רויטן באָרשטש מיטן דנאָ אַרויף, אָבער דער מאַרק איז געבליבן פינצטער. נישטאָ קיין לבנה.

* *
*

ס׳איז געוואָרן אַ טומל און אַ געוואַלד: ווו איז די לבנה?

ענטפערט דער רב:

— שווייגט, וואָס טומלט איר? גנבים האָבן צוגעגנבעט די לבנה.

— ס׳קאָן נישט זיין — האָט זיך געהערט אַ שטים — די זעק זענען געווען גאַנץ און נישט צעשניטן. די שטריק פאַרקניפּט און די זיגלען נישט גערירט. ווי אַזוי האָבן די גנבים געקאָנט צוקומען צו דער לבנה?

ענטפערט דער רב:

— ס׳איז טאַקע שווער, אָבער מעגלעך. די גנבים פון דער גאַנצער וועלט האָבן אַהערצו קיין כעלעם צוגעשיקט זייער קייסער. דער קייסער פון די גנבים קאָן אַלץ טאָן.

— אָבער צוליב וואָס וועלן די גנבים מטריח זיין זייער קייסער? — האָט זיך שוין פּיוול אַליין געוווּנדערט.

ענטפֿערט דער רב:

— דאָס קאָן מען דערקלערן פּראָסט. אַז אַלע גנבים וועלן זיין ליבּ־טיקע, לבנהדיקע, וועלן דאָך די גנבים בלייבּן אָן ברויט. גנבים מוזן האָבּן פינצטערע נעכט.

דער רב האָט גערעדט געמיטלעך. אָבער בעלעם האָט געקאָכט:

— פון דער מעשה מיט דער לבנה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוי־דעם — האָט אַ ייד געטענהט.

— איז נישט גוט — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— אַלץ איז טאַקע דערקלערט, אָבער קיין ברויט איז אַלץ נישטאָ!

— האָט נאָך עמעצער אויסגעשריגן.

— דער פרעמדער מילנער איז דאָ! — האָט אַן אַנדערער אויסגע־שריגן.

בעלעם האָט אויפגענומען דאָס געשריי:

— דער מילנער איז דאָ!

— מיר ווילן ברויט!

— פאַרקויפט די מיל!

פּיוול און דער רב האָבן גענומען שרייען:

— פע, יידן! וואָס איז דאָס פאַר אַן אופן פון מאָגען און טומלען. גייט אַהיים, מאָרגן וועלן מיר רופן אַן אסיפה.

אָבער בעלעם איז נישט געגאַנגען אַהיים. די געשרייען זענען געוואָרן העכער:

— ברויט! מיר ווילן ברויט!

— מיר ווילן אונדזערע גערטנער צוריק!

— מיר קאָנען מער נישט וואַרטן!

אַ שטיין איז געפלויגן און שיעור נישט צעפּלעט פּיוולען דעם קאָפּ.

דער רב האָט איינגעשטילט דעם עולם:

— שאַט, יידן, זאָל זיין ווי איר ווילט. איר ווילט נישט וואַרטן, וועלן מיר נישט וואַרטן. ברענגט דעם פרעמדן מילנער צו מיר אין שטוב אַריין און זאָל ער ציילן געלט.

דער מילנער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער איז געקומען צום רב און אָפּגעציילט די האַרטע רענדלעך גלייך אויפן אָרט און בעלעם האָט פאַרקויפט איר שיינע וואַסערמיל.

# אַ צווייטער וואַריאַנט פֿון דער מעשה „געכאַפּט די לבֿנה“

כעלעמער חכמים האָבן וויל געוווּסט, אַז אַלע גייעסן ברענגען נישט צו קיין גוטס. אויב די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן מיט בלאָטעס — מן־הסתם ווייסט גאָט וואָס ער טוט. האָט מען דעריבער געמאַכט אין כעלעם אַ הרם נישט צו ברוקירן די גאַסן. כעלעמער חכמים האָבן געוווּסט: ביי איר באַשאַפֿונג איז די וועלט געווען זייער אַ קלוגע. זי האָט זיך נאָר שפּעטער באַנאַרישט, האָבן די כעלעמער געוואָלט בלייבן ביי דער אַלטער קלוגער וועלט און ביי אירע בלאָטעס.

איז אָבער אַזוי — ביטאָג ווען די זון שייַנט, איז נאָך אַ האַלבע צרה. מען זוכט אויס די פֿלאַכערע ערטער און מען טאָפּטשעט אַדורך. באין־ברירה הייבט מען אויף די פּאָלעס און מען שפּרינגט איבער שטיינער. אין לבֿנה־נעכט גיט מען זיך אויך אַן עצה. כעלעמער האָבן געקענט זייערע בלאָטעס ווי אַ בייזן שיליגער, אבי עס איז נאָר געווען אַ קאַפּיטשקע ליכטיק.

ס'האָבן זיך אָבער געמאַכט אויך פֿינצטערע נעכט. צי ווייל די לבֿנה האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפֿן, צי ס'איז איר אויסגעגאַנגען דאָס ביסל נאַפֿט? — וואָס איז די נפֿקא־מינה? עס איז געוואָרן ביטער. מען האָט זיך ממש פֿאַרבלאָנדזשעט אין די כעלעמער בלאָטעס ווי אין אַ פֿינצטערן כּף־הקלע.

מאַכט זיך אַ מעשה: אַמאָל אין אַ ליכטיקער לבֿנה־נאַכט האָט איינער אַ כעלעמער חכם אַרויסגעשטעלט אינדרויסן אַ גרויס פֿאַס מיט וואַסער.

ס'איז געווען חצות און כעלעם איז געשמאַק געשלאָפֿן. ר' מנשה, דער בית־דין־שמש גייט פֿאַרביי דעם פֿאַס וואַסער, טוט אַ קוק אַריין, און ער גלייבט נישט די אייגענע אויגן. די לבֿנה ליגט אינעווייניק אינעם

פֿאַס וואַסער און לייכט פֿון דאָרט אַרויס מיט אַזאַ ליבלעכקייט — כאָטש שפּרינג איר אַקעגן און זיי זי מחדש.

אין דער ערשטער רגע האָט ר' מנשה נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און וואָס צו טראַכטן. נאָר שווייגן טאָר מען נישט. הגם בעלעם שלאָפֿט, מיז מען תיכּף ומיד לויפֿן און וועקן דעם פּרנס־חודש, ר' יוסף לאָקש, און אים דערציילן דאָס וווּנדערלעכע געשעעניש.

ר' מנשה איז געלאָפֿן און שטאַרק אָנגעקלאַפּט אין ר' יוספֿס לאָדן.

דער פּרנס־חודש, ר' יוסף לאָקש, איז שוין געלעגן פֿאַרגראָבן אין דער פּערענע און געשנאָרכט. האִשה מרת שאָשע האָט די ערשטע געהערט, אַז מען קלאַפּט אין לאָדן. איז זי אַראָפּגעקראָכן פֿון בעט, געעפֿנט דעם לאָדן און אַרויסגעשטעקט אין דער נאַכט אַריין איר קאָפּ מיט דער גרויסער שלאָף־קופּקע. אַזוי ווי עס איז געווען א שיינע לבנה־נאַכט, האָט זי באַלד דערזען ר' מנשהן דעם בית־דין־שמש, וואָס איז געשטאַנען מיט זיין גרויסן שמשן שטעקן הינטערן פֿענצטער.

— וואָס איז געשען, ר' מנשה? — האָט מרת שאָשע געפֿרעגט אַ דערשראָקענע.

— נסים זענען געשען אין בעלעם — האָט ר' מנשה געזאָגט אָן אָטעם — די לבנה איז אַריינגעקראָכן אין אַ פֿאַס מיט וואַסער! איר מוזט תיכּף וועקן ר' יוספֿן, אַז ער זאָל גיין און אַ קוק טאָן.

תחילת האָט מרת שאָשע נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ר' מנשה זאָגט. זי האָט אָבער געוווּסט, אַז אַ בעלעמער חכם איז זיך נישט טועה און רעדט נישט אומזיסט. אויב עס איז געשען וווּנדער אין שטעטל, מוז מען פֿאַרשטייט זיך, רופֿן דעם פּרנס־חודש. האָט זי, די מרת שאָשע געענטפֿערט: באַלד, ר' מנשה! און איז געגאַנגען וועקן ר' יוספֿן.

ר' יוספֿן צו דערוועקן פֿון שלאָף איז נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן. ער איז געשלאָפֿן מיט גרויס אַפּעטיט. נאָר מרת שאָשע האָט אים פֿאַרט דערוועקט. עס האָט געדויערט ביז ר' יוסף איז געקומען צו זיך און איז פּאַמעלעכל געוואָרן וואַך. שאָשע האָט אים דערציילט, וואָס ר' מנשה זאָגט און אַז ער שטייט און וואַרט הינטערן פֿענצטער.

ר' יוסף לאָקש האָט אויף גיך געכאַפּט דעם וואַטאָווען שלאַפֿראָק און די שטעקלאַטשן און איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער.

— ר' יוסף! — האָט ר' מנשה געזאָגט פֿון דרויסן — חצות ביינאַכט איז די לבנה אַריינגעקראָכן אין פֿאַס און זי לייכט פֿון דאָרט אַרויס.

איר מוזט גיין אַ קוק טאָן, ר׳ יוספּשי, און גיט אַ טראַכט וואָס מיט איר צו טאָן, מיט דער לבנה, מיין איך.

— אָט גיי איך — האָט ר׳ יוסף לאָקש געענטפערט. אין וואַטאָווען שלאַפראָק און אין די שטעק־לאַטשן איז ער אַרויסגעגאַנגען אין ביינאַכ־טיקן איינדרויסן צו ר׳ מנשהן, דעם בית־דין־שמש.

ר׳ מנשה האָט ר׳ יוספן אַריינגעפירט אין אַ זייטיק געסל.

דאָרט איז לעבן אַ סטאָדאָלע געשטאַנען אַ גרויס פאַס מיט וואַסער.

ר׳ יוסף לאָקש טוט אַ קוק אַריין: די לבנה שווימט אים אַרויס פון פולן וואַסער־פאַס.

— וואָס זאָגט איר דערצו, ר׳ יוספּשי? — האָט ר׳ מנשה איבער־געריסן די שטילקייט.

ר׳ יוסף לאָקש האָט נישט געענטפערט, נאָר אַריינגעקוקט אין פאַס וואַסער. דאָס פולע פּנים פון דער לבנה האָט אים פון אינעווייניק אָקעגנ־געשמייכלט: ער האָט געשוויגן — און נישט בחינם. ר׳ יוספס הריפות האָט באַלד אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט דער גאַנצער פּאַרע.

ער האָט אָפּגערופן ר׳ מנשהן אין דער זייט, ווי אויף אַ סוד, און האָט געגעבן אַ קנאַק מיט צוויי פינגער.

— אויב די לבנה איז יאָ אַזאַ לעקיש — האָט ר׳ יוסף געזאָגט — און קריכט אַריין אין בעלעמער פאַס, וועלן מיר איר אָפּטאָן אויף טעריקיש. מיר וועלן, בעזרת השם, האָבן די לבנה אַ גאַנצן חודש. — לויפט, ר׳ מנשה, תיכּף ומיד נאָך חוזקן און זאָל ער אַהערקומען מיט אַ ברעט. מיר וועלן די לבנה האַלטן אין פאַס און זי נישט אַרויסלאָזן. אם ירצה השם, ווען עס וועט ווערן פינצטער, וועלן מיר די לבנה אַרויסנעמען פון פאַס און זי אויפהענגען איבער כעלעם און עס וועט זיין אַ גאַנצן חודש ליכטיק.

ר׳ מנשה האָט געוווּסט, אַז אין די זומער־חדשים שלאָפט חוזק ביים שטאָט־ברונעם.

חוזק איז טאַקע דאָרט געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד מיט אַן עמער צוקאָפּנס און האָט הויך געכראָפּעט.

קוים וואָס ר׳ מנשה האָט אים דערוועקט.

— נעם שוין, חוזקשי, אַ ברעט און קום מיט מיר געשווינד — האָט ר׳ מנשה געזאָגט — ר׳ יוסף לאָקש וואַרט אויף אונדז און ס׳איז נישטאָ קיין צייט צו באַלאַמוטשען. קהל וועט דיר דערפאַר געבן אַ האַרטן גראָשן און אַ גלעזל בראָנפן.

חוזק איז, ווי יעדער שפּאָט-נאַר, געווינט געווען נישט צו פרעגן קיין קשיות. האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגענעצט. ביים שטאָט-ברונעם זענען תמיד געלעגן ברעטער. האָט חוזק גענומען אַ ברעט און צוזאַמען מיט ר׳ מנשהן אַוועקגעטראָגן אין די פּוסטע באַלבנהטע בעלמער גאַסן.

ביים פאַס וואַסער איז ר׳ יוסף לאָקש געשטאַנען אין איין ציטער-ניש. איידער וואָס-און-ווען קאָן זיך די לבנה מיישב זיין, אַרויסקריכן פון פאַס און ווייזן בעלעם די גרויסע פייג.

פונדערווייטנס, אין דער ליכטיקער גאַס, האָט ר׳ יוסף לאָקש געזען, ווי ר׳ מנשה קומט אָן מיט חוזקן און חוזק טראָגט א ברעט. ער האָט צו זיי געמאַכט מיט די הענט, אַז זיי זאָלן למען-השם גיין שטילער, נישט מאַכן קיין גערודער און נישט אַרויסיאָגן די לבנה פונעם פאַס וואַסער. מחמת ווען די לבנה וועט הערן אַז מען גייט און מען טראָגט אַ ברעט, קאָן איר חלילה אמאָל איינפאַלן, אַז בעלעם גייט איר אָפּטאָן אויף טערק׳ש.

ר׳ מנשה מיט חוזקן האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו גיין אויף די נעגל. זיי האָבן זיך ווי צוגעגנבעט צום פאַס, וו ר׳ יוסף לאָקש איז געשטאַנען און די האָר האָבן אים געברענט אויפן קאָפּ: טאָמער חלילה דערשמעקט די לבנה, וואָס דאָ גרייט זיך און מאַכט א ויברח. אַלע הריי בעלעמער חכמים האָבן מיט גרויס הנאה נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט אין פאַס אַריין.

די לבנה האָט אַרויסגעשמייכלט פון פאַס צו די דריי בעלעמער יידן.

האָ האָט ר׳ יוסף לאָקש געטאָן א ווונק חוזקן. חוזק האָט אויף אינדערגע-שווינד, מיט אַלע כוחות, אַ זעץ אַרויף געטאָן דאָס ברעט אויפן פאַס מיט וואַסער. ר׳ יוסף לאָקש האָט זיך געריבן אין די הענט און אַ געשריי געטאָן אין דער בעלעמער נאַכט אַריין:

— מיר האָבן זי, די לעמעשקע! אויס חשכות אין בעלעם! — ווען עס וועלן ווערן די פינצטערע נעכט, וועלן מיר אַרויסנעמען די לבנה פון פאַס און זי אויפהענגען אויף אַ בוים. יהי אור! עס וועט זיין כסדר ליכטיק אין בעלעם! ווער עס וועט וועלן די לבנה מחדש זיין אין סוף חודש — איז אדרבא.

צומאָרגנס באור, ווען העניער האָבן זיך נאָר-וואָס געהאַט אויסגע-קרייעט, האָט ר׳ יוסף לאָקש צוזאַמענגערופן אַן אסיפה פון די ראשי-הקהל און זיי דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט היינטיקע נאַכט, און אַז בעלעם האָט גענומען געפאַנגען די לבנה אין אַ פאַס מיט וואַסער. מען וועט

ניש מער טאַפּטשען אין די פינצטערנישן. הערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז קהל זאָל געבן דעם שטאָט־נאַר, חוזקן, אַ האַרטן גראָשן און אַ גלעזל בראָנפן, כפי עס האָט אים צוגעזאָגט ר׳ מנשה, דער בית־דין־שמש.

דער זאַיקע, ר׳ געצל־גדליה, וואָס שטאַמלט כסדר אַרוים עצות טובות, האָט דאָס מאָל געעצהט מען זאָל אַוועקשטעלן חוזקן ביים פאַס און זאָל ער עס היטן, כדי אַן אַנדער שטעטל זאָל נישט קומען בייגאַכט און נישט אַרויסגנבענען די כעלעמער לבנה, ובשכר זה זאָל מען אים געבן אַ גראָשן און נאָך אַ גלעזל בראָנפן.

וכך הוה.

* *

*

עס איז געקומען סוף חודש און עס איז געוואָרן פינצטער אין כע־לעם. גאַנץ קהל איז מיט לאַמטערנעס אין די הענט געגאַנגען צום צוגע־דעקטן פאַס, אַרויסצונעמען די געכאַפּטע לבנה און זי אויפצוהענגען אויף אַ בוים.

מען טוט אַן עפן דאָס פאַס און אַלעמען ווערט פינצטער אין די אויגן.

נישטאָ די לבנה.

מען האָט חושד געווען חוזקן, אַז מחמת די צוויי גלעזלעך בראָנפן, איז ער שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן. אַן אַנדער שטעטל מיט יידן איז דערווייל געקומען און אַרויסגעגנבעט פון פאַס די כעלעמער לבנה.

העגדום־פּענדום זענען אַלע כעלעמער חכמים מיט לאַמטערנעס אין די הענט אַרויסגעלאָפן אויף די וועגן, טאָמער וועט זיי נאָך געראָטן צו כאַפּן די גנבים און צוריקצוברענגען די ליכטיקע לבנה קיין כעלעם.

# בעלעם בויט אַ שול

דער מילנער האָט אָפגעקויפט די וואַסערמיל און די שטאָט איז טאַקע אויפגעריכט געוואָרן. די בעלעמער האָבן אָנגעהויבן עסן צו זאַט. זיי האָבן באַשוכט און באַקליידט ווייב און קינד. זיי האָבן געקויפט זייעכץ און פאַרזייט די צוריקגעקריגענע, פאַרמשכונטע גערטנער.

ס'איז געוואָרן רואיק אין בעלעם. די ווייבער האָבן געהאַט וואָס צו קאָכן, האָבן זיי זיך נישט געקריגט מיט די מענער. די קינדער זענען געווען זאַט, האָבן זיי זעלטן געוויינט.

די מענער האָבן פאַרזייט די גערטנער און געוואַרט ביז די אוגערקעס, קאַרטאָפל, באָב און מערן וועלן אויפגיין. דערווייל האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו טאָן, זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט און געקייט שטרויעלעך מיט די פאָדערשטע ציין און געקוקט אויפן הימל: זיי האָבן געוואָלט טרעפן צי ס'וועט רעגענען באַלד אָדער מאָרגן.

אין האַרבסט האָט מען אַראָפגענומען פון די גערטנער און די בעלעמער זענען געווען נאָך מער צופרידן. ס'איז געווען אַ גוטער זומער. די געוועקסן אויף די פעלדער איז געווען גרויס. איז די בעלעמער געווען נאָך בעסער ווי גוט.

שבת זענען די שולן געווען געפאַקט. דער רב איז אָבער געווען נישט צופרידן. ער האָט געהייסן אויסרופן אין אַלע שולן, אַז ער פאַררופט אויף באַלד נאָך הבדלה, אַן אסיפה.

באַלד נאָך הבדלה זענען די שענסטע באַלעבאַטים זיך צונויפגעקומען צום רב אין שטוב. גאַנץ בעלעם איז געשטאַנען אין דרויסן אַרום די פענצטער. דער רב האָט אָנגעהויבן מיט אַזאַ מין דרשה:

— בעלעמער באַלעבאַטים! גאָט האָט אונדז באַגליקט און אונדז איז גוט. מיר זענען זאַט. אונדזערע קינדער זענען באַשוכט און באַקליידט. מיר זענען פאַרזאָרגט אויפן ווינטער מיט קאַרטאָפל און מערן, אוגערקעס און בורעקעס, אַרבעס און באָב. ס'איז דאָ גענוג ברויט און

אַ שטיקעלע הערינג. אַ פּיצעלע פלייש איז אויך פאַראַן, דאַנקען גאָט, צו פאַרזוכן. אונדז איז גוט. אָבער ס׳טויג נישט.

— פאַרוואָס טויג נישט? — פרעגן די באַלעבאַטים.

— ווייל מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זענען יידן.

— וואָס הייסט, רבי? — האָבן די בעלעמער אויפגעציטערט — מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זענען יידן? דאַווענען, דאַווענען מיר, ברכות זאָגן מיר, לערנען, לערנען מיר און מצוות היטן מיר.

— אמת, אָבער דאָך — זאָגט דער רב — ווי איז דאָס אַ שטאָט אָן אַ שול?

— וואָס מיינט, רבי, אָן אַ שול? מיר האָבן די שניידערשע שול, די שוסטערשע שול, די קאַלטע שול, די אַלטע שול אויף דער לאַנגער גאַס און די קליינע שול אויף דער קלויסטער־גאַס.

— יאָ — זאָגט דער רב — ס׳איז אמת. אָבער וווּ איז די בעלעמער שול? אין בעלעם מעג דאָך זיין אויך אַ בעלעמער שול.

— גערעכט, רבי — האָבן די באַלעבאַטים געזאָגט — מ׳דאַרף טאַקע האָבן אַ בעלעמער שול אויך.

— טאָ לאָמיר בויען אַ בעלעמער שול — זאָגט דער רב — ביי־מער אויפן בארג האָבן מיר, געלט אויף טשוועקעס פאַרמאָגן מיר. מאָרגן פרי זאָלן אַלע קומען אויפן בעלעמער באַרג און מיר וועלן אָנהייבן האַקןביימער. מירן אָנגרייטן קלעצער אויף אַ שול.

— מירן קומען, מירן קומען און מיר וועלן בויען! — האָבן אויס־געשריגן די שיינע באַלעבאַטים, וואָס זענען געווען ביים רב אין שטוב, און אַלע אַנדערע יידן, וואָס זענען געשטאַנען ביים רב הינטער די פענצ־טער.

* *
*

אַ שפּראָץ אויף טאָג האָבן די בעלעמער זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. מיט זעג און האַק האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו די הויכע סאָסנעס און גראָבע דעמבן. די אַרבעט האָט געברענט אונטער זייערע הענט. די בעלעמער האָבן געקענט די מלאכה צו מאַכן פון ביימער קלעצער: פריער האָבן צוויי בעלעמער אונטערגעזעגט דעם בוים, נאָכהער האָבן זיי אים אונטערגעהאַקט. אַז דער בוים איז געלעגן אויסגעצויגן

אויף דער ערד, האָבן די בעלעמער אַרומגעהאַקט די צווייגן און אָפּגעשיילט די קאָרע — דער בוים איז געוואָרן אַ קלאָץ.

אַז פֿון אַ וואַלד ביימער זענען געוואָרן סקירדעס קלעצער, האָבן די בעלעמער געזאָגט:

— גענוג זאָל זיין! איצט טראָגן מיר די קלעצער באַרג־אַראָפּ.

האָבן די בעלעמער אַזוי געטאָן און ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט. דעם קלענסטן קלאָץ האָבן געדאַרפֿט טראָגן צוועלף מענטשן. די שווערע קלעצער האָבן דרייסיק פּאָר פּלייצעס אונטערגעשפּאַרט.

אַזוי האָבן די בעלעמער אָפּגעאַרבעט צוויי חדשים. זיי האָבן אַראָפּגעטראָגן אַלע קלעצער פֿון באַרג אין טאָל אַריין, נאָר איין דעמבענער שווערער קלאָץ איז געבליבן. זיי האָבן אים נישט געקאָנט רירן פֿון אָרט. שטייען די בעלעמער לעבן קלאָץ און שמועסן:

— וואָס זאָלן מיר אַצינד טאָן? ס'איז אַ טייערער, גוטער קלאָץ, אַ קלאָץ וואָס פּאַסט פֿאַר אַ באַלקן. ווי אַזוי אָבער טראָגט מען אים אַראָפּ אין טאָל אַריין, אַז מ'קאָן דעם דעמב נישט רירן פֿון אָרט?

אָבער זיי קאָנען זיך נישט דערטראַכטן צו קיין זאַך.

קלייבט מען זיך גיין פֿרעגן דעם רב, דער רב פֿון בעלעם דאַרף און מוז אַלץ ווייסן.

* *

*

קומען זיי צום רב און דערציילן אים, אַז זיי האָבן אַראָפּגעטראָגן אַלע קלעצער פֿון באַרג אין טאָל אַריין, נאָר איין קלאָץ איז געבליבן. דער בעסטער, שענסטער, גרעסטער דעמבענער קלאָץ איז געבליבן. ער איז אַזוי שווער, אַז זיי קאָנען אים נישט רירן פֿון אָרט.

גלעט דער רב די באָרד און שמייכלט:

— איי, איי, בעלעמער יידן, ס'איז מיר אַ חידוש איר זאָלט נישט ווייסן, אַז קיילעכדיקע זאַכן טראָגט מען נישט באַרג־אַראָפּ, נאָר מ'קייקלט זיי אַראָפּ. געדענקט איר נישט ווי מיר האָבן געקייקלט די מילשטיינער באַרג־אַראָפּ?

— אַן אמת — ענטפֿערן די בעלעמער — מיר האָבן אָבער פֿאַרגעסן.

— פאַרגעסן איז קיין תירוץ נישט — זאָגט דער בעלעמער רב. — אַצינד אָבער ווייסט איר, אַז קלעצער טראָגט מען נישט באַרג־אַראָפּ, נאָר מ'קייקלט זיי באַרג־אַראָפּ.

ענטפערן די בעלעמער:

— איר קאָנט זיך אויף אונדז פאַרלאָזן, רבי, מ'האַרף אונדז נישט פאַרטייטשן קיין צוויי מאָל איין וואָרט. מיר ווייסן שוין וואָס צו טאָן.

די בעלעמער יידן זענען אַוועק און זיך גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן די קלעצער אייגנציקווייז אַרויפגעשלעפּט צוריק אויפן באַרג. נאָכדעם, אַז זיי האָבן אַרויפגעשלעפּט אַלע קלעצער אויפן באַרג, האָבן זיי איטלעכן באַזונדער אַראָפּגעקייקלט צוריק, באַרג־אַראָפּ, אין טאָל אַריין. דעם גרויסן, דיקן דעמבענעם קלאָץ אויך.

ווען דער בעלעמער רב האָט געהערט, אַז אַלע קלעצער, אַריינגערעכנט דעם גרויסן דעמבענעם קלאָץ, זענען שוין אין טאָל, איז ער אַרויס צו זען ווי גוט מ'בויט די שול. ער קוקט זיך אַרום און זעט, אַז די בעלעמער שטייען רעדלעכווייז, רעדן, קאָכן זיך און טאָן טוען זיי גאָרנישט. זאָגט דער רב בייזלעך:

— יידן, אָט אַזוי טוט איר גאָטס אַרבעט? אַזוי בויט מען אַ שול? די האָר אויף אייערע קעפּ וועלן גרוי ווערן און די שול וועט נישט פאַרטיק זיין. פויל זענט איר, פויל — בעלעמער יידן!

האָבן אַלע בעלעמער יידן אָנגעהויבן רעדן אויף אַמאָל:

— גערעכט זענט איר, רבי, מיר קאָנען זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט. מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן — קריגן מיר זיך.

— גאָטס אַרבעט טאָר מען נישט איבעררייסן — זאָגט דער רב.

— מיר האָבן זי נישט איבערגעריסן — ענטפערן די בעלעמער — מיר האָבן זי נאָך נישט אָנגעהויבן.

— פאַרוואָס? — פרעגט דער רב, גלעטנדיק זיין באָרד.

— מיר האָבן געוואָלט אַריינטראָגן די קלעצער אין שול־הויף, האָבן מיר אָבער אויסגעפונען, אַז די קלעצער האָבן צוויי עקן — אַ רעכטן עק און אַ לינקן עק.

— נו, איז וואָס? — פרעגט דער רב — אַזוי איז דאָך דער שטייגער פון דער וועלט, אַלעמאָל איז דאָ לינקס און רעכטס.

— אָבער מיר קריגן זיך — ענטפערן די בעלעמער — ווייל מיר קאָנען צווישן זיך נישט אָפּמאַכן ווער ס'זאָל גיין פאָרויס, דער ערשטער. די וואָס טראָגן דעם רעכטן עק פון קלאָץ זאָגן, אַז זיי דאַרפן גיין פאָ־

רויס, זיין די ערשטע. די וואָס טראָגן דעם לינקן עק פון קלאָץ טענהן, אַז זיי דאַרפן גיין פאָרויס, זיין די ערשטע.

— גערעכטע טענות — זאָגט דער רב — מ'דאַרף זיי באַטראַכטן.

טראַכט ער אַ ווײַלע, טוט אַ שמעק טאַבאַק, טוט אַ נאָס. ס'ווערט אים ליכטיק אין די אויגן און קלאָר אין קאָפּ און ער באַפעלט:

— שנײַדט אָפּ דעם רעכטן עק פון קלאָץ, וועט בלײַבן נאָר אַ לינקער עק.

שטעלן זיך אַוועק צוויי בעלעמער מיט אַ שאַרפער זעג. זיי זעגן אָפּ דעם רעכטן עק פון קלאָץ און פאַרטיק.

פרייען זיך די בעלעמער און נעמען זיך צו דער אַרבעט. פיר אירע פון איין זייט און פיר אירע פון דער צווייטער זייט טוען אַ כאַפּ דעם קלאָץ און הייבן אים אָן צו טראָגן. קומען זיי צו צום אַרײַנגאַנג פון גאַס, ערשט, וואָס איז דאָס? דער קלאָץ האָט דאָך אַלץ צוויי עקן, אַ רעכטן און אַ לינקן. וואָסער עק זאָל מען פריער אַרײַנטראָגן?

לאָזן די בעלעמער אַראָפּ דעם קלאָץ און קומען ווידער צום רב און זאָגן:

— רבי, דער קלאָץ האָט נאָך אַלץ צוויי עקן און דערפאַר זענען דאָ נאָך אַלץ לינקע טרעגער און רעכטע טרעגער.

טוט דער רב אַ זאָג:

— אויב רעכטס איז אַזוי אײַנגעשפּאַרט, טאָ שנײַדט אָפּ דעם לינקן עק און פּטור. אויס רעכט און אויס לינק.

טוט מען אַזוי. אָבער גלייבט יאָ, גלייבט נישט, דער קלאָץ האָט נאָך אַלץ געהאַט צוויי עקן. וויפל מ'האָט נישט געשניטן פון רעכטס אָדער לינקס, איז נאָך אַלץ געבליבן רעכטס און לינקס. דער רב האָט פאַרלוירן דאָס געדולד און ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— טראָגט די קלעצער אין דער קווער, אין דער ברייט, און זאָל קיינער פון רעכטס אָדער לינקס, קיין טענות נישט האָבן.

טוען זיך די בעלעמער אַ כאַפּ צו די קלעצער און הייבן זיי אָן צו טראָגן אין דער ברייט. אָבער דאָ איז אַ נײַע צרה — די גאַס איז צו שמאָל.

זאָגט דער רבי:

— דאָס איז שוין נישט קיין קלייניקייט, וואָס איך אַליין קאָן פּסקענען. די גאַנצע שטאָט דאַרף באַטראַכטן דעם ענין.

האָט מען פאַררופן אַן אסיפה.

זענען די קליגסטע לייט פון בעלעם געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און געטראַכט. אַז אַזויפיל חכמים טראַכטן אַזוי לאַנג, דער־טראַכטן זיי זיך צו עפּעס גאָר קלוגס. און זיי האָבן זיך טאַקע דער־טראַכט און אַרויסגעגעבן אַזאַ פּסק:

— אַזוי ווי מיר האָבן אויסגעפונען, אַז וויפל מ׳זאָל נישט שניידן קיין קלאָץ, האָט ער נאָך אַלץ צוויי עקן — אַ לינקן און אַ רעכטן, מוז מען דערפאַר טראָגן די קלעצער אין דער ברייט. איז דאָך אָבער די גאַס צו שמאָל און מ׳קאָן די קלעצער נישט אַריינטראָגן, איז געבליבן, אַז מ׳זאָל צעוואַרפן די הייזער פון ביידע זייטן גאַס ביזן שול־הויף.

האָבן די בעלעמער אַזוי געטאָן. זיי האָבן אַראָפּגעריסן די הייזער פון ביידע זייטן גאַס. דעמלט האָבן די בעלעמער געקאָנט טראָגן די קלע־צער אין דער ברייט גלייך צום שול־הויף.

*        *
*

אַז מ׳האָט די קלעצער געברענגט צום ריכטיקן פּלאַץ, האָבן זיך די בעלעמער גענומען צו דער אַרבעט מיט אַ ברען. זיי האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער שול, אויפגעשטעלט ווענט, אַריינגעשטעלט פענצ־טער און טירן. זיי האָבן געדעקט דעם דאַך מיט ברוינע שינדלען און די ריננוועס האָבן זיי געמאַכט פון בלעך געפאַרבט רויט. ס׳איז אַרויסגע־קומען אַ שול, אַ געשטאָקט לאַמטערנדל. ס׳איז געווען אויף וואָס צו קוקן.

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען שאַ, שטיל, אָן געשרייען און קריגע־רייען. אָבער לאַנג רואיק קאָן אין בעלעם נישט זיין. אַז מ׳האָט געדאַרפט צוגרייטן ברעטער פאַר דער פּאָדלאָגע, האָבן זיך אָנגעהויבן צרות: האַלב בעלעם האָט געטענהט, אַז מ׳מוז די ברעטער אָפּהובלעווען זייער גלאַט, אויב נישט, קאָן נאָך טרעפן אַן אומגליק. אַלע ווייסן דאָך, אַז יום־כיפור און תשעה־באב גייען יידן אַרום אין אַ שול אָן שיך — אין זאָקן. אויב די ברעטער וועלן נישט זיין גלאַט געהובלעוועט, קאָן נאָך אַ ייד פאַר־שטעכן זיך אַ פוס. ס׳איז אַ סכנה, אַ געפאַר.

די אַנדערע העלפט בעלעם האָט געטענהט:

— אמת, ס׳איז טאַקע דאָ אַ געפאַר, אַז יידן זאָלן זיך פאַרשטעכן די פיס, אויב די ברעטער וועלן נישט זיין געהובלעוועט. אָבער ס׳איז דאָ נאָך אַ גרעסערע סכנה, אויב די ברעטער וועלן געהוב־

לעווקט ווערן און זיין גלאַט. שמחת־תורה טאַנצן יידן מיט ספרי־תורות אויף די הענט. אויף אַ גלאַטער, געהובלעוועטער פּאָדלאָגע קאָן זיך נאָך אַ ייד גרינג אויסגליטשן און פאַלן מיט דער תורה. דער ייד קאָן נאָך צעברעכן אַ פוס און גאַנץ כעלעם וועט חאַרפּן פאַסטן, וואָס אַ ספר־תורה איז אַראָפּגעפאַלן.

חער רב האָט אויסגעהערט אַלע טענות און באַשטימט, אַז ביידע צדדים זענען גערעכט: וויבאַלד, אַז ביידע צדדים זענען גערעכט, האַרף מען מאַכן אַ פשרה:

— די ברעטער דאַרף מען טאַקע הובלעווען, ווייל יידן קאָנען זיך נאָך צעשטעכן די פיס אום יום־כּיפּור אָדער תשעה־באב, ווען יידן גייען אַרום אין שול אָן שיך. אָבער לייגן די ברעטער זאָל מען מיט דער גלאַ־טער זייט אַראָפּ, אַזוי אַז יידן זאָלן זיך נישט אויסגליטשן און פאַלן שמחת־תורה, ווען זיי טאַנצן מיט ספרי־תורות אויף די הענט.

אַלע זענען געווען צופרידן פון רבס פשרה און מ׳האָט געטאָן, ווי ער האָט געהייסן.

די שול איז פאַרטיק געוואָרן. כעלעם האָט געמאַכט אַ חנוכת־הבית. קינד און קייט זענען געקומען אויף דער שמחה. מ׳האָט געטאַנצט און געהוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין. אייגער איז געווען טרויעריק — דער רב. די כעלעמער האָבן אָנגעהויבן טענהן צום רב:

— רבי, וואָס זענט איר טרויעריק? איר האָט דאָך געוואָלט אַ שול, האָט איר אַ שול, אַ געטאָקט לאַמטעהנדל. וואָס איז אייך אַצינד נישט געפעלן? אדרבא, ווייזט אונדז אָן עפּעס אויף אַ חסרון.

זאָגט דער רב:

— חלילה, אַ חסרון גאָר! די שול איז גאַנץ אָן אַ חסרון, ווי אַ גו־טער אתרוג, אָבער דערפאַר טאַקע שרעקט מיר דאָס האַרץ.

— וואָס האָט איר מורא, רבי?

— אין כעלעם איז דאָך געווען דער קייסער פון די גנבים — האָט דער רב געזאָגט — איר געדענקט דאָך, אַז מ׳האָט אַרויסגעגנבעט די לבנה, ווען זי איז געווען פאַרשנורעוועט און פאַרחתמעט. אַז דער קייסער פון די גנבים וועט דערהערן, אַז מיר האָבן אַזאַ שול, וועט ער קומען אין אַ פינצטערער נאַכט און צוגנבענען די שול.

— איז וואָס טוט מען, רבי?

— איך ווייס נישט, קינדער, דערפאַר בין איך דאָך טרויעריק.

רופט זיך אָן פּייוול, דער קליגסטער מאַן פון כעלעם:

— מיר האָט אָבער דער קאָפּ נאָך נישט אויסגעדאַרט. איך האָב א מיטל.

— וואָס? — האָט געפרעגט כעלעם.

— איר וועט שוין זען מאָרגן.

אויף מאָרגן האָט פּיוול גערופן א פּאַרבער און צו אים געזאָגט:

— נעם א פּענדזל און מאָל אויס מיט גרויסע אותיות אויף דער גאַנצער וואַנט פון דער שול אַזוי, טאַקע אויף לשון־קודש:

— „זה השול שייך לכעלעם", וואָס אויף ייִדיש מיינט דאָס: „די דאָזיקע שול געהערט צו כעלעם".

אַז דער רב האָט הערזען די אויפשריפט, האָט ער אויסגערופן מיט פרייד:

— אָט דאָס איז אַן איינפאַל! אָט דאָס איז א באַוואָרעניש! זאָלן די גנבים גנבענען די שול! וואָס קאָנען זיי מיט איר טאָן? ווו־הין זיי וועלן זי ברענגען, וועלן יידן וויסן, אַז די שול איז א געגנבעטע.

* *
*

די כעלעמער האָבן ליב געהאַט צו האַוועגען אין דער נייער שול. די שול איז טאַקע אַלעמאָל געווען געפּאַקט מיט פרעמדע און אייגענע. קומט אַריין דער שמש איינמאָל אין א פרימאָרגן אין דער שול און דער־זעט, אַז גנבים האָבן אַראָפּגעריסן די צדקה־פּושקע. די פּושקע איז געווען צוגעקלאַפּט מיט צוועלף טשוועקעס צו דער וואַנט, אָבער די גנבים האָבן זיך נישט געפּוילט און זי צורעכט געמאַכט. וואָס טוט מען אַציגד? צושלאָגן א נייע פּושקע, וועלן די גנבים זי ווידער צוגנבענען. גאָרנישט צוקלאַפּן קיין פּושקע? ווי אַזוי איז א ייִדישע שול אָן א פּושקע?

דערציילט עס דער שמש דעם רב.

זאָגט דער רב:

—שמש, הענג אויף די פּושקע הויך אויף א קייט, צוגעטשעפּעט צו דער סאַמע סטעליע, וועלן די גנבים נישט קאָנען דערלאַנגען צו דער פּושקע.

האָט דער שמש אַזוי געטאָן. אָבער גלייך אויף מאָרגן זענען די באַלעבאַטים געקומען מיט טענות צום שמש:

— אויפהענגען די פושקע הויך אויף א קייט איז א גוטער איינ־פאל, גנבים קאנען צו איר נישט דערלאנגען. אבער ס'טויג נישט, ווייל ווען מיר ווילן אריינווארפן צדקה אין פושקע, קאנען מיר צו איר אויך נישט דערלאנגען.

זאגט דער שמש:

— וואס ווילט איר פון מיר? גייט צום רב.

קומען די כעלעמער באלעבאטים צום רב און לייגן אוים פאר אים זייערע טענות.

זאגט דער רב צום שמש:

— נו, די באלעבאטים זענען דאך גערעכט. גיי קויף א לייטער וואס זאל דערלאנגען פון דער פאדלאגע ביז צו דער פושקע, וואס הענגט אראפ פון באלקן. די, וואס ווילן עפעס וואס אריינווארפן אין פושקע אריין, וועלן ארויף אויפן לייטער און אריינווארפן.

אבער מאדנע, די פושקע איז געהאנגען אזוי הויך, און דאך האבן די גנבים דערלאנגט צו איר. ווי אזוי? אין כעלעם האט מען א סך גע־רעדט וועגן דעם. מען וואלט געווען גערעדט און געשפארט זיך וועגן איר ביזן היינטיקן טאג. אבער אינגיכן האט כעלעם אנגעהויבן האנד־לען. און אז מען האנדלט, זענען דא גענוג צרות אן פושקעס.

# כעלעם האנדלט

# כעלעמער יידן האַנדלען

וווּנדער איבער וווּנדער. די ווינטמיל אויפֿן כעלעמער באַרג האָט טאַקע געמאָלן. ווען די פּויערים פֿון דער סבֿיבֿה האָבן דערהערט, אַז כעלעמער מיל מאָלט, זענען זיי זיך אַלע צונויפֿגעקומען ווי אויף אַ ביין וווּנדער. דער מילנער האָט אָנגעקוואָלן. פּויערים, ווי גאָדלען אויף אַ סאָסנע-בוים, און יעדעם פּויערל ברענגט אַ פֿור מיט קאָרן אָדער ווייץ צו מאָלן. די פֿליגלען פֿון דער מיל דרייען זיך און די פּויערים קאָנען זיך נישט אָפּוווּנדערן, וואָס די מיל אין כעלעם מאָלט טאַקע.

אָבער דעם מילנערס גליק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. וואָס אַ טאָג זענען געקומען אַלץ ווייניקער און ווייניקער פּויערים. ס'איז אַוועק אַ וואָך און נאָך אַ וואָך און די מיל האָט אָנגעהויבן פּוסטעווען, כאָטש נעם און מאַך אַ שטאַל פֿון איר. דער מילנער האָט געמיינט, אַז די די רעגנס זענען שולדיק. עפּעס דריי וואָכן לאַנג האָט געגאָסן ווי פֿון צעבערס. אָבער אָט האָבן זיך געשטעלט שיינע, ליכטיקע, מילדע טעג און אויפֿן באַרג האָט געבלאָזן אַ ווינטל — אַ מחיה. אָבער קיין פּויער האָט נישט אַריינגעשטעקט זיין פּוס אין שטאָט.

ס'איז אַוועק אַ חודש, צוויי חדשים, נישטאָ קיין פּויער אויף אַ רפֿואה. טראַכט דער מילנער:

— באַלד, באַלד —און איך וועל אָנקומען צו בעטל-ברויט. וואָס וועל איך דאָ זיצן און וואַרטן? איך וועל זיך לאָזן איבער די דערפֿער און אויסגעפֿינען פֿאַרוואָס די פּויערים וויַיכן פֿון מיין מיל.

קומט דער מילנער אין ערשטן דאָרף. ער קלייבט צונויף די פּויערים און פֿרעגט זיי:

פּויערים ליבע, פּויערים טייערע, מאָלט מיין מיל גוט אָדער שלעכט?

— גוט מאָלט דיין מיל — ענטפֿערן די פּויערים — חאָס מעל איז דין.

— רעכן איך אייך צו טייער פֿאַרן צעמאָלן אייער תּבֿואה?—פֿרעגט דער מילנער.

— דו רעכנסט נישט טייערער ווי אַנדערע מילנער — ענטפערן די פויערים.

— איז פאַרוואָס ווייכט איר פון מיין מיל אין בעלעם? — פרעגט ווייטער דער מילנער.

ענטפערן די פויערים:

— וואָס טויג אונדז קומען קיין בעלעם, אַז קיין קראָמען זענען דאָרטן נישטאָ און די יידן האַנדלען נישט. מיר קאָנען גאָרנישט פאַרקויפן און גאָרנישט קויפן. אַז מיר קומען אין שטאָט, ווילן מיר פאַרקויפן אַ ביסל מעל, אַ בינטל פלאַקס, אַ הון, אַ פאָר שאָק אייער, אַ קעלבל. פאַר דעם געלייזטן געלט קויפן מיר זיך איין נאפט, אַ ביסל זאַלץ, הייוון, אַ פאַטשיילע פאַרן ווייב, אַ פאָר שטיוול, טשוועקעס, אַ האַק, אַ קאָסע, אָדער קרעלן פאַר די יונגע טעכטער. און אַז ס׳בלייבט איבער אַ גראָשן קויפן מיר אַ ווייסע בולקע, און פאַרוואָס נישט קיין ביסעלע בראָנפן? אָבער ביי אייך אין בעלעם נישט מ׳קאָן עפּעס קויפן, נישט מ׳קאָן עפּעס פאַרקויפן. בעלעמער יידן האַנדלען נישט. זיי באַאַרבעטן זייערע גערטנער, האָדעווען בהמות און הינער, אָט ווי פויערים. אויב דו ווילסט מיר זאָלן פאָרן צו דיר אין מיל, זע, אַז די בעלעמער יידן זאָלן אָנהייבן האַנדלען.

* *

*

קומט דער מילנער קיין בעלעם און פאַררופט אַן אסיפה.

קומען זיך צונויף די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט, זעצן זיך אוים אין אַ קרייז און דער מילנער שטעלט זיך אויף און זאָגט:

— בעלעמער יידן, פאַרוואָס האַנדלט איר נישט?

קוקן זיך אָן די בעלעמער און זאָגן:

— וואָס מיינט האַנדלען, מילנער?

— האַנדלען — דערקלערט דער מילנער — מיינט קויפן און פאַרקויפן.

צעלאַכן זיך די בעלעמער:

— הערט אַ מעשה! אויב מיר קויפן עפּעס, דאַרפן מיר עס דאָך האָבן פאַר זיך, און צו וואָס זאָלן מיר עס פאַרקויפן?

זאָגט דער מילנער:

— קויפן זאַכן, וואָס איר דאַרפט נישט און...

לאָזן אים די בעלעמער נישט ענדיקן און צעלאַכן זיך נאָך העכער:

— צו וואָס זאָלן מיר קויפן זאַכן, וואָס מיר דאַרפן נישט?

דערקלערט זיי דער מילנער געדולדיק:

— קויפט זאַכן, וואָס איר אַליין דאַרפט ניט, און פאַרקויפט זיי צו די פויערים, וואָס קומען אין שטאָט.

פרעגן די בעלעמער ווייטער:

— צוליב וואָס פריער קויפן און דערנאָך פאַרקויפן? צוליב וואָס?

דערקלערט זיי דער מילנער די זאַך נאָך קלאָרער:

— אַז מ'קויפט און מ'פאַרקויפט, פאַרדינט מען דערביי. מ'קויפט וואָלוול און מ'פאַרקויפט טייער. למשל, איר קויפט אַ פּאָר שטיוול פאַר פינף גילדן און איר פאַרקויפט די זעלביקע שטיוול פאַר זעקס גילדן.

וווּנדערן זיך די בעלעמער:

— אַזוי גאָר? מ'קריגט אַ גילדן פאַר גאָרנישט? ניט געאַקערט און ניט געזייט, גאָרנישט ניט געטאָן און קריגן אַ גילדן. פאַרוואָס קומט עס אונדז?

— אָט דאָס איז האַנדל — דערקלערט זיי דער מילנער.

— אויב דאָס איז האַנדל, איז עס גאָרנישט קיין קרומע זאַך — שטימען איין די בעלעמער. — גוט, מיר וועלן אָנהייבן האַנדלען.

בעלעם האָט זיך גענומען צו מסחר. אַ סך באַלעבאַטים האָבן פאַר־קויפט זייערע גערטנער, זייערע בהמות און קעלבער, הינער און הענער און פאַר דעם געלט האָבן זיי אויסגעבויט קראָמען. זיי האָבן אָנגעפילט זייערע קראָמען מיט אַלדאָס גוטס און געוואַרט.

די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן דערהערט, אַז אין בע־לעם שטייען אָפן צוויי רייען קראָמען אָנגעפּראָפּטע מיט סחורות, זענען זיי געקומען קיין בעלעם מאָלן זייערע תבואות און איינקויפן אַלע נייטיקע זאַכן. דער מילנער איז געווען צופרידן, די פויערים זענען געווען צופרידן און די בעלעמער יידן אויך.

ס'איז געווען שטיל און רואיק אין שטאָט, אָבער ניט אויף לאַנג. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן רודערן אין בעלעם. אַ שמיד האָט זיך אַריינ־געקליבן גלייך אינמיטן שטאָט. בעלעמער באַלעבאַטים האָבן זיך דער־שראָקן אויף טויט.

* *

*

דער שמיד האָט געעפנט זיין קוזניע אין אַ מאַרק־טאָג. די שטאָט איז געווען שוואַרץ פון פויערים. די קוזניע איז באַלד פאַרוואָרפן גע־

װאָרן מיט אַרבעט. דער שמיד איז געװען פֿאַרנומען מיט זײן אַרבעט ביז שפּעט אין אָװנט. װען די בעלעמער האָבן פֿאַרמאַכט די געװעלבער און געגאַנגען אין שול אַרײן דאַװענען מנחה, האָבן זײ אַרײנגעקוקט אין קוזניע און זײ האָבן דערזען, אַז דער שמיד שטײט לעבן בלאָזזאַק און זײן פּנים איז שװאַרץ װי קױל. זײ זענען געבליבן שטײן פֿאַרציטערטע. דער קאָװאַל איז שװאַרץ און ציגײנער זענען שװאַרץ, איז דאָך אַ סימן, אַז דער שמיד איז אַ ציגײנער, און ציגײנער, זאָגט מען, זענען גנבים. איז דאָך שלעכט. דער שװאַרצער שמיד, װאָס איז אַ ציגײנער, װעט אַרױסטראָגן אַלץ פֿון די קראָמען. אַז די קראָמען װעלן אױסגעלײדיקט װערן, װעט די שטאָט פֿאַראָרעמט װערן. איז װאָס טוט מען?

האָט מען גערופֿן אַן אסיפֿה.

זענען די בעלעמער געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און גערעדט. גערעדט און זיך דעררעדט צו עפּעס: װען גנבענען גנבים? בײנאַכט. איז דאָך גוט. מ׳קאָן עס גרינג פֿאַרהיטן. די קרעמער װעלן שלאָפֿן בײטאָג און בײנאַכט װעלן זײ היטן די קראָמען. אַ גוטער פּלאַן.

* *

*

האָבן די בעלעמער אַזױ געטאָן. אַלע קרעמער זענען געשלאָפֿן בײטאָג און געהאַלטן אָפֿן די קראָמען בײנאַכט. אָבער מ׳האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז ס׳טױג נישט. בײנאַכט זענען קײן פּויערים נישט געקומען קױפֿן אין די קראָמען, און בײטאָג, װען פּויערים זענען געקומען אין שטאָט, זענען די קראָמען געװען פֿאַרמאַכט.

איז װאָס טוט מען?

האָט מען גערופֿן אַן אסיפֿה.

זענען די קרעמער דאָס מאָל געזעסן נאָך דרײ טעג און דרײ נעכט און גערעדט און זיך דעררעדט שנעל צו עפּעס גאָר רעכטס: די קרעמער מוזן דאָך האַלטן אָפֿן די קראָמען בײטאָג, דאַרפֿן זײ שלאָפֿן בײנאַכט. אײ, װער װעט היטן די קראָמען? פּראָסט און פּשוט, די קרעמער װעלן דינגען אַ שומר, אַ נאַכט־װעכטער. אָט דער נאַכט־װעכטער װעט שלאָפֿן בײטאָג און זײן אױף אַ גאַנצע נאַכט.

אַ שטיקל צײט איז אַריבער און ס׳איז געװען שאַ, שטיל. אָבער באַלד איז דער זומער אַװעק און קאַלטע װינטן האָבן אָנגעהױבן בלאָזן.

דער נאַכט־וועכטער איז געקומען צו די קרעמער און האָט געזאָגט, אַז די נעכט זענען ווינטיקע און קאַלטע און ער האָט מורא ער זאָל זיך נישט צוקילן.

די קרעמער האָבן עס דערהערט און ס'האָט זיי אָנגעהויבן קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן פון שרעק. אַ קלייניקייט! דער וועכטער וועט זיך פאַר־קילן. ס'איז דאָך אַ סכנה. פון אַ פאַרקילונג קאָן מען גרינג קראַנק ווערן אויף די לונגען. פון אַ לונגען־קראַנקהייט קאָן מען שטאַרבן איינס און צוויי. מער פעלט נישט די קרעמער. אַ נייעם וועכטער וועט מען אויך דאַרפן דינגען. די שטאָט וועט דאָך בדיל הדל ווערן.

וואָס טוט מען?

איז געבליבן, אַז מ'זאָל רופן אַ גרויסע אסיפה.

די אסיפה, וואָס די בעלעמער האָבן פאַררופן וועגן נאַכט־וועכטערס אַנטוועכץ, האָט זיך געצויגן צוועלף טעג און צוועלף נעכט. ביז לסוף האָט מען זיך דערטראַכט צו עפּעס רעכטס. דער איינפאַל איז געווען גאָר אַ קלוגער — די שטאָט זאָל אויפנייען דעם שומר אַ שאָפּענעם פעלץ. אין אַ שאָפּענעם פעלץ וועט אים זיין וואַרעם אין די קאַלטסטע נעכט און ער וועט זיך נישט פאַרקילן. אַלע זענען געווען צופרידן און דער נאַכט־וועכטער אויך. אָבער, אַז מ'האָט זיך געוואָלט פאַנאַנדערגיין, האָט נישט געלאָזט פּיוול, דער אַמאָליקער קליגסטער מאַן פון כעלעם, וואָס איז אַצינד געווען רייך ווי קורח און אַן אָנגעזעענער בעלבאָס אין שטאָט. ער האָט אַוועקגעלייגט אַזאַ מין דרשה:

— די שענסטע קראָם אין שטאָט האָב איך. דאָס שענסטע הויז פאַרמאָג איך. אַ גבאי אין שול בין איך און אַ שאָפּענעם פעלץ טראָג איך. אויב דער שומר וועט אויך טראָגן אַ שאָפּענעם פעלץ, ווי וועט די שטאָט וויסן ווער ס'איז דער גבאי און ווער ס'איז דער נאַכט־וועכטער?

אַ גערעכטע טענה.

זענען די כעלעמער געבליבן זיצן אויף דער אסיפה און ווייטער גע־טראַכט. זיי זענען געזעסן נאָך ניין טעג און ניין נעכט און זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן צו קיין זאַך. אויפן דרייצנטן טאָג איז געקומען אויף דער אסיפה אַ פּראָסטער שניידער און האָט געזאָגט:

— איך האָב אַ פּלאַן. ביי אונדז אין כעלעם טראָגט מען שאָפּענע פעלצן ווי ס'באַדאַרף צו זיין: מיט די האָר אינעווייניק, דאָס פוטער איז דער אונטערשלאַק. אין אַמעריקע, וואָס איז אויף יענער זייט וועלט, טראָגט מען פאַרקערט, מיט די האָר אין דרויסן. לאָמיר אויפנייען דעם

שומר אַז איבערגעקערטן פּעלץ מיט די האָר אין הרויסן. דערמלט וועט דאָך יעדער איינער זען און וויסן ווער ס'איז דער גבאי און ווער ס'איז דער נאַכט־וועכטער.

* *
*

אַלע זענען געווען צופרידן און די בעלעמער קרעמער האָבן זיך גע־וואָלט צעגיין. דער נאַכט־וועכטער האָט אָבער אָנגעהויבן שרייען מיט באַ־גומענע קולות, אַז מ'וויל אים אומברענגען, מ'וויל אים קוילענען מיט אַ טעמפּן מעסער.

— ס'איז דאָך אַ סכנה, אַ געפאַר אָנצוטאָן אַזאַ פּעלץ — האָט דער שומר געטענהט — אַ וואָלף קאָן גאָר מיך אָננעמען פאַר אַ שעפּס, וואָס איז אויך באַדעקט מיט לאַנגע האָר.

די בעלעמער זענען געבליבן זיצן פאַרציטערטע. מער פעלט זיי נישט, אַז דער וועכטער זאָל פאַרצוקט ווערן פון אַ וואָלף. זיבן יתומים און אַן אַלמנה!

— איז וואָס טוט מען? — האָבן אַלע געשריגן אין איין קול.

אָבער דער שניידער האָט געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער האָט אַ גלעט געטאָן זיין רויטע באָרד און געזאָגט:

— **קויפט אַ פערד און זעצט אַרויף דעם שומר אויפן פערד.** אַ וואָלף וועט שוין זען און וויסן, אַז אייער שומר איז נישט קיין אמתער שעפּס.

* *
*

האָט מען אַזוי געטאָן. דער שניידער האָט אויפגענייט דעם וועכטער אַ פאַרקערטן פּעלץ. דער מילנער האָט געקויפט פאַרן וועכטער אַ פערד און דער שומר, אָנגעטאָן אין פּעלץ, איז געריטן אויפן פערד און געהיט די קראָמען.

אַ פּאָר טעג שפּעטער קומט דער נאַכט־וועכטער מיט אַ גייעם גע־יואַלד.

— וואָס איז?

דערציילט דער שומר:

— ביינאַכט האָט זיך דאָס פערד צעלאָזן, און מיר שיעור נישט פאַרטראָגן הינטער דער שטאָט צו די גריבער, וווּ מ'גראָבט ליים פאַר דער שטאָט. ס'איז האָך אַ געפאַר איך זאָל נאָך געהרגעט ווערן!

די פאַרציטערטע בעלעמער האָבן גערופן אַן אסיפה. מ'האָט גערעדט און געטראַכט, געטראַכט און גערעדט און נישט געקאָנט זיך דערדערן און דערטראַכטן צו עפּעס רעכטס. האָט דער רב געטאָן אַ שמעק טאַבאַק, אַ נאָס געטאָן און געזאָגט:

— ווי באַלד ס'האַנדלט זיך וועגן אַ פערד, טאָ לאָמיר פרעגן אַ באַלעגאָלע.

מ'האָט גערופן אַ באַלעגאָלע און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. דער כעלעמער באַלעגאָלע האָט געהאַט אַ פּאַרטיקע עצה. דער שומר זאָל טאַקע זיצן רייטנדיק אויפן פערד, אָבער ער קאָן זיך נאָך צעטראָגן און פאַרטראָגן דעם וועכטער הינטער דער שטאָט און אים אַריינשליידערן מיטן פעלץ איגאַנצעס אין די טיפע גריבער אַריין, זאָל מען דערפאַר דאָס פערד צובינדן צו אַ סלופּ.

דאַכט זיך אַ גוטע, דורכגעטראַכטע עצה. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה. יעדער קרעמער האָט געוואָלט מ'זאָל אַריינזעצן אַ סלופּ לעבן זיין קראָם און דאָרטן צובינדן דאָס פערד.

מ'האָט זיך געאַמפּערט און געקריגט און נישט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק ביז שפּעט אין דער נאַכט. סוף כל סוף האָט מען געמאַכט אַ פּשרה — אַזוי ווי די שטאָטישע באָד איז אַלעמענס, זאָל מען אַריינזעצן אַ סלופּ לעבן דער שטאָטישער באָד און האָרטן צובינדן דאָס פערד.

האָט מען אַזוי געטאָן און אַלע זענען געווען צופרידן. אין שטאָט איז געוואָרן שאַ, שטיל און רואיק.

אָבער, אַז אַ צרה איז באַשערט, איז באַוואָרנט. אין אַ שיינעם פּראָסטיקן פרימאָרגן קלאַפּט דער וועכטער אין די לאָדנס פון די קרעמער:

— שטייט אויף, כעלעמער באַלעבאַטים, גנבים האָבן אויסגעליידיקט אייערע קראָמען.

האָבן זיך די כעלעמער קרעמער אַרויסגעכאַפּט פון די בעטן נישט טויט, נישט לעבעדיק און אַוועקגעלאָפן צו די קראָמען. אַז די קרעמער זענען אָנגעקומען אויפן מאַרק, האָבן זיי דערזען, אַז די טירן פון די קראָמען זענען אויפגעבראָכן און די פּאָליצעס זענען אויסגעריידיקט.

איז געוואָרן אַ קלאָג, אַ יללה, און די באַגנבעטע קרעמער האָבן געשלעפּט דעם שומר צום רבּ.

די גאַנצע שטאָט איז זיך צוזאַמענגעלאָפן און די קרעמער האָבן געטענהט:

— רבי, דער שומר האָט געפאַלשעוועט. ער האָט גישט געהיט ווי ס'באַדאַרף צו זיין און גנבים האָבן אונדז באַגנבעט פון קאָפּ ביז די פיס.

—זאָגט דער בעלעמער רב צום שומר:

— וואָס פאַר אַ שומר ביסטו, אַז דו האָסט געלאָזט די גנבים באַגנבענען בעלעם?

האָט דער וועכטער געענטפערט:

— רבי, איך האָב געזען ווי די גנבים האָבן געבראָכן די שלעסער. מיט מיינע אויגן האָב איך צוגעקוקט ווי די גנבים האָבן אַרויסגעטראָגן די סחורות פון די קראָמען. אָבער איך האָב גאָרנישט געקאָנט טאָן. איך בין געזעסן רייטנדיק אויפן פערד און דאָס פערד איז געווען צוגעבונדן צום סלופּ לעבן דער באָד, ווייט פון די קראָמען. ווי קאָן קומען די קאַץ איבערן וואַסער?

טוט דער רב אַ גלעט די באָרד און זאָגט:

— אמת טאַקע זענען דיינע רייד, אָבער דו ביסט נישט גערעכט. דו האָסט געקאָנט אָפּבינדן דאָס פערד פון סלופּ און צוריטן צו די קראָמען און כאַפּן די גנבים.

ענטפערט דער וועכטער:

— רבי, איך האָב עס טאַקע געוואָלט טאָן, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דאָס פערד קאָן זיך צעטראָגן און מיך פאַרטראָגן הינטער דער שטאָט און מיך אַראָפּשלײדערן גלייך אין די טיפע גריבער אַריין, האָב איך זיך דערשראָקן: איך וועל נאָך דערהרגעט ווערן און מיינע קינדער וועלן בלייבן יתומים און מיין ווייב אַן אלמנה. האָב איך נישט אָפּגעבונדן דאָס פערד און זיך נישט גערירט פון אָרט.

זאָגט ווייטער דער רב:

— אמת טאַקע זענען דיינע רייד, און איך פאַרשטיי פאַרוואָס דו האָסט נישט געוואָלט אָפּבינדן דאָס פערד פון סלופּ. אָבער דו האָסט געקאָנט אַראָפּקריכן פון פערד און צוגיין צו די קראָמען און כאַפּן די גנבים.

האָט דער שומר געענטפערט מיט האַרץ:

— אָבער, רבי, מיין פּעלץ איז דאָך אַן איבערגעקערטער און איך האָב מורא געהאַט, אַז אַ וואָלף וועט מיך אָננעמען פאַר אַ שעפּס און מיך פאַרצוקן.

זאָגט דער רב:

—אַ תּירוץ איז עס אַ גוטער, אָבער דו ביסט אַלץ נישט גערעכט. דו האָסט באַדאַרפט אַראָפּוואַרפן דיין פּעלץ און לויפן צו די קראָמען און כאַפּן די גנבים.

ענטפערט דער שומר מיט טרערן אין די אויגן:

— אָבער, רבי, די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַ פראָסטיקע. איך האָב מורא געהאַט איך זאָל זיך נישט פאַרקילן. פון אַ פאַרקילונג קאָן מען קראַנק ווערן אויף די לונגען און שטאַרבן. זיבן יתומימלעך וועלן בלייבן נאָך מיר, רבי, און אַן אלמנה!

— יאָ — ענטפערט דער רבי געלאַסן — ס'איז גוט, אַז אַ טאַטע פון זיבן קינדער היט אָפּ זיין געזונט. אָבער דו ביסט אַלץ נישט גערעכט. דו האָסט געקאָנט אָנהייבן שרייען: יידן, שטייט אויף, גנבים דרייען זיך ארום אין שטאָט!

קוקט דער שומר אָן דעם רב פאַרוווּנדערט און זאָגט:

— דאָס פאַרשטיי איך גאָרנישט. אויב איך וואָלט געשריגן „גע־וואַלד", וואָלט איך דאָך אויפגעוועקט די קרעמער.

— נו, נו — זאָגט דער רב אומגעדולדיק — דאָס מיין איך דאָך, ס'וואָלט געווען גוט. די קרעמער וואָלטן געכאַפּט די גנבים.

ענטפערט דער שומר מיט האַרץ:

— אָבער, רבי, געזונט זאָלט איר מיר זיין, ווען איך וועק אויף די קרעמער, פאַלשעווע איך דאָך מיין אַרבעט. די קרעמער האָבן מיך דאָך בפירוש געדונגען, אַז איך זאָל זיין וואַך ביינאַכט, כדי זיי זאָלן קאָ־נען שלאָפן ביינאַכט און זיין וואַך ביים טאָג. מיט מיינע געוואַלדן וואָלט איך דאָך זיי אויפגעוועקט פון שלאָף.

טוט דער רב אַ שמעק טאַבאַק און זאָגט:

— ביסטו טאַקע גערעכט. ביסט אַ גוטער, געטרייער שומר. האָסט געטאָן דיין אַרבעט ערלעך ווי מ'האָט אָפּגערעדט. דו ביסט ווערט אַ הוספה.

און וואָס מיינט איר?

די בעלעמער האָבן זייער געטרייען, גוטן נאַכט־וועכטער געהעכערט די שכירות.

# יושר אין כעלעם

יאָרן זענען אַוועק און כעלעם האָט זיך געביטן. ווען כעלעם האָט באַאַרבעט אירע גערטנער, געהאָדעוועט בהמות און הינער ווי פּויערים, זענען אַלע יידן אין שטאָט געווען גלייך. ס'איז נישט געווען קיין אָרעם און קיין רייך. אָבער אַז כעלעם האָט אָנגעהויבן פירן געשעפטן, זענען אויפגעקומען רייכע לייט. ווו ס'זענען דאָ נגידים, זענען פאַראַן אָרעמעלייט. און ס'פירט זיך אויף דער וועלט, נאָך גאָר פון אַמאָל, אַז די רייכע פאַרטראָגן נישט די אָרעמע און די אָרעמע האָבן אַ האַרץ אויף די רייכע.

די נגידים האָבן געלעבט ווי די נגידים. זיי האָבן געקויפט אין די שניט־קראָמען די בעסטע סחורות און באַשטעלט זייערע קליידער ביי די בעסטע שניידער. פאַר זייערע פרויען האָבן זיי געקויפט זייַדנס און סאַמעט און קאַשמיר. פאַר זייערע קינדער מלבושים פון בעסטן, פיינסטן וואָל, גענייט מיט זייַדענע פעדעם און באַפּוצט מיט פוטער.

די אָרעמעלייט האָבן זיך געמוטשעט ווי אַלע קבצנים איבער גאָר דער וועלט. אויב אַמאָל אין זיבן יאָר האָט זיך אַ קבצן אויפגענייט אַ שטיקל מלבוש, איז עס געווען פון פּראָסטן קאָרט; די פרויען־קליידער זענען גענייט געווען פון קאַליקאָר און אַז אָרעם קינד האָט קיינמאָל אין זיינע אויגן נישט געזען קיין נייעם אָנצוג. אַלעמאָל האָט מען פאַר אַ קינד איבערגענייט פון טאַטנס הויזן אָדער פון טאַטנס קאַפּאָטע.

מיטן עסן איז אויך געווען דאָס זעלביקע. די גבירים האָבן געגעסן ווייסע חלה, טאָרט גיעל ווי זאַפראַן; געשטאָפּטע הינדלעך, געבראָטענע קאַטשקעס. אַז אַ קצב האָט געקוילעט אַן אָקס אויף שבת, האָבן די גבירים זיך איינגעקויפט דאָס ברוסט־פלייש און די טייערע פלאַנקען־פלייש. די אָרעמעלייט, די קבצנים, זענען צופרידן געווען, ווען זיי האָבן געהאַט שוואַרץ קאָרנברויט צו זאַט, פיסלעך און קעפּלעך פון הינער, וואָס מ'האָט געקוילעט פאַר די גבירים, און פון אָקס די לונג־און לעבער, דעם קאָפּ און די ביינער.

אפילו אין שול איז קענטיק געווען ווער ס'איז רייך און ווער ס'איז אָרעם. די גבירים זענען געשטאַנען אין מזרח=וואַנט, לעבן ארון=קודש; אָדער אין שפּיגל=וואַנט אַנטקעגן מזרח=וואַנט. יעדער גביר האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע שטאָט אין שול און אַן אייגענעם שטענדער. אין שטענדער איז געווען אַריינגעבויט אַ גרויסער שופלאָד, ווו ס'איז געווען גענוג אָרט פאַר טלית און תפילין, פאַר אַ סידור, מחזור און חומש.

די אָרעמעלייט זענען געשטאַנען צוגויפגעקוועטשט הינטער דער בימה לעבן דער הרובע, האַרט ביים האַנט=פּאָס. אַזוי ווי אָרעמעלייט זענען געווען אַ סך אין כעלעם, האָבן זיי אויך פאַרנומען דעם פּלאַץ הינטער דער הרובע. ס'איז נישט געווען אין דער ענגשאַפט ווו צו שטעלן קיין בענק. האָבן די אָרעמעלייט נישט געהאַט ווו זיך צוצוזעצן, ווען זיי זענען מיד געוואָרן.

איינמאָל אין אַ זומערדיקן שבת, ווען די היץ איז געווען נישט אַריבערצוטראָגן, און די ענגשאַפט און שטיקעניש הינטער דער בימה, און אַרום דער הרובע איז געווען נישט אויסצוהאַלטן, האָבן די אָרעמעלייט זיך צובונטעוועט. זיי האָבן נישט געלאָזט אַרויסנעמען די תורה פון ארון=קודש. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער רב זאָל זיי דערקלערן פאַרוואָס האָבן די גבירים פון פויגל=מילך און די אָרעמעלייט האָבן קדחת מיט כשרע פאָדעם?

דער רב האָט געצופּט האָס שפּיציקע ציגן=בערדל און געזאָגט:

— פע, יידן מיינע, ס'איז נישט שיין, אַז איר זאָלט אַזוי ליאַרעמען און טומלען און פאָדערן מיט כוח. ס'פּאַסט נישט פאַר כעלעמער. כעלעם האָט איינגעשטעלטע פירונגען. האָט עמעצער אַ טענה אָדער אַ קריוודע מעג ער פאַררופן אַן אסיפה. אויף דער אסיפה רעדט מען דורך און מ'קומט צו אַ טאָלק אָדער מ'מאַכט אַ פשרה.

אַ מנהג איז שטאַרקער פון אַ דין איבער דער וועלט און אין כעלעם אויך. די אָרעמעלייט זענען שטיל געוואָרן, זיי האָבן געלאָזט אַרויסנעמען די תורה פון ארון=קודש.

שבתצונאַכטס האָט מען פאַררופן אַן אסיפה.

* *
*

אויבנאָן איז געזעסן דער רב אין זיין זיידענער יאַרמעלקע. ביי זיין רעכטער האַנט איז געזעסן פייוול, דער שענסטער באַלעבאָס פון כעלעם.

און בײַ זײַן לינקער האַנט — אַרע, דער גרויסער לערנער און שײנער ייד. אַלע איבעריקע רײַכע יידן זענען געזעסן ברײטלעך אַרום טיש און די אָרעמע לײַט זענען געשטאַנען.

האָבן זיך דערנעענטערט צװײ שוסטער־יונגען און האָבן אָנגעהויבן רעדן מיט אַ ניגון:

— רבי, מיר װילן אײַך פרעגן אַ שאלה.

זאָגט דער רבֿ:

— פרעגט, קינדער, פרעגט!

האָבן בײדע שוסטער־יונגען געזאָגט:

— פאַרװאָס קומט האָס די גבירים זיך צו קלײדן אין טײַערסטן געװאַנט און זײערע פרױען טראָגן זײַדנס און קאַשמיר, און מיר, אָרעמע־לײַט, דאַרפן זיך קלײדן אין קאָרטענע אנצוגן און אונדזערע פרױען און קינדער גײען אָנגעטאָן אין שמאַטעס און טראַנטעס, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע? פאַרװאָס?

די שוסטער־יונגען האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און װײטער גע־טענהט:

— אדרבא, דערקלערט אונדז, רבי, פאַרװאָס עסן די גבירים אַלע טאָג פרישע חלה און געבראָטענע הינער, געשטאָפּטע קאַטשקעס און גע־פרעגלטע געגדז, און אַז מ׳שעכט אַן אָקס אויף שבת, קויפן זײ אָפּ די ברוסט און די פעטע פלאַנקען־פלײש. נאָכן עסן פאַרבײַסן זײ מיט טאָרט און פאַרטרינקען מיט װײַן, און מיר, קבצנים, עסן קאָרנברויט, אי דאָס אויך נישט צו דער זאַט? אַמאָל אין זיבן טעג פאַרגינען מיר זיך אַ שטיקל לונג־און־לעבער און יויך געקאָכט פון בײנער. מיר פאַרבײַסן מיט גאָר־נישט און פאַרטרינקען מיט װאַסער, פאַרװאָס?

זײ האָבן זיך אָפּגערוט און װײטער גערעדט:

— אפילו אין שול, רבי, זענען אונדזערע גבירים מיוחסים. זײ פאַר־נעמען די מזרח־װאַנט און זיצן אויף דער שפּיגל־באַנק און מיר קבצנים דאַרפן שטײן הינטער דער בימה, אַרום דער הרובע, הינטער דער הרובע און גלײַך בײַ דער טיר. װוּ איז יושר, פרעגן מיר אײַך, רבי?

טוט דער בעלעמער רבֿ אַ שמעק טאַבאַק, ניסט זיך געשמאַק אויס און זאָגט צו די שײנע באַלעבאַטים:

— טאַקע, די אָרעמעלײַט זענען גערעכט. איך פרעג אײַך, שטאָט־גבירים, װוּ איז יושר?

ענטפערט פײַװל, דער שענסטער באַלעבאָס פון אַלע באַלעבאַטים:

— רבי, איר פאָדערט פון אונדז גבירים יושר? אָבער מיר האָבן נישט קיין יושר. אַלע אין בעלעם ווייסן עס.

כאַפּן אונטער אַלע גבירים אין איין קול:

— רבי, אַלע ווייסן, אַז בעלעמער גבירים האָבן נישט קיין יושר.

טוט דער רב אַ פרישן שמעק טאַבאַק און טוט נאָך אַמאָל אַ נאָס און זאָגט:

— קבצנים פון בעלעם, איז עס אמת, אַז די גבירים פון בעלעם האָבן נישט קיין יושר?

— ס'איז אמת — ענטפערן אַלע קבצנים אין איין קול.

זאָגט דער רב:

— וויבאַלד אַזוי, איז שלעכט, קבצנים פון בעלעם. נאָכן דין נאָך איז די טענה „אין לי" — איך האָב נישט — די בעסטע טענה. מ'קאָן נישט צאַפּן קיין וויין פון אַ וואַנט און מ'קאָן נישט אַרויסקוועטשן קיין האָ־ניק פון אַ שטיין. וויבאַלד, אַז איר אַליין גיט צו, אַז די גבירים האָבן נישט קיין יושר, האָט איר פאַרלוירן.

ס'איז געוואָרן אַ טומל צווישן די אָרעמעלייט. די צוויי שוסטער־יונגען האָבן אַלעמען איבערגעשריגן:

— מיר, קבצנים, וועלן נישט דערלאָזן, אַז די גבירים זאָלן אַלץ פאַרכאַפּן. מיר וועלן נישט שווייגן. מיר וועלן די וועלט אויפשטורעמען. אמת טאַקע, אונדזערע בעלעמער גבירים האָבן נישט קיין יושר, אָבער ס'איז נאָך דאָ יושר אויף דער וועלט!

אַז דער רב האָט דערהערט די רייד פון די אָרעמעלייט, האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן פון פרייד:

— אויב ס'איז דאָ יושר אויף דער וועלט, קינדער, איז האָך גוט. אמת, קיין יושר האָבן אונדזערע גבירים נישט, אָבער געלט האָבן זיי האָך! וועלן מיר ביי זיי נעמען גענוג געלט און מיר וועלן אַרויסשיקן צוויי מענטשן אויף דער וועלט איינצוהאַנדלען יושר. אָבער טאַקע אַ סך יושר, זאָלן זיי ברענגען מיט זיך אַ פול פעסל. ס'דאַרף זיין גענוג פאַר אַלע גבירים. אַז מיר וועלן איינטיילן אונדזערע גבירים מיט יושר, וועלן זיי האָבן איינזעעניש מיט די אָרעמעלייט.

אַלעמען איז געפעלן געוואָרן דער איינפאַל פון קלוגן רב און בעלעם האָט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט צוויי מענטשן איינצוקויפן יושר.

* *

*

די צוויי שלוחים פון בעלעם האָבן זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין זוכן יושר. וווהין זיי זענען געקומען, האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט:

— גוטע מענטשן, קאָנט איר אונדז אָנווייזן, ווו מיר קאָנען קויפן אַ ביסעלע יושר פאַר אונדזערע גבירים?

אומעטום האָבן די כעלעמער געקריגן דעם זעלבן ענטפער:

— אומזיסט אייער זוכן. אויך ביי אונדז אין שטאָט פעלט אויס דער מין סחורה. ווען מיר וואָלטן וויסן ווו צו קריגן אַ ביסעלע יושר פאַר אונדזערע אייגענע גבירים, וואָלטן מיר דאָס העמד פון לייב אויסגעטאָן און אייגעקויפט אַ פיצעלע יושר פאַר אונדזערע גבירים.

פאָרן ווייטער די כעלעמער שלוחים, פאָרן און פאָרן, ביז זיי קומען אָן קיין וואַרשע.

גייען זיי איבער די וואַרשעווער גאַסן און זעען גרויסע געשעפטן מיט אויסגעפוצטע שויפענצטער און קראָמען אָנגעפראָפטע מיט אַלדאָס גוטס, אָבער קיין יושר אויסגעשטעלט זעען זיי נישט.

גייען זיי ווייטער און זוכן. זעען זיי אַ גרויסע רייכע קראָם, וואָס מ׳רופט מאַגאַזין. פענצטער האָט דער מאַגאַזין פון דער פאָדלאָגע ביז דער סטעליע. אין די פענצטער איז אויסגעשטעלט וואָס אַ מויל קאָן אַרויסרעדן און אויגן קאָנען זען. קוקן די כעלעמער אויפן גרויסן מאַגאַזין און זאָגן איינער צום אַנדערן:

— אין אַזאַ גרויס געשעפט קאָן זיך אַמאָל פאַרוואַלגערן אַ ביסל יושר. מ׳דאַרף נאָר וויסן אין וועלכן ווינקל צו קוקן.

באַמערקן צוויי וואַרשעווער זשוליקעס די צוויי קליינשטעטלדיקע ייִדן, ווי זיי שטייען און זוכן מיט די אויגן. פאַרשטייען שוין די וואַרשעווער חברה־לייט, אַז אַזעלכע צוויי ייִדן קאָן מען אַרייננאַרן אין זאַק אַריין.

קומען צו די בלאַטע חברה צו די כעלעמער און זיי זאָגן:

— ייִדן, זוכט איר עפּעס וואָס צו קויפן אין וואַרשע? מיר קאָנען אייך פאַרקויפן וואָס אייער האַרץ גלוסט. אויב איר האָט געגוג געלט, קאָנען מיר אייך פאַרקויפן די בריק, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן איבער דער ווייסל. אויב אייך געפעלט נישט די בריק, וועלן מיר אייך פאַרקויפן דעם זאַקסישן גאָרטן. נישט? ווילט איר אפשר קויפן די כאָר־שול?

ענטפערן די כעלעמער:

— ניין, טייערע מענטשן, מיר ווילן נישט קויפן די בריק איבער דער ווייסל. און נישט דעם זאַקסישן גאָרטן. און אויף וואָס דאַרפן מיר

די כאַר־שול? מיר האָבן אַן אייגענע, ערשט אויסגעבויטע, שיינע שול אין כעלעם.

— אַזוי גאָר, איר זענט כעלעמער? — פרעגן די זשוליקעס — גאָט אייך שלום־עליכם.

— יאָ, מיר זענען כעלעמער — עליכם שלום.

— און וואָס זוכן צו קויפן צוויי כעלעמער חברים אין וואַרשע? — פרעגן איידל די וואַרשעווער בלאַטע חברה.

— יושר זוכן מיר צו קויפן — ענטפערן די כעלעמער — מיר זע־גען אויסגעפאָרן אַ וועלט און קאָנען נישט געפינען קיין ברעקעלע יושר אויף אַ רפואה.

ענטפערן די וואַרשעווער חברה־ניקעס:

—נישט געזאָרגט, יידן, מיר וועלן אייך פאַרקויפן יושר וויפל אייער האַרץ גלוסט.

דערפרייען זיך די כעלעמער שלוחים און זיי פרעגן:

— אַ גאַנץ פעסעלע יושר קאָנט איר אונדז פאַרקויפן? דער רב האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ברענגען מיט זיך אַ סך יושר, אַ גאַנץ פעסעלע יושר.

ווינקען זיך איבער די זשוליקעס און זיי זאָגן:

— יושר, ווייסט איר האָך, איז אַ טייערער ביסן. אָבער אויב איר קאָנט באַצאָלן, וועלן מיר אייך צושטעלן אַ פול פעסל מיט יושר.

די כעלעמער זענען אין זיבעטן הימל און זיי פרעגן נייגעריק:

— צוויי טויזנט גילדענע רענדלעך וועט זיין גענוג?

— מער האָט איר נישט? — פרעגן די וואַרשעווער גנבים.

— מער האָבן מיר נישט — ענטפערן די כעלעמער.

— אויב איר האָט נישט מער, וועט זיין גענוג — שטימען צו די וואַרשעווער — דערלאַנגט דאָס געלט און איר קריגט אַ פול פעסל מיט יושר.

* *
*

די כעלעמער האָבן אָפּגעציילט די צוויי טויזנט רענדלעך די זשולי־קעס אויף דער האַנט און די וואַרשעווער חברה־לייט האָבן צוגעזאָגט, אַז מאָרגן גאַנץ פרי ברענגען זיי צו די כעלעמער אויף דער אכסניה אַ פול פעסעלע מיט יושר — פאַרקלאַפּט און פאַרזיגלט.

אויף מאָרגן האָבן די זשוליקעס געבראַנגט דאָס צוגעזאָגטע פּעסעלע מיט יושר. זיי האָבן עס איבערגעגעבן צו די בעלעמער שלוחים און זיי אָנגעזאָגט:

— געדענקט, בעלעמער, עפּעס נישט האָט פּעסעלע ביז איר וועט אָנקומען בשלום אַהיים. צעטרענצלט נישט דעם אוצר אויפן וועג. בעלעם קאָן נאָך זאָגן, אַז מיר זענען זשוליקעס און מיר האָבן אָפּגענאַרט אַ שטאָט מיט ייִדן.

באַליידיקן זיך די בעלעמער:

— וואָס מיינט איר, וואַרשעווער, מיר זענען עפּעס אָפּנאַרער? אוודאי וועלן מיר ברענגען דאָס פּעסעלע פאַרקלאַפּט און פאַרזיגלט, אַט ווי איר האָט עס אונדז איבערגעגעבן.

* *
*

די שלוחים זענען אָנגעקומען קיין בעלעם און דער רב האָט באַלד פאַררופן אַן אסיפה. אויף דער אסיפה האָבן די צוויי שלוחים דערציילט פון זייער לאַנגער און שווערער רייזע, און פון די צרות וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן ביז זיי האָבן געקריגן דאָס פּעסעלע יושר.

דער רב האָט אויסגעהערט די שלוחים, געשאָקלט מיטן קאָפּ און צו זיי געזאָגט:

— ס'איז ווערט צו לײַדן, כּדי אַ שטאָט ייִדן זאָלן אויפגעריכט ווערן. אַצינד, אַז אונדזערע גבֿירים וועלן צוקריגן אַ ביסעלע יושר, וועט זיין גרינגער צו לעבן. אַלע וועלן צוריק זיין גלייך און ס'וועלן מער נישט זיין קיין אָרעם און רייך.

ענטפערן די שלוחים:

— אויב אַ ביסעלע יושר איז גענוג צו מאַכן אַ גבֿיר פון אַ פּיינעב מענטש, וועלן מיר די גאַנצע וועלט גליקלעך מאַכן. מיר האָבן גענוג יושר פאַר גאָר דער וועלט גבֿירים — אַ פול פּעסעלע האָבן מיר.

— נו, איז גוט. אָבער לאָמיר פריער באַטיילן אונדזערע אייגענע גבֿירים — האָט געזאָגט דער רב — נעמט זיך צו דער אַרבעט!

די צוויי שוסטער־יונגען האָבן אַרויפגעשלעפּט דאָס פּעסעלע אויף אַ טיש און פּייוול, דער שענסטער באַלעבאָס אין שטאָט, האָט גענומען אַ האַמער און אַרויסגעקלאַפּט דעם צודעק פון פּעסעלע. דער רב האָט זיך

איבערגעבויגן איבער דעם אָפענעם פּעסעלע. ער האָט דער ערשטער געזאָלט זען ווי דער וועלט-יושר קוקט אויס. אַ שוכלער ריח פון צעפוילטע פיש האָט דעם רב אַ קלאַפּ געטאָן אין נאָז.

דער רב האָט זיך פאַרקרימט און אויסגערופן:

— פע, דער וועלט-יושר איז קאַליע געוואָרן!

בעלעם איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטע: דער וועלט-יושר איז קאַליע געוואָרן. איז וואָס וועט מען אַצינד טאָן?

די צוויי שוסטער-יונגען האָבן נישט געגלייבט דעם רב. ביידע זענען צוגעקומען צום פּעסעלע און אַריינגעשמעקט אַהין זייערע נעזער.

— יאָ, דער וועלט-יושר האָט אַ מיאוסן גערוך — האָבן זיי צוגעגעבן — ער איז קאַליע געוואָרן.

די גבירים האָבן געשמייכלט צופרידן. און פייוול האָט זיך נאָך געריצט מיטן עולם אויפן קול:

— נו, קבצנים, דלפנים, שלעפּער, וואָס וועט איר אַצינד זאָגן? איר האָט דאָך געשריגן: „מיר וועלן נישט שווייגן, מיר וועלן די וועלט אויפשטורעמען. ס'איז נאָך דאָ יושר אויף דער וועלט!“ — אָט האָט איר אייער וועלט-יושר!

ס'איז געוואָרן שטיל, די אָרעמעלייט האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון רבס שטוב. באַלד זענען אָבער די צוויי שוסטער-יונגען אויפגעשפּרונגען און האָבן אויסגעשריגן צו די בעלעמער אָרעמעלייט:

— בעלעמער קבצנים, וואָס האָט איר זיך דערשראָקן? אויב ס'איז נישטאָ קיין יושר אין בעלעם און אויב דער וועלט-יושר איז קאַליע געוואָרן, איז דאָך הפקר אַ וועלט. מעגן מיר טאָן וואָס מיר ווילן. די גבירים זענען ווייניק אין צאָל, מיר זענען אַ סך. ווער קאָן אונדז אָפּשטעלן?

און צו די גבירים האָבן די צוויי שוסטער-יונגען געזאָגט:

— איר וועט אונדז פאַלן צו די פיס און בעטן אונדז אויף אַן אסיפה. וואַרט און זעט וואָס מיר שוסטער, שניידער און באַלעגאָלעס קאָנען אויפטאָן.

האָבן די גבירים געלאַכט און געזאָגט:

—אַז אָט דאָ, ביי אונדז אויף די הענט, וועלן האָר וואַקסן, וועלן מיר אייך רופן אויף אַן אסיפה.

האָבן די שוסטער-יונגען געענטפערט:

— איר וועט לויפן, איר וועט פליען צו אונדז, איר וועט צו אונדזערע פיס פאַלן.

די גבירים און קבצנים זענען זיך צעגאַנגען, אויפגעקאָכטע איינע אויף די אַנדערע.

*　*
*

די צוויי שוסטער־יונגען האָבן אויפגעבורעט די שטאָט. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען די אָרעמעלייט אַריין אין די שניט־קראָמען, געצאָלט גראָשנס און אַוועקגענומען די בעסטע סחורה מיט געוואַלד. אַז ס'איז געקומען דער פרייטיק, זענען די אָרעמעלייט באַפאַלן די יאַטקעס און אַוועקגענומען די בעסטע פליישן. שבת אין שול האָבן די אָרעמעלייט פאַרכאַפּט די מזרח־וואַנט און די שפּיגל־באַנק און אַוועקגעשטופּט די גבירים, די פייגע יידן, הינטער דער בימה, לעבן דער הרובע, גלייך ביי דער טיר.

אַז די גבירים האָבן דערזען, אַז די צוויי שוסטער־יונגען פירן די גרענדע און וואָס זיי ווילן טוען זיי אין שטאָט, האָבן די פייגע באַלעבאַטים פאַררופן אַן אסיפה. אָבער די אָרעמעלייט האָבן געטענהט, אַז די וועלט איז הפקר. זיי דאַרפן נישט און ווילן נישט קומען אויף קיין אסיפה.

שבת, ביים דאַווענען, האָבן די גבירים נישט געלאָזט אַרויסנעמען די תורה פון ארון־קודש. זיי האָבן געפאָדערט אַן אסיפה.

די צוויי שוסטער־יונגען האָבן געלאַכט און געזאָגט:

— קיין האָר איז אייך נאָך דערוויל אויף דער האַנט נישט אָנ־געוואָקסן.

האָט דער רב געזאָגט צו די גבירים:

— גייט צו די שוסטער־יונגען און פאַרבעט זיי אויף אַן אסיפה. זאָגט זיי, אַז אַ מנהג ברעכט אַ דין.

האָבן די גבירים אַזוי געטאָן, געגאַנגען צו די שוסטער־יונגען און זיי פאַרבעטן אויף דער אסיפה. קיינער האָט עס נישט געזען, נאָר מ'זאָגט, אַז די גבירים זענען טאַקע געפאַלן די שוסטער־יונגען צו די פיס.

שבת־צו־נאַכטס איז גאַנץ כעלעם געקומען אויף דער אסיפה.

אויף דער איצטיקער אסיפה איז דער רב געזעסן אויבנאָן. צו זיין רעכטער האַנט זענען געזעסן די צוויי שוסטער־יונגען און צו זיין לינקער האַנט זענען געזעסן פייוול און אַרע, די צוויי שענסטע און רייכסטע באַלע־באַטים פון שטאָט. די גבירים און די אָרעמעלייט זענען געשטאַנען.

מ׳האָט געערדט און געליאַרעמט, געטענהט, געטנהט און געשריגן. ס׳איז געוואָרן שפּעט און אַלע זענען אַוועק אַהיים, נאָר דער רב און די צוויי שוסטער־יונגען און פּייוול און אַרע זענען געבליבן.

דריי טעג און דריי נעכט זענען זיי געזעסן און געטראַכט. אויפֿן פערטן טאָג האָבן זיי זיך דערטראַכט צו אַזאַ מין פּשרה:

— פֿון היינט אָן און ווייטער, אַז מ׳קוילעט אַן אָקס, באַשטייט דער גאַנצער אָקס פֿון בלויז ברוסט־פֿלייש און פּלאַנקען. אַלע טיילן זענען גלייך. אויב אַזוי מאַכט דאָך גישט אויס וואָס פֿאַר אַ טייל פֿון אָקס איינער קויפֿט.

פֿון היינט אָן און ווייטער זאָלן אַלע וויסן, אַז די גאַנצע שול איז מזרח־וואַנט אָדער שפּיגל־באַנק, אויב אַזוי, מאַכט האָך נישט אויס, וו איינער שטייט אָדער זיצט.

אויך איז נישטאָ קיין חילוק צווישן געוואַנט און קאָרט, זיידנס און בייטול. אַלע סחורות זענען גלייך. אויב אַזוי, מאַכט דאָך גישט אויס וואָס פֿאַר אַ קליידער איינער טראָגט.

אָבער אַזוי ווי די גבירים זענען נאַריש געגנוג און ווילן צאָלן מער געלט, כּדי צו זיצן ביי דער אַמאָליקער מזרח־וואַנט אָדער אויף דער אַמאָליקער שפּיגל־באַנק, אויך צאָלן זיי גערן מער געלט פֿאַר אַמאָליקן ברוסט־פֿלייש און פּלאַנקען, פֿאַר אַמאָליקן זיידנס און אַטלעס און גע־וואַנט — טאָ זאָל זיי וויל באַקומען זייער נאַרישקייט.

* *

*

ס׳איז געוואָרן שטיל אין כעלעם. די גבירים זענען געווען צופֿרידן אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן. די אָרעמעלייט זענען אויך געווען צופֿרידי זיי האָבן זיך באַרימט:

— ס׳זענען אָנגעקומען נייע צייטן. די גאַנצע שול איז מזרח־וואַנט און שפּיגל־באַנק. דער גאַנצער אָקס איז ברוסט־פֿלייש און פּלאַנקען. אַלע סחורות זענען זיידנס, סאַמעט און אַטלעס. מיר, אָרעמעלייט, קריגן ־אָם בעסטע פֿון לאַנד. נישטאָ מער די אַמאָליקע פּינצטערע צייטן, ווען נאָר די גבירים האָבן געהאַט פֿון פֿויגל־מילך און די אָרעמעלייט האָט מען געגעבן קדחת און כּשרע פּאָדעם — אַצינד זענען אַלע גלייך.

יאָ, שטיל איז געוואָרן אין כעלעם. נייע צייטן זענען אָנגעקומען און אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן.

## אַ כעלעמער משפּט

אין כעלעם געווען איז אַ מנהג פון יאָרן —
געוווּסט פון דעם מנהג אין שטעטל האָט יעדער —
באַגייט ווער אַ חטא, איז מיט תפיסה באַשטראָפן,
מעג זיין דאָס דער רב, צי להבדיל, דער בעדער.

---

דער זעלבער געזעצן פאַרן תושב און פרעמדן,
די זעלביקע שטראָף איז פאַרשריבן פאַרביידע,
און זאָל מען דאָס שלעכטס שוין אייך אייביק פאַרלענדן!
אַזוי ווערט אין פּנקס געזאָגט: למען ידעו!

---

געלעבט האָט פאַרצייטנס אין כעלעם אַ שניידער —
אַזוי־אָ דערציילט אונדז דער כעלעמער פּנקס —
געלעבט און געאַרבעט זיך שטיל און באַשיידן.
גערופן די שטאָט האָט אים: בערענקע בינקעס.

---

האָט בערענקע בינקעס גענייט און געלאַטעט
פאַר כעלעמער יידן קאַפּאָטעס און הויזן,
געווען זענען טעג אי פון הונגער, אי זאַטע,
דאָס לעבן נישט שטענדיק באַצירט איז מיט רויזן.

---

אַ רעגנדל אַרויף צו אַ רעגנדל אַרונטער,
דער עיקר איז אַרבעט זאָל זיין, מע פֿאַרשטייט דאָך.
און איז זי פֿאַראַן, איז שוין בערענקע מונטער,
ווערט שוין זיין, מיט גאָטס הילף, אַ ברויט מיט אַ רעטעך.

---

איז אָט ויהי, אין אַ זוניקן זונטיק —
און וווּ ויהי איז, איר ווייסט דאָך, אַ צרה —
האָט בערענקע בינקעס זיך ביטער פֿאַרזינדיקט,
מיט וואָס און פֿאַר וועמען, איז זאָגט מען אַ סברה.

---

אַ בעלעמער שטאָט־באַלעבאָס, פֿון די גרויסע,
געגעבן זיך אויפֿנייען האָט אַ קאַפּאָטע.
נאָר בערענקע שניידער געכאַפּט האָט אַ כוסה,
און געבעך פֿאַרטרונקען די קנעפּ מיט דער וואַטע...

---

ס'איז אַ געשיכטע, פֿאַרשטייט זיך, אַ מיאוסע.
האָט באַלד זיך פֿאַרזאַמלט די שטאָט און באַשלאָסן:
אַז איינזעצן זאָל מען דעם שניידער אין תּפֿיסה,
און זיין זאָל ער דאָרטן אַ חודש פֿאַרשלאָסן.

---

איז בעלעם גערעכט און דער משפּט גערעכט איז:
דו האָסט זיך פֿאַרזינדיקט, איז גיי זשע דיר זיצן,
און וויסן זאָל יעדער וואָס גוט און וואָס שלעכט איז
און זאָל זיך דאָס יעדער אויף דעם שטערן פֿאַרקריצן.

---

נאָר ווען ס'איז געקומען דער טאָג אויף צו פירן
דעם זינדיקן שניידער אין בעלעמער תפיסה,
אים צוגרייטן עסן, רעשטאַנטסקע פּאַפּירן,
צו צמאַקען אים איינקויפן צוקערלעך זיסע,

---

האָט בעלעם דערמאַנט זיך, אַרויס גאָר פון זינען —
ער איז דאָך דער איינציקער שניידער, דער בערע!
צי קאָן זיך די שטאָט גאָר אַזעלכעס פאַרגינען?!
ה'איז די הלכה, מע זעט דאָך, אַ שווערע...

---

האָט באַלד זיך פאַרזאַמלט די בעלעמער עדה
אין אַלטן בית־מדרש אויף עפּעס באַשליסן,
ווייל טאָן עפּעס מוז מען — איינס פון די ביידע,
לאָזן אים פריי, אָדער זעצן אין תפיסה...

---

ווייל לאָזן אים פריי, איז צו וואָס זשע זיך נאַרן,
מע טאָר מיט קיין דין קיין קאַטאָוועס נישט טרייבן..
און אויב אויף אַ חודש אין תפיסה פאַרשפּאַרן,
איז קאָן דען די שטאָט אָן אַ שניידער פאַרבלייבן...

---

האָט איינער געראָטן: רבותי, זייט וויסן,
אַז בערע איז שולדיק, איז קומט אים דער שטעקן,
נאָר זאָל מען אים איינזעצן, בערען, אין תפיסה
און באַלד אים אַרויסגנבענען און... פאַרשטעקן.

---

איז יעדערן זייער די עצה געפעלן:
ס'איז דאָך אַ גלייכער געדאַנק און אַ רעכטער;
נאָר גיי זשע, אַז פינצטער ביינאַכט איז אין כעלעם,
און לעבן דער תפיסה עס דרייט זיך דער וועכטער.

---

אין צווישן דעם עולם אַ טומל געוואָרן:
— נו טאַקע, איז וואָס זשע? און וואָס איז צו מאַכן?
— ויסעו מכעלעם, ויחנו בחרן!
איך זאָג אייך, ווי זאָגט מען, נישטאָ וועך זאָל לאַכן!...

---

האָט אויפגעשטעלט איינער זיך באַלד אויף אַ שטענדער,
אַ ייד, וואָס געקומען נישט לאַנג איז פון ווייטן;
האָט אויסגערייזט ימען און אויסגערייזט לענדער,
און צוגעזען אַלץ, ווי סע פירט זיך ביי לייטן.

---

האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אויפן באַלעמער:
— רבותי, זאָל שטיל זיין און זיצט אויף די ערטער!
דעם דריטן מעת-לעת און נאָך אַלץ אין דעם קלעם מיר,
און אַלץ נאָך זיצט יעדער פון אונדז אַ פאַרקלערטער.

---

מיר ווייסן, אַז גרויס אין דער וועלט אונדזער שם איז,
די כעלעמער חכמה זי גיסט זיך מיט שעפל.
איז זאָל זיין דער משפט פון יושר און אמת,
אַ כשרער טאָפּ און אַ כשרער לעפל.

---

איז האָב איך אַן עצה, זי וועט אייך געפעלן —
ס'איז שוין אַ כלל אין דער וועלט אַ באַוווסטער —
עס זענען צוויי שיסטער פאַראַנען אין כעלעם,
איז איינזעצן זאָל מען אין תפיסה אַ שוסטער...

---

האָט כעלעם געגאַפט און פאַר נחת געשמייכלט
און תיכף קיין וואַרשע געשריבן אַ קאַרטל:
— אַ כעלעמער ייִד, אַז ער פאַלט אויפן שכל,
פאַרשטעקט ער אייך, וואַרשעווער ייִדן, אין גאַרטל!...

# אַ חתונה אין כעלעם

נאָכדעם ווי די נייע תקנות זענען איינגעשטעלט געוואָרן אין שטאָט, איז געוואָרן שטיל אין כעלעם. די גבירים זענען רייכער געוואָרן און די אָרעמעלייט זענען מער פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן. פֿייוול, דער שטאָט־גביר, האָט זיך געעלטערט אין רייכקייט און כבוד. אַ זון איז ביי אים אונטערגעוואַקסן, און ער האָט פֿאַר זיין בן־יחיד געזוכט אַ גלייכן שידוך.

אַ גביר אַ ייד איז פֿייוול געווען. די שענסטע קראָם אין שטאָט האָט ער געהאַט. דאָס גרעסטע הויז האָט ער פֿאַרמאָגט, אַ גבאי אין שול איז ער געווען, אַ גרויסן שאָפּענעם פּוטער האָט ער געטראָגן. האָט ער טאַקע געוואָלט אַ כלה פֿאַר זיין זון עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס — אַ כלה, וואָס כעלעם זאָל מיט איר קלינגען.

פֿייוול האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ברייטער וועלט זוכן אַ כלה פֿאַר זיין זון. ער האָט לאַנג געזוכט. אָבער ס'איז געווען כדאי. ער האָט טאַקע געפֿונען אַ מיידל אייגנע אין דער מדינה: שיין, פֿרום און קלוג. זי האָט געדאַוונט ווי אַ וואַסער, געשריבן ווי דער שטאָט־שרייבער. אַחוץ אַלץ האָט זי געשפּילט אויפֿן פּאָרטעפּיאַן און גערעדט אַן איידעלע שפּראַך. זי האָט נישט געזאָגט „אַ דאַנק", ווי אַלע כעלעמער זאָגן, נאָר „מערסי", ווי מ'זאָגט ביי די פֿראַנצויזן. אַז זי האָט געגעסן, האָט זי געקייט מיט די פֿאָדערשטע ציינדלעך ווי אַ פּרינצעסין. אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ שטרויען הוטעלע מיט אַ הויכער, בלויער פֿעדער. מ'האָט געזאָגט, אַז דאָס הוטעלע האָט זי אויסגעשריבן אַזש פֿון פּאַריז. אין האַנט האָט זי געטראָגן אַ רויטן, זיידענעם שירעם. אויף די פֿיס — סאַמעטענע טופֿליעס מיט הויכע קנאַפּל.

אַז די כעלעמער האָבן דערזען, ווי זי שפּאַצירט אַזוי שיין און איידל איבערן מאַרק, האָבן זיי געזאָגט:

— זעט און קוקט, אונדזער גביר האָט געקריגן אַ פּרינצעסין אַ כּלה פאַר זיין בן־יחיד.

גאָט און לייט האָבן פּיוולען מקנא געווען. ער האָט זיך געבלאָזן און געגרויסט מיט דעם שידוך. דערפאַר טאַקע האָט ער געוואָלט פּראַווען אַ חתונה, וואָס אַזוינס האָט נאָך קיינער נישט געזען אפילו אין וואַרשע. ער וועט אויסשרייבן אַ קאַפּעליע קלעזמער פון פּלאָצק, אַ קעכין פון אָדעס, אַ חזן פון ווילנע און אַ בדחן פון בראָד. לעקעך וועט זיין גאַנצע בערג, בראָנפן — פולע עמער און די יויך צו דער חופּה־וועטשערע — דאָס וואָס מ'רופט גאָלדענע יויך — וועט זיין אַזאַ, וואָס קיין לעבעדיקער מענטש האָט נאָך אַזוינס אין ערגעץ נישט פאַרזוכט.

אַ ייִד, ווי פּיוול, האַלט וואָרט:

ער האָט באַשטעלט אַ קאַפּעליע קלעזמער פון פּלאָצק, סאַרווערס צו דערלאַנגען דאָס עסן צו די געסט האָט ער באַשטעלט פון וואַרשע, אַ קעכין פון אָדעס, אַ חזן פון ווילנע און אַ בדחן פון בראָד. עופות פאַר דער גאָלדענער יויך איז ער אַוועקגעפאָרן קויפן העט, העט אין דעם שטעטל דאָרפעץ, הינטער קעניגסבערג. דאָס שטעטל איז געווען באַרימט מיט זיינע פעטע הינער און געשטאָפּטע קאַטשקעס און אויסגעפּאַשעטע גענדז.

גייט אַריין פּיוול צום בעסטן קצב פון שטאָט און זאָגט ברייטלעך, מעשה־גביר:

— האָרפּעצער קצב, פאַרקויפט מיר די בעסטע, פעטסטע הינער און אויסגעפּאַשעטע קאַטשקעס, וואָס איר קאָנט נאָר קריגן. אין געלט איז קיין אָפּהאַלט נישטאָ. איך מאַך חתונה מיין זון און איך וויל, אַז די גאָלדענע יויך זאָל זיין אַזאַ, וואָס קיין לעבעדיקער מענטש האָט נאָך נישט פאַרזוכט.

זאָגט דער קצב:

— איר זענט דאָך פּיוול, דער שטאָט־גביר פון כעלעם. נישקשה, מיר האָבן געהערט פון אייך. פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך וועל אייך אָפּקלויבן צוויי שאָק פריש געקוילעטע הינער און קאַטשקעס. איך וועל אָפּקלויבן עופות איינע אין איינע. נישט קיין הינער, נישט קיין קאַטשקעס, נאָר שמאַלץ.

דערהערט פּיוול, ווי דער קצב זאָגט: „הינער און קאַטשקעס, איינע אין איינע — נישט קיין הינער, נישט קיין קאַטשקעס, נאָר שמאַלץ“, ווערט דער גביר אַ פאַרציטערטער:

— אויב אַזוי, וואָס נאַרט איר דער קצבֿ? שמאַלץ איז דאָך בעסער. אַלעמאָל פֿאַרגלייכט מען אַן ערגערע זאַך מיט אַ בעסערער, אַ שוואַכע־רע זאַך מיט אַ שטאַרקערער: מ'זאָגט, די קופּערנע פֿאַן גלאַנצט ווי גאָלד, דער מענטש איז שטאַרקער פֿון אײַזן.

זאָגט פּייוול:

— וואָס נאַרט איר מיך, קצבֿ! פֿאַרקויפֿט מיר בעסער צוויי פֿונט שמאַלץ. נישקשה, איך בין אַ ייד אַ גבֿיר און קאָן זיך פֿאַרגינען אויף מײַן זונס חתונה אײַנצוקויפֿן פֿון דעם בעסטן און דעם שענסטן.

פּייוול רעדט און דער קצבֿ וווּנדערט זיך: ער גלייבט נישט זײַנע אייגענע אויערן. פֿרעגט ער איבער:

— זאָגט מיר נאָר, ר' פּייוול, איר מיינט עס טאַקע? איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר ווילט עופֿות פֿאַר דער גאָלדענער יויך.
ווערט שוין פּייוול אין כּעס:

— וואָס, איר ווילט מיר נישט פֿאַרקויפֿן קיין שמאַלץ? נישקשה, פֿאַר מײַן געלט קאָן איך עס קריגן ערגעץ אַנדערש.

דערשרעקט זיך דער קצבֿ און זאָגט לאַקריץ זיס:

— געזונט זאָלט איר מיר זײַן. ווער זאָגט עס, אַז איך וויל אײַך נישט פֿאַרקויפֿן קיין שמאַלץ? איר ווילט שמאַלץ? זאָל זײַן שמאַלץ. איך וועל אײַך פֿאַרקויפֿן שמאַלץ פֿון שמאַלצן־לאַנד — שמאַלץ געל, ווי בוימל.

ווערט שוין פּייוול אין כּעס אויף אַן אמת און שרײַט אויס:

— איר זענט אַ קצבֿ, אַן אָפּנאַרער. ווײַבאַלד אַזוי, איז דאָך בוימל בעסער. בוימל קאָן איך קריגן וווּ איך וויל.

דער קלוגער פּייוול רעדט נישט לאַנג, לאָזט איבער דעם צעטומלטן קצבֿ און לויפֿט אַרײַן אין דער שענסטער, בעסטער שפּײַז־קראָם און זאָגט אין איין אָטעם צום קרעמער:

— איך בין פּייוול, דער גרעסטער גבֿיר פֿון כעלעם. פֿאַרקויפֿט מיר דעם בעסטן בוימל. איך ווייס, אַז גוטער בוימל איז טײַער, אָבער געלט איז בײַ מיר בלאָטע. איך מאַך חתונה מײַן בן־יחיד און איך וויל, אַז די גאָלדע־נע יויך זאָל זײַן אַזוי, וואָס קיינער האָט נאָך אַזוינס אין ערגעץ נישט פֿאַר־זוכט.

טראַכט בײַ זיך דער קרעמער:

— נאַדיר גאָר אַ נייעם — בוימל פאַר אַ גאָלדענער יויד! אָבער אַ בעלעמער איז קיינמאָל נישט אומגערעכט. זאָל זיין בוימל. בין איך עס מחויב צו לערנען אים שכל?

און דער סוחר הייבט אָן צו רימען זיין סחורה:

— ס'שטייט ביי מיר אַ פאַס בוימל, גאָר עפעס אַן אַנטיק. בוימל פון בוימל־לאַנד, קלאָר, דורכזיכטיק ווי ברונעם־וואַסער.

בלייבט פייוול שטיין אַ געפּלעפטער:

— מיינט עס, אַז ברונעם־וואַסער איז בעסער פון בוימל, וואָס איז בעסער פון שמאַלץ, וואָס איז בעסער פון היגער און קאַטשקעס. איז וואָס האָב איך זיך געשלעפט קיין דאָרפעץ? אין בעלעם זענען דאָך פאַראַן די בעסטע ברונעמער.

אָן אַ וואָרט פאַרלאָזט פייוול דעם קרעמער און פאָרט אַוועק צוריק קיין בעלעם. געקומען אַהיים, פאַרקאַטשעט ער די אַרבל און גייט אַוועק אין מאַרק און שעפט אָן אַ פול פעסל וואַסער פונעם טיפן שטאָט־ברונעם. ער ברענגט דאָס פעסל אַהיים און זאָגט צו דער אָדעסער קעכין:

— פון אָט דעם וואַסער וועט איר קאָכן די גאָלדענע יויך. מ'דאַרף נישט קיין היגער, קאַטשקעס, שמאַלץ אָדער בוימל.

קוקט אים אָן די קעכין און וויל אים עפעס זאָגן.

אָבער פייוול לאָזט זי נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט און ער זאָגט ווייך:

— וואָס אַרט עס אייך? איר וועט שוין זען, ס'וועט זיין שוין איינמאָל אַ יויך.

צוקט די קעכין מיט די אַקסלען:

— נאַ דיר אַ בעלעמער יויך, פון ברונעם־וואַסער גאָר. און אויף אַ הויך קול פאַרענדיקט זי:

— יאָ, יאָ, שוין איינמאָל אַ יויך!

*　　　*

*

אָבער אַז ס'איז נישט באַשערט איז נישט באַוועגט. בעלעם האָט אפילו נישט פאַרזוכט די יויך.

דעם גאַנצן טאָג פאַר דער חופה האָט די שטאָט געקאָכט, ווי אַ קעסל. אָט איז פייוול אַרויסגעפאָרן באַגעגענען די מחותנים. אָט איז אָנגעקומען די קאַפעליע פון פלאָצק. אָט זענען אָנגעפאָרן די סאַרווערס פון וואַרשע

אָנגעטאָן אין צילינדערס און פראַקן. אָט איז אָנגעקומען דער ווילנער חזן. די כלה איז שוין דאָ. די פּלאָצקער קאַפּעליע שפּילט, די בעלעמער קלעזמער העלפן צו. יידן טאַנצן. יידן טרינקען לחיים און פאַרבייסן מיט לעקעך. ס'איז ליהודים־פרייליך און לעבעדיק אין שטאָט. דער גביר מאַכט חתונה זיין זון מיט אַ געהויבענער כלה. טיר און טויער זענען אָפן. בראָנפן גאַנצע עמער, לעקעך — בערג גאַנצע. ס'שמעקט מיט געקאָכטע פיש, געבראָטנס און פריש געבאַקענעם קוילעטש.

דער אמתער טומל איז אָבער געוואָרן, ווען מ'האָט געפירט די כלה צו דער חופה. ס'איז געווען וואָס צו זען און וואָס צו הערן. פאָרויס איז געגאַנגען די פּלאָצקער קאַפּעליע און געשפּילט אַ נייעם ערשט פאַרפאַסטן חופה־מאַרש. נאָך דער פּלאָצקער קאַפּעליע זענען געגאַנגען די בעלעמער קלעזמער און געשפּילט דעם אַלטן גוט־באַקאַנטן חופה־מאַרש. בערל מיטן פידל און שמערל מיט זיין בייביקער באַנדורע האָבן געוויזן, אַז די בעלע־מער קלעזמער האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען אַנטקעגן די גרויס־שטאָ־טישע שפּילער. נאָך די קלעזמער זענען געגאַנגען די געהויבענע מחותנים מיט דער כלה. נאָך זיי — די גאַנצע שטאָט יידן און יידענעס, מיידלעך און בחורים, ייִנגלעך און מיידלעך מיט ברענענדיקע הבדלות. אַרום אַלע־מען איז געווען אַ קרייז פון יונגען מיט ברענענדיקע שטורקאַצן.

די פּראָצעסיע איז צוגעקומען צום שול־הויף, וווּ די חופה איז גע־שטאַנען. מ'האָט אַוועקגעשטעלט די כלה אונטער דער חופה. אַלע, קינד און קייט, מיט די ברענענדיקע הבדלות, זענען געוואָרן שטיל, האָבן גע־וואַרט, אַז דער חזן זאָל אַ קנאַק טאָן די זיבן ברכות. אָבער דער חזן שווייגט און די מחותנים זענען געוואָרן צעטומלט. מ'האָט זיך אַרומגע־זען, אַז מ'האָט פאַרגעסן ברענגען דעם חתן.

ס'איז געווען אַ געשריי, אַ ליאַרעם:

— ווו איז דער חתן? ווו איז דער חתן?

מ'האָט זיך באַלד געכאַפּט פאַרוואָס מ'האָט אין אים פאַרגעסן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אַרומגעשמייעט אַרום דער געראָטענער, פרעמ־דער כלה, איז דער חתן אַרויס פון זינען. נישט מ'האָט אים אָנגעטאָן די חתונה־קליידער, נישט מ'האָט אים גענומען צום באַדעקנס.

אָבער אַ חתונה קאָן דאָך נישט זיין אָן אַ חתן אפילו אין בעלעם, האָט מען אים אָנגעהויבן זוכן. אַז מ'זוכט, געפינט מען — ער איז גע־שטאַנען צווישן די ייִנגלעך און געהאַלטן אַ ברענענדיקע הבדלה אין האַנט און געפרייט זיך מיט אַלע בעלעמער צוגלייך.

מ'האָט אים אַ פּאַק געטאָן, געברענגט אים אַהיים און אים אָנגעטאָן די חתונה=קליידער. אויף די קליידער — אַ ווייסן קיטל, אויפן קיטל — אַ סויבלנעם פּוטערל, אויפן קאָפּ — אַ זיבן=שפּיציק שטריימל און אים געברענגט צו דער חופּה.

ס'טוט זיך נישט אַזוי שנעל ווי ס'רעדט זיך. אָבער סוף כל סוף איז אַלץ געווען פיקס און פאַרטיק. דער חזן האָט זיך אויסגעהוסט און געוואָלט אָנהייבן זינגען די זיבן ברכות, ערשט נאַ דיר אַ נייע צרה: חתן=כלה שטייען מיטן פּנים צו מערב=זייט. דער דין איז דאָך, אַז חתן=כלה מוזן שטיין מיטן פּנים צו מזרח. וואָס טוט מען?

טוט דער רב אַ ווונק צום שמש. דער בעלעמער שמש פאַרשטייט וואָס דער רב מיינט, דרייט ער איבער די חופּה, אָבער ס'העלפט נישט. חתן=כלה שטייען אַלץ מיטן פּנים צו מערב. דרייט איבער דער שמש די חופּה נאָך אַמאָל. ס'טויג נישט. דרייט ער די חופּה אַהין, דרייט זי אַהער. חתן=כלה שטייען אַלץ מיטן פּנים צו מערב. ווערט אַ טומל, אַ געשריי, אַ ליאַרעם:

— פאַרוואָס לאָזט מען זאַכן אויף הפקר? מענטשן דאַרפן זיך אַריינלייגן אין דעם. מ'קאָן דאָך נישט פאַרוועגן די חופּה, ווען חתן=כלה שטייען מיטן פּנים צו מערב.

ווער ווייסט צי דער חתן וואָלט געקאָנט מקדש זיין די כלה, ווען נישט אַ וואַרשעווער מחותן. דער וואַרשעווער ייד איז צוגעגאַנגען צו דעם חתן און צו דער כלה און האָט זיי געהייסן זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו מזרח. ס'האָט געהאָלפן. דער חזן האָט באַלד אָנגעהויבן די זיבן ברכות און די משוררים האָבן אַ קלאַפּ געטאָן אַ צוזינג, וואָס איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע גלידער.

אָבער די חופּה האָט זיך פאַרצויגן, און די הבדלות האָבן כמעט אינגאַנצן אויסגעברענט. אַ ייִנגל האָט מער נישט געקאָנט האַלטן זיין פּיצעלע ברענענדיקע הבדלה, די פינגער האָבן אים אָנגעהויבן בריען, האָט ער זי אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. אַ פונק איז אַ פלי געטאָן און אָנגעצונדן אַ שטרויענעם דאַך. איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט האָט זיך דאָס הויז צעפלאַקערט. באַלד האָט זיך אָנגעצונדן נאָך אַ שטוב און נאָך אַ שטוב — אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אין בעלעם.

קיין חופּה=וועטשערע איז שוין נישט געווען, נישט באַשערט געווען בעלעם צו פאַרזוכן די גאָלדענע יויך, געקאָכט פון קרישטאָל=קלאָרן קוואַל=וואַסער.

דאָס אומגליק איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז די שטאָט האָט פאַרגעסן איינגאַנצן אין פייוולס געהויבענער חופה־וועטשערע. אַלע האָבן געטראַכט און גערעדט נאָר פון איין זאַך — ווי אַזוי פאַרהיט מען בעלעם פון נאָך אַזאַ שריפה.

ווען בעלעם רעדט און טראַכט, דערטראַכט זי זיך צו עפּעס און זי דעררעדט זיך צו עפּעס. ס'האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן אין שטאָט די מעשה לעשמאַשין.

# די לעשמאַשין

פייוולס גרויסער לייווגטענער געצעלט, ווו די חופה האָט געזאָלט זיין, איז פארברענט געוואָרן. א סך הייזער, קראָמען און שטאַלן זענען אוועק מיטן רויך אין דער נאכט פון דער חופה. דער היזק איז געווען גרויס און בעלעם איז געגאנגען כאָדאָראָם. מ׳מוז פארהיטן די שטאָט פון נאָך אזא אומגליק. און בעלעם איז צעדודערט און ווייסט נישט וואָס צו טאָן, פאררופט מען אן אסיפה.

זענען געזעסן די בעלעמער באלעבאטים דריי טעג און דריי נעכט, און געטראכט און זיך נישט דערטראכט צו קיין שום זאך. דאָס אומגליק איז גרויס און קיין עצה איז נישטאָ. אלע ווייסן, אז פייער לעשט מען מיט וואסער. וואסער אין בעלעם מוז מען שעפּן פון טייך. דער טייך איז ווייט פון שטאָט — טויג עס נישט.

דער בעלעמער רב האָט דערזען, אז זיינע באלעבאטים קאָנען זיך נישט דערטראכטן צו עפּעס רעכטס, האָט ער גענומען א גרויסן שמעק טאַבאַק. ער האָט אַ שטאַרקן ניס געטאָן און אים איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד און געזאָגט:

— איך האָב אן עצה.

— וואָס, וואָס, רבי? — האָבן די בעלעמער נייגעריק געפרעגט.

זאָגט דער רבי:

— מיר האָבן דאָך געזען ביי דער חופה, וואָס פאר א שארפע קעפּ די ווארשעווער יידן האָבן. לאָמיר שיקן אן אונדזעריקן קיין ווארשע און זאָל ער אויסגעפינען ווי אזוי די קלוגע ווארשעווער לעשן שרפות.

די בעלעמער האָבן זיך דערפרייט מיט דער גוטער עצה פון זייער רב: ביי זיי איז געבליבן צו שיקן קיין ווארשע דעם קליגסטן ייד פון בעלעם.

אין יענער צייט איז דער קליגסטער ייד פון בעלעם געווען בערל פילאָזאָף. פייוול איז שוין אלט געוואָרן און נישט געהאט די יונגע כוחות צו שטופּן זיך אומעטום.

פאַרוואָס האָט מען געהאַלטן בערלען פאַר דעם קליגסטן ייד אין אזא קלוגער שטאָט ווי כעלעם, און פאַרוואָס האָט מען אים גערופן בערל פילאָזאָף? וועגן דעם איז דאָ א מעשה.

* *

*

בערל איז געווען א דארער, הויכער ייד מיט א קיילעכדיק געל בערדל. ער איז געווען א שטיל מענטשעלע און זעלטן ארויסגעלאָזט א וואָרט פון מויל. מ'האָט אים טאַקע גערופן בערל שווייגער.

קומט בערל שווייגער איינמאָל אהיים, נעמט א בענקל, שטעלט אוועק דאָס בענקל אינמיטן שטוב, זעצט זיך אוועק אויפן הארטן טאַבורעט און שפאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער רעכטער האנט און זיצט. קומט אריין זיין ווייב און זעט ווי בערל זיצט א פאַרטראַכטער. זאָגט זי:

— בערל, וואָס האָסטו זיך אזוי פאַרטראַכט?

ענטפערט בערל בייז, גאָרנישט ווי זיין שטייגער:

— יידענע, לאָז מיך צורו, לאָז מיך זיצן, שטער נישט. א געדאַנק פיקט זיך מיר אין קאָפּ.

דערשרעקט זיך זיין ווייב פאַר זיין בייזערן זיך און לאָזט אים צורו.

גייט פאַרביי א טאָג און נאָך א טאָג. בערל עסט נישט, טרינקט נישט. זיצט מיטן קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף דער רעכטער האנט און רירט זיך נישט פון אָרט. ער טראַכט.

הייבט אָן דאָס ווייב אייננטענהן:

— בערל, בערל, וועסט דאָך פאַרחלשט ווערן. נעם עפּעס אין מויל!

דרייט בערל מיטן קאָפּ: — ניין און ניין.

שטייט צו אים צו דאָס ווייב:

— בערל, בערל, האָסט שוין נישט געגעסן דריי טעג און דריי נעכט.

ענטפערט בערל האלב א פאַרחלשטער:

— לאָז צורו. שטער נישט. א געדאַנק פיקט זיך מיר אין קאָפּ.

זעט בערלס ווייב, אז ס'איז שלעכט. איר מאַן קאָן דאָך נאָך אזוי אויסגיין פון הונגער און זי וועט בלייבן, גאָט באַהיט, אן אלמנה. גייט זי אוועק צום רב און דערציילט אים, אַז איר בערל האָט שוין נישט געגעסן און נישט געטרונקען דריי טעג און דריי נעכט. ער זיצט און טראַכט. ס'איז דאָך סכנות נפשות.

זאָגט דער רב:

— גייט אהיים, מיר וועלן באלד אריבערגיין צו אייך און זיך דורכ־שמועסן מיט בערלען.

דער רב האָט געהאלטן וואָרט. ער האָט גענומען א מנין שיינע יידן און איז אוועק צו בערלען אהיים.

*  *

*

דער רב מיט דעם מנין יידן זענען אריין אין שטוב און זיי האָבן טאַקע געזען, אַז בערל זיצט אויף אַ בענקל, זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האנט, דער שטערן פארקנייטשט, די אויגן פארגלאָצט. אונדזער בערל טראכט.

זאָגט דער רב:

— בערל, דערציילט אונדז וועגן וואָס דו טראכסט, אפשר קאָנען מיר דיר העלפן טראכטן?

— ניין, ניין — ענטפערט בערל — איך קאָן אייך נישט דערציילן וועגן וואָס איך טראכט. ביי מיר איז עס נאָך נישט קלאָר אין קאָפּ. לאָזט מיך אזוי זיצן נאָך א טאָג.

— אָבער קאָנסט נאָך פארשלאָפט ווערן — זאָגט דער רב.

— ניין, ניין — ענטפערט בערל — איך קאָן דערהוויל אויסהאלטן.

זאָגט דער רב:

— גוט, מיר לאָזן דיך צורו נאָך א טאָג.

אויף מאָרגן קומט דער רב מיט דעם זעלביקן מנין יידן און דער רב זאָגט ארויס איין וואָרט:

— נו?

— בעט זיך בערל ווידער:

— נאָך איין טאָג, רבי, נאָך איין טאָג. איך האָב זיך נאָך נישט דערטראכט.

ענטפערט דער רב שטרענג:

— ניין, מוזסט שוין אָפּפּאַסטן. קאָנסט נאָך, גאָט באהיט, אויסגיין פון הונגער. הער אויף צו טראכטן און זעץ זיך עסן.

אז א רב הייסט, מוז מען פאָלגן. הערט בערל אויף צו טראכטן, און זעצט זיך עסן. אז ער האָט אָפּגעגעסן, איז ער געוואָרן שלעפעריק. האָט

ער זיך צוגעשפּאַרט. דער רב און די שיינע באַלעבאַטים זענען געבליבן אין שטוב וואַרטן ביז בערל וועט אויפשטיין. זיי האָבן שטאַרק געוואָלט וויסן וואָס האָט בערל אַזוי שטאַרק געטראַכט.

ווען בערל איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט דער רב צו אים געזאָגט:

— נו, בערל, נעם אַ שמעק טאַבאַק און דערצייל אונדז וואָס דו האָסט אַזוי שטאַרק געטראַכט.

ענטפערט בערל:

— עט, וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערציילן, אַז איך האָב זיך נישט דער־טראַכט.

זאָגט דער רב:

— בערל, פיר טעג און פיר נעכט האָסטו נישט געגעסן און נישט געטרונקען, נאָר געטראַכט. זאָל זיין, אַז דו האָסט זיך נישט דערטראַכט. אָבער ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט, אַז אַ מענטש זאָל טראַכטן אַזוי לאַנג. דו האָסט דאָך נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט.

ענטפערט בערל:

— נו, מילא, איך וועל עס אייך שוין דערציילן. איך האָב געטראַכט: ווען פון אַלע מענטשן פון דער וועלט וואָלט געוואָרן איין מענטש; פון אַלע ביימער פון אַלע וועלדער וואָלט געוואָרן איין בוים; און פון אַלע טייכן פון דער ערד וואָלט געוואָרן איין טייך און פון אַלע העק וואָס זענען דאָ אומע־טום וואָלט געוואָרן איין האַק...

— נו, נו? — האָבן די בעלעמער געפרעגט אויף שטום־לשון — וואָס וואָלט געשען?

רעדט בערל ווייטער פּאַמעלעך, נישט געכאַפּט:

— און ווען אָט דער ריז וואָלט זיך אַ שטעל געטאָן און אַ כאַפּ גע־טאָן די גרויסע האַק און אַ קנאַק געטאָן דעם גרויסן בוים, שטעלט זיך פאָר....

— וואָס? וואָס זאָלן מיר זיך פאָרשטעלן? — פרעגן די בעלעמער אין איין אָטעם.

— שטעלט זיך פאָר — רעדט בערל רואיק און גלעט זיין גענל, קיי־לעכדיק בערדל — שטעלט זיך פאָר, אַז אָט דער גרויסער בוים מיט די לאַנגע, דיקע צווייגן, מיט די מיליאָנען, טריליאָנען בלעטער, טוט אַ פאַל אין דעם גרויסן טייך — ווי הויך, וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָלט דאָס וואַסער ארויפגעשפּריצט? ביזן הימל, צי נאָך העכער?... פאַרשטייט איי

מיך — האָט בערל אויסגעלאָזט מיט א זיפּץ — געטראַכט און געטראַכט און זיך נישט דערטראַכט.

די כעלעמער שייגע באַלעבאַטים האָבן אַלע ווי איינער א שמוצער געטאָן מיט די ליפּן און אויסגערופן אין איין קול:

— אַזויגס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן! דאָס איז חכמה.

פון יענעם טאָג אָן האָט מען בערל שווייגער א נאָמען געגעבן בערל פילאָזאָף.

ווען די כעלעמער האָבן געזוכט א קלוגן יידן צו שיקן קיין וואַרשע, ער זאָל אויסגעפינען, ווי מ'לעשט שׂרפות אין דער גרויסער שטאָט, האָבן זיי אויסגעקליבן בערל פילאָזאָף.

* *

*

א שפּראָץ אויף טאָג איז בערל אויפגעשטאַנען, אָפּגעדאַוונט, אָפּגעגעסן אָנבייסן, גענומען מיט זיך א ביסל שפּייז אויפן וועג און זיך געלאָזט גיין קיין וואַרשע.

גייט בערל. דער וועג איז א זאַמדיקער און דער טאָג איז געווען א הייסער און ער טראַכט זיך: א קאַלטער טרונק וואַסער וואָלט אצינד געווען א דערקוויקעניש. אָבער דער וועג איז לאַנג און זאַמדיק און קיין וואַסער איז נישטאָ.

גייט ער ווייטער. ער קומט צו א באַרג. קרעכצט בערל און גייט. באַרג אַרויף איז שווער צו גיין. גייט ער פּאַמעלעך. קוים מיט צרות איז ער אַרויף אויפן באַרג. דאָרט איז אים געוואָרן קילער. ס'איז דאָרטן געווען א וועלדל. אין וועלדל, האַרט ביים וועג, איז געשטאַנען א צווייגנדיקער גרויסער בוים, און לעבן בוים איז געלעגן אַ גרויסער שטיין און פון אונטערן שטיין האָט אַרויסגעשלאָגן אַ קוואַל, קלאָר, קאַלט וואַסער.

שטעלט ער זיך אָפּ, אונדזער בערל, טוט אויס די שיך, וואַרפט אראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע, ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן און פון קאַרק און זעצט זיך צו. אַז ער האָט זיך אָפּגערוט א ווײַלע האָט ער א טרונק געטאָן פון קאַלטן קוואַל, געוואַשן די הענט און זיך געזעצט עסן. אָפּגעגעסן, טוט ער נאָכאַמאָל א טרונק פון קוואַל, טוט א געגעץ — „ס'שלעפּערט מיך“.

טראַכט בערל:

— זיך צולייגן דאָ אין שאָטן פון בוים איז א מחיה, ס'איז לופטיק און קיל.

לייגט ער צונויף די קאַפּאָטע אין א צוקאָפּנס און וויל זיך לייגן שלאָפן. באַלד אָבער טוט זיין שאַרפער קאָפּ א קלער:

— זייער פיין, איך וועל זיך צולייגן, אָבער אז איך וועל אויפשטיין פון שלאָף, ווי אזוי וועל איך וויסן ווו ליגט וואַרשע?

בערלס קלוגער קאָפּ דערטראַכט זיך באַלד צו א גוט מיטל: ער נעמט זיינע שיך און שטעלט זיי אַוועק מיט די נעזלעך צו וואַרשע צו. אַצינד ווייסט ער, אז ער וועט נישט פאַרבלאָנדזשען. ער האָט א גוטן סימן. ווען ער וועט אויפשטיין פון שלאָף, וועט ער זען וווהין די נעזלעך פון די שיך ווייזן, אַהין וועט ער גיין.

בערל ציט זיך אויס ווי גרויס ער איז אין שלאָפט באַלד איין.

* *

*

גייט פאַרביי א ייד א לץ און זעט, אז אינמיטן שליאַך שטייען א פּאָר שיך מיט די נעזלעך צו וואַרשע און אונטערן בוים שלאָפט בערל. פאַרשטייט דער פרעמדער, אז דער שלאָפנדיקער איז מסתם א כעלעמער חכם, וואָס האָט אזוי אַוועקגעשטעלט די שיך צוליב א סימן. טוט דער פרעמדער א שמייכל און דרייט די שיך איבער מיט די נעזלעך צו כעלעם. אָפּגעטאָן זיינס און איז אַוועק.

בערל פילאָזאָף שלאָפט זיך גוט דורך. ער שטייט אויף, גענעצט זיך אויס און שמייכלט צופרידן: ס'איז אים גוט. זאָט איז ער, אויסגעשלאָפן האָט ער זיך, אויסגערוט האָט ער זיך אויך, וווהין צו גיין ווייסט ער — גלייך וווהין די נעזלעך פון די שיך ווייזן. איז אים טאַקע גוט.

טוט ער אָן די שיך און לאָזט זיך אין וועג אַריין. ער גייט אָפּ א שעה, צוויי, דערזעט ער פונדערווייטנס א שטאָט. פריער זעט ער דעם בית־הקברות, דערנאָך ווייזן זיך די דעכער פון די הייזער. קוקט בערל און וווּנ־דערט זיך:

— פונדערווייטנס קוקט אויס וואַרשע פונקט ווי כעלעם.

אָבער בערל איז א פילאָזאָף, טראַכט ער:

— ס'שטייט דאָך טאַקע געשריבן, אז די וועלט איז אומעטום די זעלביקע, דערפאַר קוקט אויס וואַרשע אזוי ווי כעלעם.

גייט ער אריין אין שטאָט — ס'איז דאָך פאָרט עפּעס מאָדנע. די גאַסן זענען די זעלביקע ווי אין כעלעם. אפילו די שטאָטישע באָד איז די אייגענע. לעבן באָד איז אריינגעקלאַפּט א סלופּ פאר דעם שטאָט־וועכ־טערס פערד, פּונקט ווי אין כעלעם. יאָ, אינמיטן מארק שטייט א באַרג־בוים, אָט פּונקט ווי ביי אונדז אין כעלעם.

ווערט בערל בייגעריק — וואָס מיט זיך דאָ? מ'דארף עס אויספאָרשן. גייט ער און טראכט:

— לאָמיר נאָר א זוך טאָן, צי ס'איז דאָ אין ווארשע פּונקט אזא גאָס ווי מיינע.

יאָ, ס'איז דאָ אין ווארשע פּונקט אזא גאָס ווי זיינע. אויף דער גאָס איז דאָ א שטוב פּונקט ווי זיין אייגענע. צוויי טראָפּנס וואסער.

שטייט בערל פאר זיין שטוב, גלעט דאָס געלע, קיילעכדיקע בערדל און חידושט זיך:

— וווּנדער איבער וווּנדער! די גאנצע וועלט איז ווי איין שטאָט.

ווי ער שטייט אזוי און וווּנדערט זיך, הערט ער ווי א פרוי שרייט ארויס פון הויז:

— ברוך, ברוך, ביסט שוין געקומען פון חדר? גיי ברענג די ציג!

טוט בערל א קנאק מיט דער צונג פון גרויס התפעלות:

— גאָטס וווּנדער איז גישט אָפּצושאצן — דער פרוים קול איז פּונקט ווי זיין ווייב זלאטעס קול. און אָט די זלאטע פון ווארשע האָט אויך א ייִנגל ברוך.

שטייט ער מיט אן אָפן מויל און באַקוקט זיין שטוב, דעם פּלויט, די שטאל, דעם גאניק פון שטוב און קאָן זיך נישט אָפּחידושן. גייט ארויס זלאַטע פון שטוב און דערזעט בערלען, טוט זי א פּאַטש מיט די הענט און שרייט אוים פארחידושט:

— בערל, שוין אזוי גיך ביסטו צוריק פון ווארשע?

בלייבט בערל שטיין א צעטומלטער:

— פונוואנען ווייסט די פרעמדע יידענע, אז מ'רופט אים בערל און וואָס מיינט זי מיט „ביסט שוין צוריק פון ווארשע?" ער איז דאָך אין ווארשע.

קוועטשט בערל מיט די אקסלען און שווייגט.

זעט זלאַטע ווי איר פילאָזאָף שטייט ווי אן אָפּגעמאָלטער, הייבט זי זיך אָן בייזערן:

— וואָס שטייסטו ווי אַ גלאָמפּ מיט צוויי אויגן? גולם דו! דו וועסט דאָך פאַרשפּעטיקן מנחה דאַווענען. גיי אין שול אַריין.

אַ לעבן לאַנג האָט בערל געפּאָלגט זיין ווייב. פאָלגט ער אַצינד אויך די פרעמדע ייִדענע און גייט אַוועק אין שול דאַווענען מנחה.

ער גייט אַריין אין שול, באַגעגענען אים די באַלעבאַטים מיט שמחה:

— שוין געקומען? דאָס איז אַ שליח. געגאַנגען און געקומען.

דער שמש טוט אַ פּאַטש אין באַלעמער:

— צייט דאַווענען מנחה.

בערלען דאַוונט זיך גיכט.

— וואָס טוט זיך דאָ? — טראַכט ער — די באַלעבאַטים זעגען אויך פּונקט די זעלביקע ווי אין כעלעם. אָבער וואָס פאַר אַ מאָדנע שלום-עליכם גיבן זיי אים אָפּ?

באַלד נאָכן מעריב פאַררופט מען אַן אסיפה.

זעצן זיך אויס די באַלעבאַטים אַרום טיש, דער רב אויבנאָן און — וואַרטן. זיי ווילן הערן וואָס בערל וועט דערציילן. אָבער בערל שווייגט.

וואַרטן זיי נאָך אַ ביסל, אָבער בערל שווייגט אַלץ.

זאָגט דער רב:

— נו, בערל, וואָס שווייגסטו? דערצייל אונדז, כעלעמער, ווי אַזוי מ'לעשט אַ שרפה אין וואַרשע.

זאָגט בערל רואיק:

— איך ווייס, אַז וואַרשעווער ייִדן זענען קלוגע, ס'איז דאָך אָבער גישט שיין צו לאַכן פון אַ פרעמדן.

זאָגט דער רב:

— הער אויס, בערל, ביסט טאַקע אַ גרויסער פילאָזאָף, אָבער רעדן מעגסטו רעדן ווי אַ מענטש. מיר האָבן דאָך דיך געבעטן, אַז דו זאָלסט אונדז, כעלעמער, דערציילן ווי מ'לעשט אַ שרפה אין וואַרשע.

פּלאַצט בערל אַרויס:

— וואָס מיינט איר? איך בין דאָך אין וואַרשע!

ווערן שוין די כעלעמער באַלעבאַטים בייז און הייבן אָן שרייען:

— וואָס לאַכסטו פון אונדז, בערל? דו ביסט דאָך צוריק אין כעלעם.

זאָגט שוין בערל ווייטער רואיק:

— איר האָט אַ טעות, ייִדן, איך בין אין וואַרשע און איר זענט וואַרשעווער ייִדן.

זאָגן די באַלעבאַטים:

— האָט ער אויף צו לאַכן פון אונדז. דו ביסט אין כעלעם און מיר זע־
נען כעלעמער.

ענטפערט בערל:

— איך לאַך נישט פון אייך. איך האָב אַ סימן, אַז איך בין אין
וואַרשע.

זאָגן די כעלעמער:

— סימן, שמימען, דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט און זיך צוריקגעקערט
קיין כעלעם.

זאָגט בערל:

— ס'קאָן נישט זיין, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. איך בין זיכער,
אַז איך בין אין וואַרשע און איר זענט וואַרשעווער. איך האָב שוין אייך
געזאָגט, אַז איך האָב אַ זיכערן סימן.

די כעלעמער באַלעבאַטים האָבן ווייטער אָנגעהויבן טומלען, אָבער
דער רב האָט זיך פאַרייניגעמישט און געזאָגט:

— יידן, זייט נישט אַזוי זיכער ביי זיך. ס'קאָן זיין, אַז בערל איז
גערעכט. ער רעדט דאָך מיט שכל. זאָל ער דערציילן וואָס פאַר אַ סימן
ער האָט.

דערציילט זיי בערל ווי ער האָט זיך געלייגט שלאָפן און אַוועקגע־
שטעלט די שיך מיט די נעזלעך צו וואַרשע צו, פאַר אַ סימן אַז ער זאָל
נישט פאַרבלאָנדזשען.

הערן אים אויס די כעלעמער און דערשרעקן זיך אויף טויט:

— וויבאַלד אַזוי? קאָן דאָך זיין, אַז בערל איז גערעכט און זיי
זענען גאָר אין וואַרשע. פאָלגט מיך אַ גאַנג — די ווייבער און קינדער זע־
נען אין כעלעם און זיי, די מאַנצבילן, זענען גאָר געוואָרן פלוצעם דערינען
וואַרשעווער!

— וואָס טוט מען?

אָבער דער כעלעמער רב האָט אַ שאַרפן קאָפּ, טוט ער אַ טראַכט
און זאָגט:

— שאַט, יידן, ס'קאָן אָבער פאָרט זיין, אַז בערל האָט פאַרבלאָנ־
דזשעט.

— אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר אויסגעפינען דעם אמת? — פרעגן די
כעלעמער יידן.

ענטפערט דער רב מיט אַ שמייכל:

— עט, דאָס איז אַ קלייניקייט. אויף אונדזער שול אין כעלעם איז דאָך אָנגעשריבן: „זה השול שייך לכעלעם“ — די שול געהערט צו כעלעם. לאָמיר אַרויסגיין אין דרויסן און אַ קוק טאָן. איז אַזוי אָנגעשריבן, איז אַ סימן, אַז מיר זענען אין כעלעם. אויב ניט — זענען מיר אין וואַרשע און מיר דאַרפן וויסן וואָס צו טאָן.

די כעלעמער באַלעבאַטים מיט זייער רב און בערלען זענען אַרויס אין דרויסן. צום גליק איז געווען אַ ליכטיקע לבֿנה-נאַכט און אַלע האָבן געזען קלאָר די אויפשריפט אויף דער שול: „זה השול שייך לכעלעם“.

אַ שטיין איז זיי אַראָפּ פון האַרץ. אַ דאַנק גאָט — זיי זענען אין כעלעם, ניט אין וואַרשע.

אָבער בערל איז געשטאַנען און געגלעט דאָס גלעז, קיילעכדיקע בערדל און געפרעגט:

— אָבער, רבי, דעם סימן מיט די שיך ווי וועט איר פאַרענטפערן?

האָט דער רב געענטפערט:

— דאָס איז אַ באַווייז, אַז מ'האָט דיך אָפּגענאַרט און דער אָפּנאַרער איז אַ וואַרשעווער.

די כעלעמער האָבן געשמייכלט מיט די ליפּן:

— יאָ, און דאָס באַווייזט טאַקע וואָס פאַר אַ גרויסע חכמים די וואַרשעווער זענען, אַז אפילו אונדזער קליגסטן ייד פון כעלעם האָבן זיי אויך געקאָנט אָפּנאַרן.

אַלע האָבן אָבער אויך מסכים געווען, אַז קיין מער באַגלייטן שליח ווי בערלען דאַרף מען ניט. ער איז אָפּגעהיט, גייט ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער מאַכט סימנים. איין מאָל קאָן מען אים אָפּנאַרן. אַ צוויימאָל — אַ פייג!

# די קעסלפויק

אויף מאָרגן האָט זיך בערל פילאָזאָף געלאָזט ווידער אין וועג אַריין. פריער האָט ער זיך גוט אויסגעשלאָפן, ער זאָל נישט דאַרפן כאַפּן קיין דרעמל אויפן וועג און פאַרבלאָנדזשען. בערל פילאָזאָף קאָן מען אָפּנאַרן איין מאָל. אַ צווייט מאָל — קיינמאָל נישט. ער איז טאַקע אָנגעקומען בשלום קיין וואַרשע.

אין וואַרשע איז בערל אַרומגעגאַנגען איבער די ברייטע גאַסן און זיך נישט געקאָנט געבוג אָפּוווּנדערן פון די גרויסע קראָמען. ער האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף די הויכע מויערן. אַלץ איז געווען אַזוי שיין, אַז ס׳האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג. שענער און מאָדנער פון אַלץ איז געווען אַ הויכער, קיילעכדיקער טורעם, אַרומגעבויט מיט אַ באַלקאָן. אויף דעם באַלקאָן איז געשטאַנען אַ מאַן אין אַ מעשענער קאַסקע און געקוקט אין אַלע זייטן.

פאַררייסט בערל זיין קאָפּ און קוקט אויפן טורעם. ער זעט ווי דער מאַן אין דער מעשענער קאַסקע דרייט זיך אַרום אויף דעם באַלקאָן און מוט גאָרנישט. שטעלט אָפּ דער בעלעמער חכם אַ וואַרשעווער ייד און פרעגט אים:

— זאָגט מיר נאָר, ליבער ייד, וואָס דרייט זיך אַרום אַ מענטש פוסט און פּאַס דאָרטן אין דער הייך אויף דעם באַלקאָן?

ענטפערט אים דער וואַרשעווער ייד:

— דאָס היט ער די שטאָט פון שריפות.

דערפרייט זיך בערל — אָט דאָס זוכט ער דאָך. פרעגט ער דעם וואַרשעווער:

— ווי אַזוי היט ער די שטאָט פון שריפות?

אָבער דער וואַרשעווער ייד איז שוין נישט געווען. גרויסשטאָטישע מענטשן איילן זיך שטענדיק.

טראַכט בערל ביי זיך:

— צו וואָס פרעגן ביי פרעמדע יידן, וואָס איילן זיך שטענדיק? איך וועל בעסער אַרויפקלעטערן צום היטער און אים אַליין פרעגן.

קלעטערט זיך בערל אַרויף אויפן טורעם און פרעגט דעם מאַן אין דער קאַסקע:

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, ליבער מענטש, מ'האָט מיר געזאָגט, אַז איר היט די שטאָט פון שריפות. ווי אַזוי פאַרהיט איר, אַז וואַרשע זאָל נישט ברענען?

דער מאַן אין דער קאַסקע, וואָס דרייט זיך אַרום טאָג־איין טאָג־אויס אַליין, איז געווען צופרידן צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ לעבעדיקן מענטש, ענטפערט ער:

— פון אָט דעם באַלקאָן, וואָס איז אויפן טורעם, קאָן איך זען גאַנץ וואַרשע. קוק איך און היט. אַזוי גיך ווי איך דערזע, אַז ערגעץ־ווו האָט אויסגעבראָכן אַ פייער, הייב איך אָן צו פויקן אין קעסלפויק.

— נו — פרעגט בערל — און נאָכדעם?

טוט דער וואַרשעווער אַ קוק אויף בערלס קיילעכדיק, געל בערדל און ער זעט באַלד וואָס פאַר אַ חכם ס'שטייט דאָ פאַר אים. טוט דער מאַן אין דער קאַסקע אַ שמייכל און זאָגט:

— די שריפה ווערט באַלד אויפן אָרט אויסגעלאָשן.

קנאַקט בערל מיט דער צונג:

— וואונדער איבער וואונדער! די שריפה ווערט באַלד אויפן אָרט אויסגעלאָשן! אַזאַ גבורה פאַרמאָגט עס, אָט די קעסלפויק!

זעט שוין דער וואַרשעווער, אַז דאָס יידל מיטן געל־קיילעכדיקן בערדל איז נאָך אַ סך קליגער ווי ס'דוכט זיך אויס. ענטפערט ער מיט אַ געמאַכטן ערנסט:

— יאָ, אַזאַ קראַפט פאַרמאָגט אָט די קעסלפויק.

טוט בערל אַ קראַץ די באָרד און זאָגט:

— פאַרקויפט מיר די קעסלפויק.

זאָגט דער וואַרשעווער:

— איך מוז דאָך האָבן די קעסלפויק פאַר זיך אַליין.

זאָגט בערל פילאָזאָף:

— איך גיב אייך הונדערט רענדלעך מזומן.

דערהערט דער שומר: הונדערט רענדלעך פאַר דער קעסלפויק — טראַכט ער: איך טאָר זיך נישט צאַיילן, דאָס געשעפט קאָן נאָך קאַליע ווערן.

ציט ער אויף זיך אָן אַ שווערע מינע און זאָגט:

— ווייסט איר וואָס? קומט מאָרגן פרי. בײַנאַכט וועל איך זען צי איך קאָן קריגן פאַר זיך אַן אַנדער פּויק. קומט מאָרגן פרי, וועלן מיר זען.

אויף מאָרגן פרי איז בערל געקומען און דער שומר האָט שוין געהאַט גרייט פאַר אים די קעסלפּויק. בערל האָט באַצאָלט די הונדערט רענדלעך און זיך צוריקגעקערט קיין כעלעם.

קומט בערל מיט דער קעסלפּויק קיין כעלעם און דערציילט מיט פרייד:

— איך האָב געקויפט אַ קעסלפּויק, וואָס האָט אין זיך אַ כישוף. אוים צעבערס, אוים עמערס. ווען אַ שריפה וועט אויסברעכן אין כעלעם, וועט מען זי נישט דאַרפן לעשן. דאָס פּויקן אין קעסלפּויק וועט אויסלעשן די שריפה.

דערפרייט זיך כעלעם. אַן עק און אַ סוף, די שטאָט איז באַשיצט פון פייער. ד כעלעמער האָבן אויסגעבויט אַ טורעם מיט אַ באַלקאָן. מ׳האָט אַוועקגעזעצט בערלען אויפן באַלקאָן — זאָל ער שטיין און היטן.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין כעלעם. בערל, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם הויכן באַלקאָן, האָט טאַקע דער ערשטער דערזען דעם רויך און דאָס פייער. ער האָט באַלד אַ כאַפּ געטאָן די קעסלפּויק און אָנגעהויבן באַראַבאַנעווען.

די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן. בערל פּויקט אין דער קעסלפּויק אויף וואָס די וועלט שטייט. ער פּויקט און דאָס פייער ברענט. אַלע שטייען און קוקן וואָס וועט דאָ זיין. בערל באַראַבאַנעוועט שטאַרקער און דאָס פייער ברענט שטאַרקער. ער קלאַפּט, די פּויק ווערט צעזעצט, דערווייל אָבער צינדט זיך אָן נאָך אַ הויז און נאָך אַ הויז.

די כעלעמער שטייען און קוקן: אמת, בערל טוט זיין אַרבעט ערלעך, באַראַבאַנעוועט און שוויצט, קאָן קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן, אָבער באַלד וועט דאָך פאַרט די גאַנצע שטאָט אַוועק מיטן רויך. האָבן זיי זיך צוריק געכאַפּט צום עמער און צום צעבער. זיי זענען געלאָפן צום טייך, געבראַכט וואַסער און קוים, קוים אָפּגעראַטעוועט כעלעם.

נאָך דער שריפה האָט מען פאַררופן אַן אסיפה און גערופן בערלען צום משפט.

דער רב האָט אָנגעהויבן אויספרעגן בערלען:

— זאָג מיר נאָר, ביסט דאָך אַ ייד אַ חכם, אַ פילאָזאָף, אַ קאָפּמענטש. טאָ זאָג־זשע מיר, ווי אַזוי האָסטו זיך עס געלאָזט אָפּנאַרן?

ענטפערט בערל:

— רבי, מ'האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. איך האָב מיט מיינע אויגן געזען דעם טורעם, געריידט מיטן שומר און אָנגעקוקט די קעסלפּויק און געהערט ווי דער שומר האָט געפּויקט אין דער קעסלפּויק. מ'וועט דאָך אין וואַרשע נישט צאָלן אַ מענטש קיין שכירות פאַר גאָרנישט.

פרעגט דער רב:

— איז פאַרוואָס האָט די קעסלפּויק דאָ, און כעלעם, נישט געהאָלפן?

ענטפערט בערל:

— איך ווייס נישט. נאָכן שכל נאָך האָט די פּויק געדאַרפט אויך דאָ אויסלעשן די שריפה.

טוט דער רב אַ שמעק טאַבאַק און זאָגט:

— הפנים, אַז מיטן שכל אַליין קאָן מען קיין שריפה נישט אויסלעשן. די וואַרשעווער זענען טאַקע גרויסע חכמים און קאָפּמענטשן, אָבער נאָך גרעסערע אָפּנאַרער. איין מענטש, אפילו ווען ער איז קלוג און שאַרף ווי אונדזער בערל פילאָזאָף, קאָן זיך נישט שטעלן אַנטקעגן די וואַרשעווער. מ'דאַרף שיקן אַהין אַ גאַנצן מנין כעלעמער.

איז אַזוי געבליבן.

* *
*

אויף מאָרגן האָבן די שליחים זיך געלאָזט אין וועג. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען. פאַרנאַכט־צו האָבן זיי דערזען פונדערווייטנס די דעכער פון די הויכע וואַרשעווער מויערן. האָט געזאָגט איינער פון די צען צו די אַנדערע ניין כעלעמער:

— ס'וועט שוין באַלד פינצטער ווערן, וואָס איז דער שכל אָנצוקומען אין אַ פרעמדער שטאָט ביינאַכט? לאָמיר זיך אָפּשטעלן נעכטיקן אין אַ קרעטשמע.

האָבן אים די אַנדערע ניין געפאָלגט. זיי זענען אַריין אין אַ קרעטשמע.

זעט דער קרעטשמער צען יידן מיט לאַנגע בערד און פיינע קאַפּאָטעס, זאָגט ער:

— וואָס פאַרלאַנגען יידן?

ענטפערן די בעלעמער:

— מיר ווילן עסן וועטשערע און אויך אַ געלעגער אויף איבערצוגעכטיקן.

זאָגט דער קרעטשמער:

— עסן פאַר צען מענטשן קאָן איך צוגרייטן, אויב איר ווילט וואַרטן, אָבער קיין צען בעטן האָב איך נישט.

ענטפערן די בעלעמער:

— מיר זענען נישט קיין גראַפן, אַז מיר זאָלן דאַרפן האָבן צען בעטן, אַ בעט פאַר יעדן איינעם. מיר קאָנען שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע.

זאָגט דער קרעטשמער:

— אויב אַזוי איז גוט. נאָך וועטשערע וועל איך אַריינטראָגן שטרוי אין שטוב. דאָס שטרוי וועל איך אויסשפּרייטן אויף דער פּאָדלאָגע, וועט איר האָבן אַ געלעגער ווי פאַר אַ מאָנאַרכע.

דער קרעטשמער האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָפּגעקאָכט אַ גוטע וועטשערע פאַר די געסט. נאָכדעם ווי די בעלעמער האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, האָט ער אַריינגעטראָגן שטרוי אין שטוב און אויסגעבעט אויף דער פּאָדלאָגע אַ געלעגער פאַר די געסט.

פאַרן לייגן זיך שלאָפן האָבן די בעלעמער אָנגעזאָגט דעם קרעטשמער, אַז ער זאָל זיי אויפוועקן אַ בלאַסק אויף טאָג. זיי ווילן אָנקומען קיין וואַרשע פרי, נאָך פאַרן דאַווענען.

* *

*

אַז ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, איז דער קרעטשמער אַריין אין שטוב צו די געסט און אויסגערופן:

— בעלעמער יידן, שטייט אויף! ס'טאָגט שוין.

די בעלעמער האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויפגעזעצט און געזאָגט:

— אַ האַנק פאַרן דערמאָנען, קרעטשמער, מיר שטייען שוין אויף.

דער קרעטשמער האָט זיי איבערגעלאָזט זיך אָנצוטאָן און ער איז אַרויס פון שטוב אין הויף. ער האָט אַוועקגעטריבן זיינע קי אין פעלד, פון פעלד איז ער אַוועק צו אַ פויער און געקויפט ביי אים אַ קעלבל.

ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, איז שוין געווען האַלבער טאָג.

ער גייט אַריין אין שטוב, טוט אַ קוק אויף דער פּאָדלאָגע, ערשט די בעלעמער יידן ליגן נאָך אַלץ אויסגעצויגן ווי גרויס זיי זענען.

זאָגט דער קרעטשמער:

— יידן טייערע, איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איך זאָל אייך אויפוועקן אַ בליאַסק אויף טאָג. איר ווילט אָנקומען קיין וואַרשע פרי, האָט איר געזאָגט, נאָך פאַרן דאַווענען. איך האָב אייך אויפגעוועקט, ווען ס'איז נאָך געווען פינצטערלעך. אַציגד איז שוין, געלויבט איז דער אויבערשטער, באַלד צוועלף דער זייגער, און איר ליגט מיט אָפענע אויגן און רירט זיך נישט פון אָרט. סטייטש?

ענטפערן די בעלעמער אַלע אין איין קול און זאָגן:

— ראַטעווע אונדז, ליבער קרעטשמער, אַז אומגליק האָט געטראָפן. אין שטרוי האָבן מיר זיך פאַרפּלאָנטערט מיט די פיס און מיר קאָנען זיי נישט אויספּלאָנטערן. ראַטעווע אונדז! מיר קאָנען דאָך נישט אויפשטיין אויף פרעמדע פיס.

זאָגט דער קרעטשמער:

— אוי ווי איז מיר. איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איר זענט בעלעמער. גוט, איך וועל אייך ראַטעווען. אָבער איר וועט מיר מוזן באַצאָלן פאַר מיין טרחה.

— באַצאָלן, איז באַצאָלן — האָבן די בעלעמער געזאָגט.

האָט דער קרעטשמער געזאָגט:

— אויב אַזוי, וואַרט זשע אויס אַ ווײַלע, איך וועל באַלד צוריקקומען.

ער איז אַרויס אין שטאַל און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ לאַנגער, גראָבער, רימענער בייטש און צוגייענדיק צו די בעלעמער האָט ער זיי אָנגעהויבן קאַטעווען איבער די נאַקעטע פיס.

די בעלעמער זענען אויפגעשפּרונגען ווי מ'וואָלט זיי אונטערגעגאָסן קאָכעדיק וואַסער, זיי האָבן געריבן די צעפּאַסעווטע פיס און מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי באַדאַנקט דעם קרעטשמער.

דאַווענען האָבן זיי שוין געדאַוונט אין קרעטשמע, נישט אין וואַרשע. נאָכן דאַווענען האָבן זיי אויף גיך אָפּגעגעסן פרישטיק, באַצאָלט דעם קרעטשמער און אים נאָך אַמאָל באַדאַנקט און זיך געלאָזט אין וועג.

* *

*

קיין וואַרשע זענען זיי אָנגעקומען פריש און געזונט און זיך געלאָזט זוכן דעם טורעם. זיי האָבן אים טאַקע באַלד געפונען. זיי האָבן פאַררוסן די קעפּ אַרויפצו. יאָ, בערל פילאָזאָף האָט דערציילט דעם אמת. אויבן אויפן קיילעכדיקן באַלקאָן שטייט אַ שומר אין אַ קאַסקע און מיט אַ קעסלפויק און היט.

זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן טורעם און זיך פאַנאַנדערגע־שמועסט מיטן שומר. דערציילט ער זיי דאָס זעלביקע, וואָס עס האָט דערציילט בערל פילאָזאָף — אַזוי און אַזוי, ווי נאָר ס'ברעכט אויס ערגעץ־ווו אין שטאָט אַ שריפה, הייבט ער אָן פויקן און דאָס פייער ווערט אויסגעלאָשן.

זאָגן די כעלעמער:

— אין ווי אַזוי וועט איר דערקלערן, וואָס מיר האָבן געקויפט ביי אייך אַ קעסלפויק און ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַ שריפה ביי אונדז אין שטאָט, האָבן מיר געפויקט און געפויקט און ס'האָט נישט געהאָלפן? דאָס פייער איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן, ביז מיר האָבן נישט אָנגע־הויבן גיסן אויף דעם וואַסער. סטייטש?

ענטפערט דער שומר:

— אַ שאָד, ס'איז מיר גאָר אַרויס פון זינען אָנצוזאָגן אייער בער־לען, אַז צו דער קעסלפויק דאַרף מען נאָך האָבן אַ לעשמאַשין מיט גו־מענע קישקעס, אויך אַ פּאָמפּע און פעסלעך מיט וואַסער און פייער־לעשער.

ווי זיי שטייען אַזוי אין רעדל און רעדן, האָט דער שומר דערזען, אַז ערגעץ־ווו אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פויק און אָנגעהויבן פויקן. ער האָט געפויקט און געשריגן צו די כעלעמער:

— נעמט די פיס אויף די פּלייצעס און לויפט. זעט מיט אייערע אייגענע אויגן ווי מ'לעשט אַ שריפה אין וואַרשע.

זענען די כעלעמער געלאָפן און אָנגעקומען פונקט צו דער צייט. אַ מויערל האָט געברענט ווי אַ ליכט. די פייערלעשער האָבן זיך געכאַפּט צו דער לעשמאַשין — אַ פיינע פּאָמפּע מיט מעשענע הענטלעך. אַ גו־מענע קישקע האָט זיך געצויגן פון דער פּאָמפּע צו אַ פעסל וואַסער. נאָך אַ קישקע מיט אַ שפּריצער פון דער אַנדערער זייט מאַשין. אַ פיי־ערלעשער האָט געפּאָמפּעט און נאָך אַ פייערלעשער האָט געשפּריצט

וואַסער און געראַטעוועט. אײנס און צוויי האָבן די פּייערלעשער אויסגעלאָשן דאָס פײער.

די בעלעמער איז די מעשה גאָר וויל געפעלן געוואָרן.

* *
*

אויף מאָרגן זענען די בעלעמער אַרײַן אין אַ גרויס געשעפט, ווו מ'פאַרקויפט מאַשינען און זיי האָבן באַקוקט אַ שײנע לעשמאַשין מיט גומענע קישקעס און גרויסע מעשענע העגטלעך.

זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו דינגען מיטן קרעמער. נישקשה, זיי וועט מען נישט אָפּנאַרן. דער קרעמער האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט די בעלעמער און אַז ער האָט דערזען, אַז זיי זענען גרויסע עקשנים און נאָך גרעסערע חכמים, האָט ער צו זיי געזאָגט:

— איך זע שוין, אַז איך וועל מוזן אָוועקגעבן די פּאָמפּע מיט די שײנע מעשענע העגטלעך, מיט דער לאַנגער גומענער קישקע און מיטן שפּריצער פאַר האַלב אומזיסט. אָבער זאָגט מיר, ווי ווילט איר קויפן די פּעסלעך? ליידיקע אָדער אָנגעפילטע מיט וואַסער? קיין סך טײערער וועט עס אײַך נישט קאָסטן.

האָבן די בעלעמער געזאָגט:

— אַז קויפן זאָל זײַן געקויפט. פילט אָן די פּעסלעך מיט וואַרשעווער וואַסער. ס'וועט טאַקע קאָסטן טײערער, אָבער ס'איז ווערט.

האָט דער קרעמער געשמייכלט פריילעך און צופרידן און די בעלעמער האָבן זיך געריבן די הענט און זיך איבערגעווונקען אײנער מיטן אַנדערן:

— וואָס, וואָס, זיי קאָן מען אין זאַק נישט אַרײַננאַרן.

צופרידענע זענען די בעלעמער אָנגעקומען אַהיים און צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען טאַקע אין בעלעם געבראַכט די לעשמאַשין מיט די מעשענע העגטלעך, מיט דער לאַנגער גומענער קישקע און דעם שפּריצער. אויך צוואַנציק פּעסלעך מיט וואַרשעווער וואַסער זענען אָנגעקומען. די פּעסלעך זענען געווען אויף רעדלעך און גאַנץ בעלעם האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף זיי. דער וואַרשעווער סוחר האָט אויך צוגעשיקט אַ געניטן מענטש אויסצולערנען די בעלעמער ווי אַזוי צו באַנוצן די מאַשין מיט דער גומענער קישקע מיט דעם שפּריצער און די

פּעסלעך אויף די רעדלעך. די בעלעמער זענען געווען אויפן זיבעטן הימל. זיי האָבן באַצאָלט מיט דאַנק דעם קרעמער און זיי האָבן אַלץ מיטאַנאַנד אַוועקגעשטעלט אויפן שולהויף און געוואַרט אויף אַ שריפה.

*   *

*

ס'איז אַוועק אַ וואָך, צוויי וואָכן, דריי וואָכן. קיין שריפה האָט נישט אויסגעבראָכן אין כעלעם. אין אַ שיינעם, ליכטיקן פרימאָרגן האָט מען זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז איין פּעסל פון די פּעסלעך, וואָס מ'האָט געבראַכט פון וואַרשע, פעלט. עמעצער האָט צוגעגנבעט אַ פּעסל מיטן וואַרשעווער וואַסער.

ס'איז געוואָרן אַ טומל אין שטאָט. ס'איז דאָך אַ געפאַר, אַז איידער וואָס ווען, וועלן גנבים צעשלעפּן אַלע פּעסלעך אינאיינעם מיט דער מאַשין, מיט דער קישקע, מיט דעם שפּריצער און אַז ס'וועט אויסברעכן אַ שריפה, וועט נישט זיין מיט וואָס צו לעשן דאָס פייער.

האָט מען גערופן אַן אסיפה.

אויף דער אסיפה האָט מען גערעדט, געשריגן און זיך געבייזערט. אַז יעדער איינער האָט זיך אָנגערעדט ווי אַ פּויק, איז געוואָרן שטיל און בעלעם האָט זיך פאַרטראַכט. אַז אַ גאַנצע שטאָט טראַכט, דערטראַכט מען זיך צו עפּעס. איז געבליבן אויף דער אסיפה, אַז אַזוי ווי לעבן דער שול איז דאָ אַ ליידיקער פּלאַץ, זאָל מען אַוועקשטעלן אויף דעם פּלאַץ די לעשמאַשין מיט דער גומענער קישקע, מיטן שפּריצער און אַלע פּעסלעך אָנגעפילט מיטן וואַרשעווער וואַסער. דעם פּלאַץ זאָל מען אַרוממויערן מיט אַ דיקער וואַנט. אַ וואַנט געמאַכט פון ציגל און ליים. צוועלף פוס די הייך זאָל זיין די וואַנט און אַ פוס די דיק. גנבים וועלן איבער אַזאַ הויכער וואַנט נישט קאָנען אַריבערקריכן און גזלנים וועלן אַזאַ דיקע וואַנט נישט קאָנען איינברעכן.

האָט מען אַזוי געטאָן. מ'האָט אַרומגעמויערט די פּעסלעך און די לעשמאַשין מיט דער גומענער קישקע מיט דעם שפּריצער מיט אַ הויכער וואַנט און כעלעם איז געשלאָפן רואיק.

ס'איז אַוועק אַ קורצע צייט און אין שטאָט האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה. בערל פילאָזאָף האָט געכאַפּט די קעסלפּויק און אָנגעהויבן פּויקן און באַראַבאַנעווען. די פייערלעשער האָבן אָנגעטאָן די מעשענע קאַסקעס און געלאָפן ראַטעווען. זיי זענען צוגעקומען צום פאַרקאַן און זיך אָפּגעשטעלט. הויך איז די געמויערטע וואַנט, דיק איז זי. קיין טיר

האָט מען אין איר נישט געמאַכט. איז דאָך שלעכט! מ'קאָן נישט צוקו־
מען צו די פּעסלעך מיט וואַסער און צו דער מאַשין מיט די גומענע
קישקעס.

בערל פּויקט און די פייערלעשער ווערן בייז. זיי הייבן אָן ברעכן די
געמויערטע וואַנט. אָבער די וואַנט איז דיק און הויך און שטאַרק ווי
אַ פעסטונג, נישט אַזוי גרינג ברעכט מען זי איין.

די שטאָט ברענט און בערל פילאָזאָף פּויקט. זעען די פייערלע־
שער, אַז די שטאָט וועט באַלד אַוועק מיטן רויך, טוען זיי אַ שפּיי
אויף דער פאַרשעוועטער מאַשין און אויף די פּעסלעך מיט די גומענע
רעדלעך און זיי נעמען זיך צוריק צו צעבער און עמער און לעשן אויס
די שריפה.

* *

*

אויף דער אסיפה האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. יונג־
וואַרג האָט געליאַרעמט:

— סטייטש און סטייטש? ווי אַזוי פאַרגעסט מען עס צו מאַכן
אַ טויער אין דער געמויערטער וואַנט?

שמייכלען די עלטערע, קלוגע באַלעבאַטים און דער רב זאָגט:

— דער געדאַנק נישט צו מאַכן קיין טויער אין דער דיקער, גע־
מויערטער וואַנט איז דאָך אַ גוטער. איר זעט דאָך, קיינער האָט נישט
געקאָנט איינברעכן די וואַנט. קיין גנבים האָבן דאָס אויך נישט
געקאָנט. און די וואַנט איז דאָך געמויערט געוואָרן צו באַשיצן די מאַ־
שין פון גנבים. דאָס האָבן מיר אויסגעפירט, איי, מ'האָט די שריפה
נישט געקאָנט לעשן? נו, דאַרף מען טראַכטן. אַז מ'טראַכט, דערטראַכט
מען זיך.

האָט מען געמאַכט אַן אסיפה, אַ צווייטע און אַ דריטע. אויף דער
לעצטער אסיפה איז געבליבן, אַז די שטאָט זאָל אויסברעכן אַ שטיק
וואַנט און אַרייַנשטעלן אַהין אַ טויער. איי, גנבים קאָנען נאָך אַרייַנקו־
מען דורכן טויער? זאָל מען אין הויף אויסבויען אַ שטוב און דאָרטן
אַרייַנזעצן אַ שומר און זאָל ער היטן.

האָט מען אַזוי געטאָן. כדי צו שפּאָרן געלט, האָט מען אַרייַנגע־
זעצט פּאַר אַ שומר דעם שטאָט־שמש.

גייען פאַרביי אַ פּאָר חדשים און אין שטאָט ברעכט אויס אַ שריפה.
בערל פילאָזאָף האָט אָנגעהויבן באַראַבאַנעווען אויף דער פּויק. די פיי־

ערלעשער האָבן אָנגעטאָן די מעשענע קאַסקעס און זענען אַוועקגעלאָפן אַרויסנעמען די מאַשין. אײ, ס'איז גוט. דאָס טויער איז ברייט, די פעסלעך זענען פול מיט וואַסער. די גומענע קישקעס זענען לאַנג און דער מעשענער שפריצער גלאַנצט ווי אַ גייער.

ברענגען די פייערלעשער די מאַשין מיט די פעסלעך צו דער שריפה. שטעלן זיך אויס די פייערלעשער ווי ס'באַדאַרף צו זיין און הייבן אָן פאָמפּען.

זיי פאָמפּען און די גומענע קישקע שפריצט נישט.

די שטאָט ברענט ווי אַן אָנגעצונדענער בינט שטרוי. די פייערלעשער פאָמפּען שטאַרקער, אָבער די גומענע קישקע שפריצט נישט.

די שטאָט פלאַקערט. זי ברענט ווי אַ שטורקאַץ, וואָס איז איינגעטונקען אין נאַפט. די פייערלעשער נעמען זיך פלייסיקער צו דער אַרבעט. זיי פאָמפּען האַסטיקער, שנעלער, אָבער די קישקע שפריצט נישט.

זעען די כעלעמער, אַז ס'טויג נישט. טוען זיי אַ שפּיי אויף דער גרויסשטאָטישער מאַשין און נעמען זיך צוריק צו די צעבער און צו די עמער און לעשן אויס די שריפה.

יונגוואַרג איז אָבער נישט צופרידן: פאַרוואָס זאָל די מאַשין נישט אַרבעטן?

קאָכן זיך די יונגעלייט און שרייען:

— אין וואַרשע אַרבעט די מאַשין און אין כעלעם נישט. פאַרוואָס? עפעס איז דאָ נישט גלאַט.

חברה איז נישט פויל און הייבט אָן באַקוקן און באַטראַכטן די מאַשין. געפינט מען אינעווייניק, אין דער מאַשין, שטיקער ליים, בינטלעך גריין, עטלעכע רעטעכער און שטיקלעך סטערינאָווע ליכט און אַ בינטל קנאָבל.

נעמט יונגוואַרג אַרויס דעם אוצר און ברענגט צום רב:

— נאַט, רבי, זעט פאַרוואָס די מאַשין אַרבעט נישט.

דער רב האָט פאַררופן אַן אסיפה.

* *

*

דער רב האָט גערופן דעם שומר אויף דער אסיפה און אים געוויזן דעם אוצר און אים געפרעגט:

— איז דאָס אַלץ דיינס?

באַקוקט דער שטאָט-שמש די בינטלעך קנאָבל, די שטיקער ליים,

די רעטעכער און שטיקלעך כריין און ברעקלעך ליכט און ער זאָגט:

— יאָ, ס'איז מיינס. איך האָב עס טאַקע אַרומגעזוכט.

זאָגט דער רב:

— וועסט באַלד דיינס קריגן צוריק. אָבער זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס האָסטו עס באַהאַלטן אין דער מאַשין?

ענטפערט דער שמש:

— וווּ אַנדערש האָב איך עס געזאָלט באַהאַלטן? די שטוב איז קליין און ווו כ'זאָל עס נישט לייגן, וועלן עס די קינדער געפינען. אין דער מאַשין איז אַ זיכערער אָרט.

זאָגט דער רב:

— אָבער די שטאָט דאַרף דאָך האָבן די מאַשין ווען ס'ברעכט אויס אַ שריפה.

ענטפערט דער שמש:

— איך בין בילכער. איך האָב אַ חזקה אויף דער מאַשין.

זאָגט דער רב:

— חזקה איז אַ גרויסע זאַך. דו ביסט גערעכט.

הייבט אָן יונגוואַרג ליאַרעמען:

— יאָ חזקה, נישט חזקה. די שטאָט קאָן נישט אויסקומען אָן אַ לעשמאַשין.

זאָגט דער רב:

— כ'לעבן, איר זענט אויך גערעכט.

ליאַרעמט ווייטער די יוגנט:

— וואָס טויג אונדז זיין גערעכט? די שטאָט קאָן נישט אויסקומען אָן אַ לעשמאַשין.

זאָגט דער רב:

— גוט, איך האָב אַן עצה: דער שמש זאָל ווייטער האָבן דאָס רעכט צו באַהאַלטן אין דער מאַשין זיין קנאָבל, רעטער, ליים און שטיקלעך איבערגעבליבענע ליכט. אָבער דריי טעג פאַר אַ שריפה זאָל מען אים לאָזן וויסן, וועט ער אויסריידיקן די לעשמאַשין.

ענטפערט דער שמש צופרידן:

— גוט, איך בין מסכים. זאָל מיר קהל לאָזן וויסן דריי טעג איידער אַ שריפה ברעכט אויס, וועל איך אַלץ אַרויסנעמען.

און אַזוי איז פאַרבליבן. דעמלט האָט כעלעם אַן איבעריק מאָל דערזען, וואָס פאַר אַ קלוגן רב זיי פאַרמאָגן.

# בעלעמער כלי־קודש

# אַ רב אָן אַ קאָפּ...

אַ פרעמדער איז אַמאָל דורכגעגאַנגען אין כעלעם פאַרן שול־הויף, זעט ער, ווי דער שמש שטייט און האַקט אַ גרויסן סענקעוואַטן קלאָץ, האַקט און האַקט און קאָן אים נישט צעהאַקן.

פרעגט אים דער פרעמדער, ווי לאַנג ער האַקט שוין דעם קלאָץ. ענטפערט אים דער שמש, אַז ער מוטשעט זיך שוין אַזוי איבער אים אַ דריי טעג.

— כעלעמער אייזער, וואָס דו ביסט — האָט דער פרעמדער זיך צעלאַכט — מ׳זעצט אַריין אַ קלין אין קלאָץ אַריין און מ׳קלאַפּט אין אים איינס, צוויי, און ער צעשפּאַלט זיך.

דער שמש האָט דאָס נישט געקאָנט תופס זיין.

— וואָס זאָגט איר? מ׳זעצט אַריין אַ קלין — וואָס איז דאָס אַזוינס?

האָט אים דער פרעמדער אויפגעקלערט, וואָס אַ קלין איז. ער האָט אַליין גענומען אַ שטיק האָלץ, פון איין זייט עס פאַרטעסעט שאַרף און שפּיציק און פון דער צווייטער זייט ברייט און גלאַט, געגעבן דאָס דעם שמש און אַוועקגעגאַנגען.

האָט גענומען דער שמש דעם קלין, אַוועקגעלייגט אויפן קלאָץ מיט דער ברייטער זייט אַראָפּ און מיט דער שאַרפער זייט אַרויף און דערלאַנגט מיט דער האַק אַ טערבעניץ מיטן גאַנצן כוח, אַז דער קלין איז אים אַ פלי געטאָן אין קאָפּ אַריין און אים אויסגעהאַקט אַן אויג.

האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד, איז זיך גאַנץ כעלעם צונויפגעלאָפן.

דערזעענדיק דעם שמש מיט אַן אויסגעהאַקט אויג און אויסהערנדיק פון אים די גאַנצע מעשה — איז ביי קיינעם קיין שום ספק נישט געבליבן, אַז דער פרעמדער איז געווען דער שטן אַליין און דער קלין איז נישט אַנדערש ווי אַ געפערלעכער משחית, וואָס קאָן גאַנץ כעלעם חרוב מאַכן.

וואָס זשע טוט מען מיט אַזאַ משחית?

האָט מען געמאַכט אַן אסיפה און ס'איז געבליבן, אַז אַזוי ווי דער קלין איז אַ געפערלעכער משחית, וואָס קאָן חלילה, גאַנץ בעלעם מזיקן, דאַרף מען אים דעם כוח אָפּשוואַכן, און דערצו איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל, ווי נאָר אים אין שול אַריינצוואַרפן.

האָט גאַנץ בעלעם גענומען מיט ציטערניש שטופּן מיט לאַנגע שטעקנס דעם קלין פון איין אָרט אויפן צווייטן, ביז מ'האָט אים צוגעשטופּט צו דער שול. אַריינגעוואָרפן אים אין שול אַריין, האָט מען פאַרהאַקט טיר און פענצטער און דער עולם איז זיך צעגאַנגען רואיק אַהיים.

אויף מאָרגן האָט מען געוואָלט וויסן, וואָס מאַכט עפּעס דער משחית. האָט מען נישט געוווסט וואָס צו טאָן: אַריינקוקן דורך אַ פענצטער האָט מען מורא געהאַט, טאָמער זעצט ער אויס אַן אויג. עפענען די טיר איז געווען גאָר אַ גרויסע סכנה, טאָמער אַנטלויפט ער און מזיקט גאַנץ בעלעם.

האָט מען געמאַכט אַן אסיפה, געטראַכט און געטראַכט און ס'איז געבליבן, אַז מ'זאָל אַרויף אויפן בוידעם, מאַכן אַ לאָך אין סופיט און אַראָפּלאָזן אויף אַ שטריק דעם גבאי, וועט ער שוין זען, וואָס דער משחית טוט דאָרט.

האָט מען אַזוי געטאָן.

האָט מען געמאַכט אויפן בוידעם אַ לאָך, צוגעבונדן דעם גבאי צו אַ שטריק און מ'האָט אים אַראָפּגעלאָזט מיטן קאָפּ אַראָפּ אין שול אַריין.

האָט ער זיך אָנגעשטויסן מיטן קאָפּ אין באַלעמער, זיך דערשראָקן און געמאַכט אַ געוואַלד.

אַזוי ווי ער האָט גענומען שרייען, האָט מען דאָך געזען בחוש, אַז דאָס מזיקט אים דער קלין, האָט מען אים גענומען ציען צוריק און אַרויסגעשלעפּט קוים אַ לעבעדיקן.

צומאָרגנס האָט מען ווידער געוואָלט זען, וואָס טוט דאָרט דער משחית. האָט מען געמאַכט ווידער אַן אסיפה און ס'איז געבליבן, אַז קוקן דורך די פענצטער איז אַ מורא, עפענען די טיר איז אַ סכנה, ער זאָל נישט אַנטלויפן און מזיקן גאַנץ בעלעם, און דורכן בוידעם האָט ער שוין דעם גבאי מקיים פּסק געווען — איז נישטאָ קיין אַנדער עצה, סיידן אונטערגראָבן די שול און דורך אַ לאָך אין פּאָדלאָגע אַריינקוקן און זען, וואָס ס'טוט דאָרט דער משחית.

האָט מען אַזוי געטאָן. מען האָט אונטערגעגראָבן די שול, געמאַכט אַ לאָך אין דער פּאָדלאָגע און געשיקט אַריינקוקן אין שול אַריין דעם רב אַליין.

האָט דער רבֿ אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין לאָך פֿון דער פּאָדלאָגע, געכאַפּט אין שרעק א קוק אויף דעם קלין און געוואָלט דעם קאָפּ צוריק אַרויסנעמען. נאָר אַזוי ווי די לאָך פֿון דער פּאָדלאָגע איז געווען א קליינע און דער רבֿ האָט אַזוי גיך דעם קאָפּ נישט געקאָנט אַרויסנעמען, האָט ער זיך נאָך מער דערשראָקן און געמאַכט א געוואַלד. האָט מען דאָך ווידער געזען, אַז דער משׂחית אַרבעט זייגע מעשׂים, האָט מען גענומען שלעפּן דעם רבֿ פֿאַר די פֿיס אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק, ביז מ'האָט אים דעם קאָפּ אַראָפּגעריסן.

איז די שטאָט אויפגערודערט געוואָרן. סטייטש, דעם רבֿ אַליין אַראָפּגעריסן דעם קאָפּ, ס'איז נאָך אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן!

האָבן די בעלעמער באַלעבאַטים זיך גענומען טרייסטן:

— אפשר האָט גאָר דער רבֿ קיין קאָפּ נישט געהאַט. נאָר ווער קאָן וויסן אויף זיכער, צי דער רבֿ האָט געהאַט א קאָפּ, צי נישט, אויב נישט דער שמש פֿון שול?

איז מען געגאַנגען פֿרעגן דעם שמש פֿון שול, האָט ער געענטפֿערט, אַז אַזוי ווי דער רבֿ פֿלעגט זיצן יום־ולילה איבערגעדעקט מיט א טלית איבערן קאָפּ און געלערנט — ווייסט ער נישט, צי ער האָט געהאַט א קאָפּ, צי נישט...

איז מען געגאַנגען פֿרעגן דעם בעדער פֿון שטאָט: דער רבֿ פֿלעגט דאָך אַלע פֿרייטיק גיין אין באָד אַריין, דאַרף דער בעדער וויסן, צי ער האָט געהאַט א קאָפּ.

האָט דער בעדער געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער רבֿ פֿלעגט אין באָד תמיד אַרויפֿקריכן אויף דער העכסטער באַנק, וווּ ס'איז א שטאַרקע פּאַרע, האָט ער נישט געקאָנט זען, צי ער האָט געהאַט א קאָפּ, צי נישט.

איז מען געגאַנגען צו דער רביצין: ווער קאָן נאָך אַזוי וויסן ווי די רביצין, צי ער האָט געהאַט א קאָפּ.

האָט די רביצין געענטפֿערט, אַז אַזוי ווי דער רבֿ פֿלעגט תמיד קו־מען פֿון בית־המדרש שפּעט אין דער נאַכט, און ס'איז געווען פֿינצטער, האָט זי נישט געקאָנט זען, צי ער האָט געהאַט א קאָפּ, צי נישט.

איז מען אַזוי געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב פֿרעגן, און מ'האָט נישט געקאָנט דערגיין, צי דער רבֿ האָט יאָ געהאַט א קאָפּ, צי ער האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ. ביז ס'איז געקומען א ייִדענע און דערציילט:

— געדענק בין איך געווען ביים רבֿ פֿרעגן א שאלה, האָט ער צו מיר געזאָגט: לאָזט מיך צורו, איך האָב איצט צו אייך קיין קאָפּ נישט...

ערשט דערמלט האָבן זיך אלע איבערצייגט, אז דער רב האָט קיין קאָפּ נישט געהאַט און מ'האָט זיך באַרואיקט.

---

די זעלבע מעשה דערציילט זיך אויך מיט א שול, וואָס בעלעם האָט אויפגעבויט און האָט פארגעסן מאכן א טיר. האָט מען געמאַכט אן אסיפה צו באטראכטן, ווי מ'זאָל קאָנען אין שול אריינגיין און ס'איז געבליבן, אז מ'זאָל מאכן דעם אריינגאנג פון אונטער דער ערד. האָט מען געמאַכט א לאָך אין דער פּאָדלאָגע און דאָ איז געשען אַן אומגליק: דער רב איז געווען אומגעדולדיק, געוואָלט זען ווי די שול זעט אויס, האָט ער אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע און האָט אים נישט געקאָנט ארויסנעמען צוריק. איז זיך גאנץ בעלעם צונויפגעלאָפן און מ'האָט אים גענומען אזוי לאנג שלעפן און רייסן, ביז מ'האָט אים דעם קאָפּ אָפּגעריסן...

אנדערע ווידער דערציילן, אז די מעשה איז געשען גאָר מיט זאַלץ. ס'איז אמאָל געווען אויף דער וועלט א גרויסער יקרות אויף זאַלץ. האָט בעלעם זיך מיישב געווען: וואָס הארף מען קויפן זאַלץ און צאָלן טייער, אז מ'קאָן אליין זייען זאַלץ, האָבן אייגן זאַלץ און ביליק און נאָך פאַרקויפן אנדערע אויך.

האָט בעלעם גענומען און פארזייט אלע פעלדער מיט זאַלץ. זענען געקומען ביינאכט חיות רעות פון וואלד און אויסגעלעקט דאָס זאַלץ. איז בעלעם ארויס אין א מלחמה מיט די חיות רעות. א סך הרוגים און פארוואונדעטע זענען אין דער גרויסער שלאכט געפאַלן און צווישן זיי אויך דער רב. האָט מען געפונען צווישן די הרוגים איינעם אָן א קאָפּ און מען האָט נישט געוווסט, צי דער רב האָט געהאַט א קאָפּ אָדער נישט געהאַט קיין קאָפּ... און דאָ גייט ווייטער די גאנצע מעשה.

לויט איין נוסח האָט קיינער נישט געקאָנט זאָגן באַשטימט: צי דער רב האָט געהאַט א קאָפּ און ס'איז געבליבן, אז מ'זאָל ווארטן, ביז ער וועט קומען עמעצן צו חלום, וועט מען וויסן, צי ער איז מיט אַ קאָפּ אָדער אָן אַ קאָפּ.

לויט א צווייטן נוסח האָט בעלעם אראָפּגעבראַנגט וועלט־חכמים, וואָס האָבן שטודירט דעם רבס ספרים און איינגעפונען, אז לויט זיי האָט ער קיין קאָפּ זיכער נישט געהאַט...

# דער רב האָט זיך געקעלבט

דער כעלעמער רב איז פלוצלונג קראַנק געוואָרן און מ׳האָט נישט געוווסט, וואָס אים איז. מ׳האָט אים געגעבן צו טרינקען פיש־אייל, מ׳האָט אים געהאקט אַן אָדער, געשטעלט באַנקעס, אָפּגעשפּראָכן אַ גוט־אויג — און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.

האָבן זיך אַלע כעלעמער צונויפגעזאַמלט אויף אַן אסיפה, געטראַכט און געטראַכט און געוואָלט דערגיין, וואָס דעם רב איז. איינער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קדחת. אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז מעורידן. אַ דריטער האָט אויפגעוויזן, אַז ס׳שנייחט זיך אים אַ ברוד. אַזוי ווי מ׳האָט צווישן זיך נישט געקאָנט דערגיין, וואָס פאַר אַ חולאַת דאָס איז, איז געבליבן בהסכם כולם: מ׳זאָל אַוועקפירן דעם רב אין אַ גרויסער שטאָט צו אַ רופא אַ מומחה, ער זאָל זאָגן, וואָס דעם רב איז און וואָס פאַר אַ רפואות מ׳דאַרף אים געבן.

האָט מען אַזוי געטאָן.

מען האָט געדונגען אַ פור, אַרויפגעזעצט דעם קראַנקן רב צוזאַמען מיט אַ שמש, ער זאָל אים אָפּהיטן און רעדן פאַר אים מיטן רופא.

געקומען אין דער גרויסער שטאָט, דערציילט דער שמש דעם רופא, אַז דער רב איז קראַנק און דאַרף האָבן אַ רפואה.

האָט דער רופא באַטראַכט דעם רב און געזאָגט, אַז מ׳דאַרף דעם רב אַרויספירן אין אַ דאָרף אויף פרישער לופט. ער זאָל זיצן דאָרט, ווי ס׳וואַקסן ביימער מיט גראָז, מיט גוטער פּאַשע.

האָט דער שמש זיך אומגעקערט מיטן רב צוריק קיין כעלעם און דערציילט:

— דער רופא האָט געזאָגט, מ׳זאָל דעם רב אַרויספירן אין אַ דאָרף, ווו ס׳וואַקסן ביימער, מיט גראָז, מיט גוטער פּאַשע.

איז גאַנץ כעלעם נבהל ונשתומם געוואָרן. וואָס קאָן דאָס זיין?

שטעלט מען איינעם באַנקעס, איז אַ סימן, אַז ס׳שטעכן אים די פלייצעס; גיט מען איינעם טרינקען פיש־אייל, איז אַ סימן, אַז ער איז

אַ חולה־מעיים; שפּרעכט מען אײנעם אָפּ אַ גוט אויג, איז אַ סימן, אַז דער קאָפּ טוט אים װײ. אָבער אַרויספֿירן דאָרט, װוּ ס'װאַקסן בײמער מיט גראָז — װאָס פֿאַר אַ קרענק איז דאָס?

האָט מען װידער געמאַכט אַ גרױסע אסיפֿה, געטראַכט דרײ טעג מיט דרײ נעכט, און מ'האָט אַלץ נישט געװוּסט, װאָס דעם רבֿ איז. ערשט אײנער, דער קלוגסטער מלמד פֿון כעלעם, האָט זיך אָנגערופֿן:

— רבותי, איך װײס װאָס דעם רבֿ איז! פֿעלדער, גראָז און פֿאַשע איז אַ סגולה צו אַ קעלבל אין בויך... איך געדענק, אַז בעת מײַן בהמה האָט זיך געדאַרפֿט קעלבן, האָט מען מיר אויך געזאָגט, אַז איך זאָל זי אַרויספֿירן אין אַ דאָרף, דאָרט, װוּ ס'זענען דאָ בײמער, פֿעלדער, גראָז און גוטע פֿאַשע. און דאָס איז אַ באַװײַז, אַז דער רבֿ איז קעלביק און דאַרף האָבן אַ קעלבל...

דערהערט אַזאַ מעשה, איז גאַנץ כעלעם אויפֿגערודערט געװאָרן פֿון דער גרױסער חכמה, װאָס דער קלוגער מלמד האָט צוגעטראַכט. האָט מען געמאַכט נאָך אַמאָל אַן אסיפֿה, געטראַכט זיבן טעג מיט זיבן נעכט, און ס'איז געבליבן, אַז פֿון הײַנט אָן זאָל מען אַלע קינדער פֿון שטאָט שיקן לערנען נאָר צום קלוגן מלמד, כּדי אַלע כעלעמער קינדער זאָלן אויסװאַקסן אַזעלכע חכמים װי ער, און דעם רבֿ זאָל מען אַרויסשיקן אין נאָענטן דאָרף, װוּ ס'זיצט אַ ײדישער מוכס (אַרענדאַר) און ס'זענען דאָרט דאָ בײמער, מיט פֿעלדער, מיט גראָז. דאָרט װעט דער רבֿ זיצן אַזױ לאַנג, ביז ער װעט האָבן דאָס קעלבל.

האָט מען געדונגען אַ פֿור, אַרויפֿגעזעצט דעם רבֿ, אָװעקגעזעצט בײַ זײַן רעכטער האַנט דעם שמש, ער זאָל אויף אים אַכטונג געבן, ביז ס'װעט קומען די ריכטיקע שעה... און אָװעקגעשיקט זײ אין דאָרף אַרײַן צום ײדישן מוכס.

געקומען אין דאָרף איז דער מוכס געלאָפֿן אַנטקעגן, אויפֿגענומען דעם רבֿ מיטן גרעסטן כּבֿוד און פֿון נעמען געלט — גאָרנישט געװאָלט הערן. ס'איז פֿאַר אים געװען דער גרױסער כּבֿוד, װאָס כעלעם האָט אים אָנגעטאָן און אַרויסגעשיקט דעם רבֿ אויף אָפּקעלבן זיך נאָר צו אים און נישט צו אַן אַנדערן ײד אין אַן אַנדער דאָרף.

אַזױ איז זיך דער רבֿ אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג אין דאָרף אויף די פֿעלדער, צװישן בײמער, גראָז און גוטער פֿאַשע. קײן עסן בײַם מוכס האָט אים נישט געפֿעלט — איז ער געװאָרן קײלעכדיקער און פֿעטער פֿון טאָג צו טאָג, און דער שמש האָט אים אָפּגעהיט, געקליבן נחת פֿון דעם, װאָס

דער רב איז אזוי קיילעכדיק געוואָרן און אויסגעקוקט מיט אומגעדולד די מינוט, אז דער רב זאָל זיך אָפּקעלבן און ער זאָל שוין לויפן קיין בע־לעם אָנזאָגן די גוטע בשורה...

אין איין שיינעם פרימאָרגן, דער שמש כאַפּט זיך אויף פון שלאָף — ער גיט א קוק: א קעלבל, א רויט קעלבל, געראָטן אין רב, ליגט זיך אויף דער ערד, קוקט ארויף גלייך צום שלאָפנדיקן רב אין בעט אריין און מע־קעט אזוי בענקענדיק: מע... מע... מע...

האָט דער שמש פארשטאנען, אז דאָס האָט זיך דער רב געקעלבט. האָט ער געכאַפּט אויף זיך דעם ארבע־כנפות מיט די שיך און זאָקן און איז ארייגעלאָפן קיין בעלעם מיט א שמחה:

— מזל־טוב! — האָט ער גענומען שרייען אין די גאסן — יידן, דער רב האָט זיך געקעלבט!

איז אין בעלעם געוואָרן שמחה וששון. א קלייניקייט עפּעס, דערלעבט פון רב אליין א קעלבל! אלע האָבן זיך אָנגעטאָן יום־טובדיקע קליידער, אייגער דעם צווייטן האָט אָפּגעגעבן מזל־טוב, מ׳האָט געהאלטן אין איין טרינקען בראָנפן און זיך משמח זיין, געמאכט מי־שברך דעם רב מיטן יונגן קעלבעלע, דעם רך הנולד, און ס׳איז געווען ליהודים־דיק.

אז די שטאָט האָט זיך שוין גוט אָנגעפרייט, האָבן זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק די שענסטע באלעבאטים פון שטאָט און זיך אוועקגעלאָזט אין האָרף אריין, כדי פון דאָרט אהיים צו ברענגען דעם רב מיטן קעלבל בתו־פים ובמחולות.

געקומען אין דאָרף אריין, זעען זיי דעם רבס פנים גלאנצט פון נחת, און דאָס קעלבל שפרינגט ארום אין שטוב און מעקעט אזוי פריילעך.

זענען די בעלעמער געווען אויפן זיבעטן הימל און צו זייער פרייד האָט קיין עק נישט גענומען.

פארנאכט האָבן די באלעבאטים ארויפגעזעצט דעם רב אויף א וואָגן, צופוסנס דעם רב דאָס קעלבל און געהייסן דעם פורמאַן פאָרן. איז פלוצלונג צוגעלאָפן דער מוכסן און גענומען געוואלדעווען:

— וואָס געמט איר עפּעס צו מיין קעלבל?

האָבן די בעלעמער זיך צעלאכט:

— וואָס בעלעבעקעט ער עפּעס נארישקייטן?

דער מוכסן האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט:

— מיין קעלבל גיט מיר אָפּ! — האָט ער געגוואלדעוועט.

— וואָס פאַר אַ קעלבל? — האָבן אים אַלע אָנגעקוקט.

— דאָס קעלבל, וואָס ליגט אין וואָגן.

— גראָבער דאָרפֿס־יונג איינער, — וואָס דו ביסט! — האָבן אַלע פֿון אים געלאַכט — דאָס האָט דאָך אונדזער רב זיך געקעלבט...

— וואָס פֿאַר א רב? — האָט דער מוכסן געליאַרעמט — דאָס האָט דאָך מיין רויטע בהמה זיך געקעלבט און דאָס קעלבל איז מיינס.

— אוועק, דו גראָבער יונג! — האָבן די בעלעמער זיך צעשריגן — דאָס קעלבל, וואָס אונדזער רב האָט געהאַט, ווילסטו צונעמען? — און גענומען שמייסן די פֿערד.

האָט דער מוכסן געמאַכט גאָר א גרויס געוואַלד, איז אַרויסגעלאָפֿן זיין ווייב, די מוכסנטע מיט די טעכטער, צוגעהאַלטן די פֿערד ביי די קעפּ און נישט געלאָזט פֿאָרן: מ'זאָל זיי אוועקגעבן זייער קעלבל. ס'איז געוואָרן א רייסעניש און א געשלעגעריי, ביז דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן.

אַז די בעלעמער באַלעבאַטים האָבן דערזען, אַז ס'איז שלעכט, דער מוכסן וויל נישט אָפּטרעטן, שרייענדיק, אַז דאָס קעלבל איז דווקא זיינס, און זיין רויטע בהמה האָט דאָס גאָר געהאַט — האָבן די בעלעמער געמאַכט אויפֿן וואָגן אַן אסיפֿה, געטראַכט און געפֿונען אַן עצה:

— אַזוי ווי די טבע פֿון א קעלבל איז דאָך תּמיד נאָכצולויפֿן נאָך דער מוטער, זאָל מען אוועקשטעלן פֿון איין זייט דעם רב און פֿון דער צווייטער זייט די בהמה און אַראָפּלאָזן דאָס קעלבל פֿון וואָגן. וועט עס צולויפֿן צו דער בהמה, איז א סימן, אַז די בהמה האָט עס געהאַט; וועט עס צולויפֿן צום רב — איז דאָס דעם רבס און ס'געהערט צו בעלעם און צו גאַנץ בעלעמער קהל.

— מסכּים! — האָט דער מוכסן אויסגעשריגן.

האָט מען גענומען, אַראָפּגעטראָגן דעם רב צוריק פֿון וואָגן און אים אוועקגעשטעלט רעכטס פֿון איין זייט, און דער מוכסן האָט אַרויסגעפֿירט די בהמה פֿון שמאָל און זי אוועקגעשטעלט לינקס פֿון דער צווייטער זייט. אַלע האָבן גענומען מיט ציטערדיקע הענט אַראָפּטראָגן דאָס קעלבל פֿון וואָגן און עס אוועקגעשטעלט אינדערמיט פֿון הויף און עס א פּיצקע געטאָן מיט א רוט, ס'זאָל לויפֿן.

האָט עס פֿאַרהויבן דעם עק, געגעבן א פּאָר שפּרונג איבערן הויף, געמאַכט א קאָזשעליק און צוגעלאָפֿן גלייך צום רב...

איצט האָבן אַלע שוין דערזען ממש, אַז דאָס קעלבל האָט געהאַט נישט קיין אַנדערער ווי דער רב. אַפֿילו דער מוכסן מיט דער מוכסנטע

זענען אויך אין דעם זיכער געווען, און אלע האָבן זיך ארויסגעזעצט אויף וואָגן: דער רבֿ, מיטן קעלבל, מיט די בעלעמער באַלעבאַטים, מיטן מוכסן, מיט דער מוכסנטע און זיך געלאָזט קיין בעלעם.

גאַנץ בעלעם איז זיי ארויס אַנטקעגן מיט קלעזמער, מיט געזאַנג און מיט טענץ. מ'האָט זיי אריינגענומען אין שטאָט מיט גרויס פּאַראַד, מ'האָט געהוליעט, געטרונקען, זיך געפרייט זיבן טעג מיט זיבן נעכט און נישט אויפגעהערט צו לויבן די חכמה פון בעלעם און די גרויסקייט פון רבֿ, וואָס האָט מזכה געווען אויף דער עלטער די שטאָט מיט א רויט קעלבל.

## וועמען האָט דער כעלעמער רב געזאָגט
## דעם „גוט שבת?"

דריי כעלעמער ייִדן זענען געשטאַנען שבת נאָכן עסן אינמיטן מאַרק און זיך געוואַרעמט אַנטקעגן דער זון. איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דער רב און געזאָגט צו זיי: „גוט שבת".

איז צווישן די דריי ייִדן געוואָרן אַ גאַנצע מחלוקה. יעדער איינער האָט געזאָגט, אַז דעם „גוט שבת" האָט דער רב געזאָגט נאָר אים און נישט די אַנדערע. האָבן זיי אַזוי לאַנג זיך געקריגט וועגן דעם, ביז ס'איז געבליבן, זיי זאָלן גיין צום רב און אים אַליין פֿרעגן: וועמען פֿון זיי דריי האָט ער געזאָגט דעם „גוט שבת"?

געקומען צום רב, האָט דער רב זיי געענטפֿערט, אַז דער „גוט שבת" געהערט צו דעם, וואָס איז צווישן זיי אַלע דער גרעסטער נאַר.

זענען זיי אַרויס פֿון רב און זיך גענומען ווידער קריגן, ווײַל יעדער פֿון זיי האָט געזאָגט, אַז ער איז דער גרעסטער נאַר און נאָר אים האָט דער רב געזאָגט דעם „גוט שבת".

האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג געקריגט צווישן זיך, ביז ס'איז בײַ זיי געבליבן — זיי זאָלן גיין נאָכאַמאָל צום רב, ער זאָל זיי זאָגן, ווער פֿון זיי איז דער גרעסטער נאַר.

געקומען צום רב, האָט ער געהייסן, אַז יעדער פֿון זיי זאָל אים דערציילן וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייט ער האָט אָפּגעטאָן אין לעבן, וועט ער זיי דערנאָך זאָגן, ווער פֿון זיי איז דער גרעסטער נאַר.

האָט דער ערשטער גענומען דערציילן:

— אַז איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך גענומען אַ גרויסן נדן מיט אַ שטרײַמל אַ מתנה פֿון שווער. און אַ תנאַי האָט דער שווער מיט מיר אויסגענומען, אַז איך זאָל דאָס שטרײַמל נישט אָנרירן מיט די הענט. און אויב איך וועל נישט האַלטן דעם תנאַי, וועל איך נישט קריגן דעם נדן. פֿלעגט מיר מײַן ווײַב אָנטאָן דאָס שטרײַמל און אויסטאָן און איך האָב עס מיט די הענט נישט אָנגערירט.

אײנמאָל שבת, אין סאַמע מיטן װינטער, ס'האָט געברענט אַ פראָסט מיט אַ װינט. גײ איך מיר אַזױ מיטן שטרײמל אין שול אַרײַן, און עס רײַסט מיר אַראָפּ דאָס שטרײמל פון קאָפּ.

װאָס טוט מען, אַז מיט די הענט עס אָנרירן טאָר איך נישט?

האָב איך זיך אָװעקגעלײגט און גענומען מיטן קאָפּ נאָרען און קאָפּען אין שנײ, ביז איך האָב אונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטערן שטרײמל און אַזױ אַרום עס צוריק אָנגעטאָן. נו, װאָס זאָגט איר, רבי, אױף דעם?

— דו ביסט טאַקע אַ גרױסער נאַר — האָט דער רבי געזאָגט — נאָר מ'דאַרף הערן, װאָס דער צװײטער דערצײלט. אפשר איז ער נאָך מער נאַר פון דיר?

האָט דער צװײטער גענומען דערצײלן זײַן נאַרישקײט:

— אַז איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך גענומען אַ גרױסן נדן. באַלד נאָך דער חתונה האָב איך געקױפט אַ פערד־און־װעגעלע, גענומען דאָס געלט, זיך אָװעקגעלאָזט קײן לובמיר אױפן גרױסן יאַריד און געקױפט דאָרט אַ גאַנצע פּאַרטיע דעקן, טעפּיכער און דיװאַנען. כ'װיל די סחורה אַרױפּאַקעװען אױפן װעגעלע — ס'גײט נישט. צופיל סחורה פאַר אַזאַ װעגעלע. װאָס זשע טוט מען?

בין איך געפאַלן אױף אַ געדאַנק. כ'האָב געגעבן מײַן פערדל אַ פּאָר גוטע בײַטשן און אים געהײסן אָפּפירן אַלײן די סחורה אַהײם קײן כעלעם, און די איבערגעבליבענע טעפּיכער מיט די דיװאַנען האָב איך אַרױפגעלײגט אױף אַ צװײטער פור, װאָס איך האָב געדונגען, און געפאָרן מיט איר קײן כעלעם.

איך קום קײן כעלעם, מײן איך דאָך, אַז מײַן פערד־און־װעגעלע מיט דער סחורה איז שױן אױך אינדערהײם — הײבט זיך גאָרנישט אָן: מ'זעט נישט, נישט דאָס פערד, נישט דאָס װעגעלע און נישט די סחורה. גנבים האָבן דאָס אַלץ צוגעגנבעט און אַזױ אַרום האָב איך געפּטרט דעם גאַנצן נדן. װאָס זאָגט איר, רבי, בין איך נישט דער גרעסטער נאַר?

— דו ביסט גאָר אַ גרױסער נאַר — האָט אים דער רב געטרייסט

— איך מוז אָבער אױסהערן אױך דעם דריטן, אפשר איז ער נאָך מער נאַר פון אײַך בײדע?

האָט דער דריטער גענומען דערצײלן זײַן מעשה:

— אַז איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך אױך גענומען אַ גרױסן נדן און באַלד געעפנט אַ שענק, פאַרקױפט די פױערים בראָנפן און געמאַכט אַ לעבן.

די שטוב פון שענק האָט געהאַט אין גאַס אַרויס אַ טיר, וואָס מיר פֿלעגן אַלע נאַכט פֿאַרן שלאָפן גוט פֿאַרשליסן.

איינמאָל, אַז איך מיט מיין געגעגנדל זענען שוין געלעגן אין די בעטן וואָרעם איינגעדעקט, האָב איך זיך דערמאַנט, אַז די טיר איז נישט פֿאַרשלאָסן. זאָג איך צו מיין ווייב, אַז זי זאָל גיין צושליסן די טיר. זאָגט זי, אַז ס'איז איר קאַלט און איך זאָל גיין צושליסן די טיר. זאָג איך איר, אַז איך האָב נעכטן צוגעשלאָסן די טיר און היינט דאַרף זי גיין צושליסן די טיר. האָט זי גענומען שרייען, אַז זי האָט נעכטן צוגעשלאָסן די טיר און היינט דאַרף איך זי צושליסן. האָב איך גענומען שרייען צו איר: ליגנערין! האָט זי צוריק צו מיר גענומען שרייען: שלימזל! טויגעניכטס! לעמעשקע! אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מיר האָבן זיך ביידע גוט צעקריגט, און ס'איז געבליבן ביי אונדז, אַז מיר זאָלן ביידע בלייבן שווייגן און ווער פֿון אונדז ביידע ס'וועט אַרויסלאָזן אַ פּיפּס — דער דאַרף גיין צושליסן די טיר.

ליגן מיר זיך אַזוי ביידע אין די בעטן און מיר שווייגן.

פּלוצלונג עפֿנט אַ סאָלדאַט די טיר און שרייט אויס:

— דאַוואַי וואָדקי!

מיר שווייגן.

— דאַוואַי וואָדקי!

מיר גיבן אַ פּיפּס נישט.

האָט דער סאָלדאַט געזען, אַז מ'ענטפֿערט אים נישט, איז ער צוגעגאַנגען צום פּעסל, אָנגעצאַפּט אַ גלאָז בראָנפֿן און אויסגעטרונקען.

מיר שווייגן.

האָט ער אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז בראָנפֿן און מיר שווייגן.

האָט ער זיך שטאַרק אָנגעשיכורט, גענומען טאַנצן, שפּרינגען און קלאַפּן מיט די פֿיסן אין טיש אַריין — און מיר שווייגן.

איז זיך מיישב דער סאָלדאַט, גייט צו צו מיין בעט און נעמט מיך קיצלען אין דער באָרד.

איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל נישט אויסהאַלטן, נאָר איך שווייג.

נעמט ער אַראָפּ די יאַרמולקע פֿון מיין קאָפּ, פֿילט זי אָן מיט שטינקענדיקן וואַסער פֿון קובל און רוקט זי מיר אָן איבערן קאָפּ.

מער האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָב אויסגעשריגן מיט אַ פֿאַרשטיקט קול:

— געוואלד! ס'א געסרחה, מ'קאָן דאָך קריגן די כאָליערע!

— אַהאַ! דו האָסט דער ערשטער ארויסגערעדט א וואָרט — האָט זיך מיין גענענדל אויפגעריסן פון בעט — טאָ גיי זשע דו, שלימזל, פארשליסן די טיר! נו, וואָס זאָגט דער רב דערצו?

— דו ביסט דער גרעסטער נאר! — האָט דער רב צו אים אויסגעשריגן — אַז דו האָסט זיך אזוי לאנג איינגעהאלטן און נישט אויסגערעדט א וואָרט, האלט מען שוין אוים נאָך א ביסל און א ווייב טאָר מע: נישט נאָכגעבן...

א גליקלעכער איז דער דריטער ארויסגעגאנגען פון רבס שטוב, וואָס נאָר אים האָט דער רב געזאָגט דעם „גוט שבת“.

# ווי אזוי פון דעם כעלעמער חזן איז געוואָרן אַ בהמה

דער כעלעמער חזן האָט געזען אין אן אלטן קבלה־ספר, אז הושענא־רבה נאָך האַלבער נאכט, ווען די לבנה גייט ארויס אינמיטן הימל, קאָן יעדער מענטש וויסן זיין גורל, וואָס מיט אים וועט געשען אין דעם יאָר. מ׳דארף נאָר א קוק טאָן אויפן אייגענעם שאָטן: איז דער שאָטן א גאנציער, איז א סימן, אז מ׳וועט האָבן א גוט יאָר. איז, חלילה, דער שאָטן אָן א קאָפּ, איז א סימן, אז מ׳וועט דאָס יאָר שטארבן. אָן א האנט — איז א סימן, אז מ׳וועט קראנק זיין. אלץ איז אָפּהענגיק פון אייגענעם שאָטן איקעגן דער לבנה...

האָט זיך דאָס דער חזן גוט אריינגענומען אין זינען און האָט געוואַרט אויף הושענא־רבה ביינאכט, ער זאָל זיך דערוויסן, וואָס מיט אים וועט דאָס יאָר פּאסירן.

אז ס׳איז געקומען די נאכט פון הושענא־רבה, איז דער חזן אוועק אין דער גרויסער שול זאָגן תהילים מיט גרויס כוונה. אז מ׳האָט געענדיקט דעם תהילים, איז שוין געווען א שעה נאָך האלבער נאכט, פּונקט ווען די לבנה איז ארויס אויפן מיטן הימל. אלע זענען זיך צעגאנגען אהיים, נאָר דער חזן איז געבליבן דער לעצטער. ער האָט געוואָלט, אז בעת ער וועט זיך צוקוקן צו זיין שאָטן, זאָל ער זיין אײנער אליין, כדי ער זאָל זיין זיכער, אז דער שאָטן איז בלויז זיינער.

אז ער איז ארויס אויף דער גאס און דערזען די הושענא־רבהדיקע לבנה אויפן הימל, האָט דאָס הארץ אים גענומען שטארק שרעקן און ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. כאַפּן א קוק אויפן שאָטן האָט ער מורא געהאט, טאָמער דערזעט ער זיך אָן א קאָפּ, נישט קוקן — וועט ער דאָך נישט וויסן, וואָס מיט אים וועט דאָס יאָר געשען. ער האָט אָבער פאַרט זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און מיט האלב־פארמאכטע אויגן געגעבן א קוק און דערזען א קאָפּ פון א בהמה (וועלכע איז צופעליק געשטאנען אין דער זייט און מעלה־גרה געווען).

הענט און פיס האָבן אים גענומען ציטערן, מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך צוגעשלעפּט אהיים, אריינגעפאַלן א פאַרחלשטער אין שטוב און זיך א וואָרף געטאָן מיט א כליפּעריי אין בעט אריין.

— וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט די חזנטע גענומען פרעגן א דערשראָקענע.

— געוואַלד, איך בין א בהמה! — האָט ער זיך נאָך מער צעכליפּעט — כ'האָב אליין געזען מיין שאָטן אָקעגן דער לבנה. ס'איז דאָך היינט הושענא־רבה, און אין די קבלה־ספרים שטייט דאָך בפּירוש...

אז די חזנטע האָט דערהערט אזעלכע ווערטער, האָט זי אויך אָנגעהויבן ברעכן די הענט און אים באַטראַכטן פון אַלע זייטן.

— וו איז דער שפּיגל? דעם שפּיגל גיט מיר אהער! — האָט דער חזן זיך צעגוואַלדעוועט — לאָמיך זיך אָנקוקן...

אז ער האָט דערזען אין שפּיגל, אז ער איז נישט קיין בהמה, האָט ער האָך זיך נישט באַרואיקט. דערווייל — האָט ער געטענהט — בין איך נאָך נישט קיין בהמה. איך וועל אָבער געוויס ווערן א בהמה, כ'האָב אליין געזען דעם שאָטן.

א גאַנצע נאַכט האָט דער חזן מיט דער חזנטע געהאַלטן אין איין וויינען אויף זייער בימער אומגליק, און אויף מאָרגן האָט ער באַשלאָסן שוין נישט גיין אין שול אריין.

— אויב ס'איז מיר באַשערט צו זיין א בהמה, זאָל איך זיין א בהמה אינדערהיים — האָט ער זיך געטראַכט — ווייל טאָמער ווערט ער, חלילה, א בהמה אין שול ביים עמוד, העמלט איז גאָר שלעכט: די באַלעבאַטים וועלן פון אים לאַכן און די קצבים וועלן אים קוילענען אויף פלייש און אויפעסן...

אויף מאָרגן אינדערפרי, דער עולם איז געקומען צו הושענות אין שול אריין — נישטאָ דער חזן.

האָט מען אוועקגעשיקט דעם שמש אים רופן. איז דער שמש צוריקגעקומען און געזאָגט, אז ער וויל נישט גיין, ער האָט מורא.

האָט מען דעם שמש נאָך אמאָל געשיקט, אז מ'האַלט שוין ביי „המלך" און טאָמער קומט ער נישט, וועט מען אים אָפּזאָגן פון חזנות.

דערהערט, אז מען וועט אים אָפּזאָגן פון חזנות, איז אים ווידער שלעכט געוואָרן. ביז וואָס־ווען קאָן ער נאָך בלייבן אָן פּרנסה אויך... איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה און געזאָגט צום ווייב:

— הער, מײַן װײַב! איך גײ אין שול אַרײַן, נאָר דו זאָלסט מיטגײן מיט מיר. נעם מיט אַ שטריקל, און גײ אַרויף אויף דער װײַבערישער שול און נעם פֿון מיר קײן אויג נישט אַראָפּ, אַז דו װעסט זען, אַז איך הײב אָן װערן אַ בהמה, זאָלסטו באַלד אַראָפּ אונטן אין שול, פֿאַרװאַרפֿן אויף מיר דאָס שטריקל און אַװעקפֿירן אַהײם.

אַז דער חזן איז געקומען אין שול אַרײַן האָבן אַלע אויפֿגערעגטע באַלעבאַטים אים באַגעגנט מיט זידלערײַ, פֿאַרװאָס ער האָט פֿאַרשפּעטיקט. איז ער צוגעגאַנגען צום עמוד אַ דערשראָקענער און אַ האַלב-צעמישטער. ס'האָט זיך אים אויסגעװיזן, אַז אַלע קוקן אויף אים משונהדיק. די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן שװינדלען, אין האַלדז האָט זיך אים דאָס קול פֿאַרהאַקט און, װען ער האָט געדאַרפֿט אויסשרײַען „המלך“, האָט ער בלויז געגעבן אַ געשרײ: האַמע... און עפּעס אַזױ װילד, אַז די גאַנצע שול האָט זיך צעלאַכט...

דערהערט, אַז דער עולם לאַכט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אַ ריטשע געטאָן װי אַ בהמה... איז ער נאָך שטאַרקער צעמישט און צעטומלט געװאָרן. די קונדסים װידער, הערנדיק װי דער חזן האָט אַ געשרײ געטאָן: „האַמע“... װי אַ בהמה, האָבן זײ אים אַרומגערינגלט און גענומען ריטשען: מע... מע... מע... ס'איז געװאָרן אַ האַרמידער, דער עולם האָט גענומען פּאַטשן אין די שטענדערס און שרײַען:

— נו, נו, פֿאַרװאָס דאַװנט דער חזן נישט?

און דער חזן איז געשטאַנען אַ געלײמטער, בלײך װי די װאַנט און געמאַכט מיטן מויל משונהדיקע העװיות, פֿאַרדריסן דעם קאָפּ צו דער װײַבערישער שול און געשריגן װילד:

— ראַטעװע, יענטע! גיכער דאָס שטריקל!... נעם מיך צו פֿונדאַנען!

באַלד איז אַראָפּ די חזנטע פֿון דער װײַבערישער שול, האָט אים פֿאַרװאָרפֿן דאָס שטריקל אויפֿן האַלדז און גענומען אים שלעפּן אַהײם מיט אַ יללה:

— װײ איז צו מיר, װיסט איז אונדזער מזל, דער חזן איז דאָך געװאָרן אַ בהמה!

דער חזן האָט זיך געלאָזט שלעפּן דער חזנטע פֿאַרן שטריקל און געהאַלטן אין אײן ריטשען: האַמע... האַמע... און גאַנץ בעלעם איז אים נאָכגעלאָפֿן.

# די חברה „שומרים לבוקר"

אין בעלעם איז אמאָל אויסגעבראָכן א מגפה. קליינע קינדער זענען, נישט היינט געדאַכט, פון דער וועלט געגאַנגען און ס'איז געווען נישט פריילעך.

האָט מען געמאַכט אַן אסיפה, כדי זיך מתיעץ צו זיין און באַטראַכטן, וועלכע מיטלען די שטאָט זאָל אָננעמען אויף אָפּצושטעלן די מגפה.

האָט מען געטראַכט און געטראַכט און ס'איז געבליבן, אַז מ'זאָל גרינדן אַ חברה „שומרים לבוקר": יידן זאָלן אויפשטיין אלע נאַכט פאַרטאָג — מתפלל זיין און לערנען תורה און דאָס וועט איינהאַלטן די מגפה.

האָט מען אזוי געטאָן.

זענען אָבער בעלעמער יידן געווען גרויסע פעפערס און האָבן נישט געקאָנט אויפשטיין.

איז האָך געוואָרן ווידער שלעכט.

האָט מען ווידער געמאַכט אַן אסיפה און ס'איז געבליבן, אַז אַ חברה „שומרים לבוקר" מוז זיין, נאָר אזוי ווי די בעלעמער זענען שטאַרקע פעפערס און זיי קאָנען אליין פון שלאָף זיך נישט אויפרייסן, דאַרף מען דינגען אַ שמש, ער זאָל זיי אויפוועקן.

האָט מען אזוי געטאָן.

איז געקומען אויף מאָרגן דער שמש מיט אַ געוויין, אַז ס'איז אים ביינאַכט קאַלט און ער האָט מורא, ער זאָל זיך נישט פאַרקילן און שטאַרבן.

האָט מען געמאַכט נאָך אמאָל אַן אסיפה און ס'איז געבליבן, אַז אַ חברה „שומרים לבוקר" מוז זיין. און אזוי ווי דער עולם קאָן אליין נישט אויפשטיין, דאַרף מען דינגען אַ שמש, ער זאָל אים אויפוועקן. נאָר וואָס דען? דער שמש קלאָגט זיך, אַז ס'איז אים ביינאַכט קאַלט און ער וועט זיך פאַרקילן און קאָן, חלילה, אינגאַנצן אָוועקשטאַרבן? דאַרף מען אים אָנטאָן אַ פעלץ, וועט אים שוין זיין וואַרעם און ער וועט זיך נישט פאַרקילן און שווין, חלילה, נישט שטאַרבן.

און אזוי האָט מען געטאָן.

איז געקומען דער גבאי פון שטאָט און האָט מעכב געווען די קריאה מיט א געוואלדיקער טענה:

— אזוי ווי ער אליין טראָגט אין שטאָט א פעלץ, וועט מען דאָך אַצינד נישט דערקענען, ווער ס'איז דער גבאי און ווער ס'איז דער שמש?!...

האָט מען ווידער געמאכט אן אסיפה און ס'איז געבליבן, אז א חברה „שומרים לבוקר" מוז זיין; אז דער עולם פארשלאָפט און קאָן נישט אויפ־שטיין, דארף מען דינגען א שמש, ער זאָל אויפוועקן; ווײַנט אָבער דער שמש, אז ס'איז אים ביינאַכט קאַלט און ער קאָן זיך פאַרקילן און, חלילה, שטאַרבן — דאַרף מען אים קויפן אַ פעלץ, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרקילן און זאָל נישט, חלילה, שטאַרבן; נאָר וואָס דען? דער גבאי איז מעכב די קריאה און טענהט, אז ער טראָגט אויך א פעלץ און מ'וועט נישט וויסן, ווער ס'איז דער גבאי און ווער ס'איז דער שמש? דארף מען דעם שמש איבערקערן דעם פעלץ אויף דער צווייטער זייט מיט די האָר ארויף, וועט מען שוין דערקענען ווער ס'איז דער גבאי און ווער ס'איז דער שמש.

האָט מען טאקע אזוי געטאָן.

איז אָבער געקומען אויף מאָרגן דער שמש מיט א פרישן געוואלד, אז אזוי ווי ער האָט געטראָגן דעם איבערגעדרייטן פעלץ מיט די האָר אַרויף, זענען אים באַפאַלן הינט, מיינענדיק, אַז ער איז אַ וואָלף און אים צעריסן און צעביסן.

איז דאָך גאָר שלעכט געוואָרן.

האָט מען געמאכט נאָך אמאָל אן אסיפה און ס'איז געבליבן, אז א חברה „שומרים לבוקר" מוז זיין; קאָן דאָך דער עולם אליין נישט אויפ־שטיין, דארף מען דינגען א שמש, ער זאָל אים אויפוועקן; ווײַנט דאָך דער שמש, אַז ס'איז אים ביינאַכט קאַלט און ער האָט מורא, אַז ער זאָל זיך פאַר־קילן, און חלילה, שטאַרבן — דארף מען אים אָנטאָן א פעלץ; וועט מען דאָך נישט דערקענען, ווער ס'איז דער גבאי און ווער ס'איז דער שמש; דארף מען איבערדרייען דעם שמשס פעלץ אויף דער צווייטער זייט, וועט מען שוין דערקענען, ווער ס'איז דער גבאי און ווער ס'איז דער שמש; מיינען דאָך אָבער ביינאכט די הינט, אז ער איז א וואָלף און ווילן אים צע־רייסן און צעבייסן, דארף מען קויפן א פערד און ארויפזעצן אויף אים דעם שמש, וועלן שוין די הינט נישט מיינען, אז ער איז א וואָלף און וועלן אים שוין נישט צעבייסן.

האָט מען אזוי געטאָן.

איז אויפגעקומען ווידער א שאלה, ווו שטעלט מען אריין דאָס פערד?

האָט מען געמאכט א גאָר פרישע אסיפה און ס'איז געבליבן, אז מ'זאָל דאָס פערד אריינשטעלן אין דער ווייבערשער שול.

האָט מען אזוי געטאָן.

אויף מאָרגן זענען געקומען די ווייבער אין שול אריין, האָבן זיי זיך דערשראָקן און גענומען געוואלדעווען, און זיי האָבן מורא מיטן פערד צו דאַווענען, עס זאָל זיך אינמיטן נישט צעבריקעווען.

האָט מען געמאכט אן אסיפה און ס'איז געבליבן, אז אזוי ווי די ווייבער האָבן מורא מיטן פערד צו דאַווענען, עס זאָל זיך נישט צעבריקעווען — זאָל מען אריינשטעלן דאָס פערד אין דער מענער־שול אריין.

האָט מען אזוי געטאָן.

אויף מאָרגן, אז מ'איז געקומען אין שול אריין, האָט יעדער אָפּגעשפּאַרט דאָס פערד פון זיין שטאָט און דאָס פערד האָט ווידער נישט געהאַט ווו צו שטיין.

האָט מען געמאכט א שפּאָגל־נייע אסיפה און ס'איז געבליבן, אז אזוי ווי קיינער לאָזט דאָס פערד נישט שטיין אין שול לעבן זיין שטאָט, דאַרף מען עס אוועקשטעלן פאַרן עמוד...

איז דאָך ווידער שלעכט געוואָרן: סטייטש, ווו וועט שטיין דער חזן?

האָט מען געמאכט נאָך אמאָל אן אסיפה און ס'איז געבליבן, אז דעם חזן זאָל מען אַרויפזעצן אויפן פערד...

איז אָבער ערשט שלעכט געוואָרן: וויבאלד אויפן פערד וועט זיצן דער חזן, ווי אזוי־זשע וועט ער קאָנען אויסגיין אין שמונה־עשרה ביי „עושה שלום“?

האָט מען ערשט געמאכט די גרויסע אסיפה און ס'איז געבליבן, אז בעת מ'וועט האלטן ביי „עושה שלום“, זאָל דער גבאי א שלעפּ טאָן דאָס פערד ביים עק, וועט ער אויסגיין...

אזוי האָט מען טאַקע געטאָן.

און עד־היום טאַקע, אז מ'זעט אין בעלעם א גבאי שלעפּן א פערד פאַרן עק, ווייסט מען, אז מ'האַלט שוין ביי „עושה שלום“...

# דער מלמד מיטן באָק

ביי א בעלעמער מלמד איז אמאָל נישט געזונט געוואָרן דאָס ווייב, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין א קליין שטעטל קויפן א ציג. פירנדיק די ציג פאר א שטריקל צוריק קיין בעלעם, איז ער פארבייגעגאנגען א קרעטשמע. טראכט ער זיך, אז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער פירט אן אייגענע ציג, הארף מען דאָך נעמען א ביסל בראָנפן.

האָט ער אריינגעפירט די ציג אין שטאל און איז אריין אין קרעטשמע נעמען א ביסל בראָנפן.

דער קרעטשמער האָט דערקענט, אז ס'איז א בעלעמער. האָט ער געטראכט: מ'דארף אים אָפּטאָן א שפּיצל. איז ער אריין אין שטאָל, צוגענומען די ציג און אוועקגעשטעלט אויף איר אָרט א באָק.

דער מלמד האָט גענומען א גלעזל בראָנפן מיט פארבייסן, דערנאָך איז ער אריין אין שטאל, גענומען דעם באָק פארן שטריקל און אוועק.

געקומען אהיים, איז געוואָרן ביי אים אין שטוב א גרויסע גדולה: א קלייניקייט עפּעס — אן אייגענע ציג! דאָס ווייב נעמט מעלקן די ציג — א קלאָג, א בראָך, ס'מעלקט זיך נישט!

— שלימזל מיינער, מ'האָט דאָך דיך אָפּגענארט! — האָט זי זיך אויף אים צעשריגן — מ'האָט דאָך דיר אריינגערוקט א באָק אנשטאָט א ציג...

דערזען אזא זאך, האָט ער אויף מאָרגן גאנץ פרי געכאפּט דעם באָק און הייראָ צוריק אין קליינעם שטעטל אָפּנעמען דאָס געלט.

דורכגייענדיק די זעלבע קרעטשמע, האָט ער זיך געטראכט: אז אויפן האַרץ איז נישט גוט, דארף מען דאָך ערשט נעמען א ביסל בראָנפן אויף צו שטארקן זיך... האָט ער אריינגעפירט דעם באָק אין שטאל אריין און אליין איז ער אריינגעגאנגען אין קרעטשמע נעמען א ביסל בראָנפן און דערציילט דעם קרעטשמער דאָס גאנצע אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן: אז מ'האָט אים פארקויפט א ציג און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט,

אז ס'איז גאָר א באָק, און אז ער פירט דעם באָק אָפּ צוריק אין שטעטל אריין.

איז געגאַנגען דער קרעטשמער און האָט צוגענומען דעם באָק און צוריק אוועקגעשטעלט די ציג...

דער מלמד האָט אויסגעטרונקען א ביסל בראָנפן, גענומען די ציג און אוועק מיט איר אין שטעטל און געמאַכט א געוואַלד, אז דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן.

— וואָס איז געשען?

— ס'טייטש, ווי אזוי זאָל איך נישט שרייען, אז אנשטאָט א ציג האָט מען מיר אריינגעשטופּט א באָק! — האָט ער זיך געוואָרפן אויפן ייד, וואָס האָט אים די ציג פארקויפט — אָט האָט איר אים, דעם באָק!

— שוטה איינער, וואָס איר זענט! וואָס פאר א באָק, ווער מיר באָק!

— האָט מען גענומען פון אים לאַכן — ס'איז דאָך א ציג, נישט קיין באָק...

— וואָס ווילט איר מיר איינרעדן, אז ס'איז א ציג. ס'איז פּאָרט א באָק! — האָט ער נישט אויפגעהערט צו געוואַלדעווען.

הקיצור, דער ייד האָט געשריגן, אז ס'איז א ציג און דער בעלעמער־מלמד — אז ס'איז א באָק.

— א באָק!

— א ציג!

— א באָק!

— א ציג!

— ער וועט נישט אוועקגיין פונדאַנען, ביז מ'וועט אים נישט געבן א כתב פון רב אליין, אז ס'איז א ציג, אנדערש גלייבט ער נישט... — האָט דער ייד געגוואַלדעוועט.

זענען אלע דריי אוועק צום רב: דער ייד, וואָס האָט פארקויפט די ציג, דער בעלעמער מלמד און די ציג אליין...

דער רב פון שטעטל איז אויך געווען א קליינער ידען אין אַזעלכע זאַכן און האָט אויך נישט געוווסט אויף זיכער, צי ס'איז א ציג, צי ס'איז אַ באָק, האָט ער אַריינגערופן די רביצין. האָט זי באַטראַכט די ציג פון אלע זייטן און באַשטעטיקט, אז ס'איז א ציג, און דער רב האָט אים ארויסגעגעבן א כתב מיט זיין אייגענער חתימה, אז ס'איז א ציג און נישט קיין באָק...

האָט דער מלמד גענומען די ציג מיטן כתב פון רב און האָט זיך געלאָזט אהיים.

דורכגייענדיק ווידער די קרעטשמע, האָט ער זיך געטראכט: אזוי ווי גאָט האָט געהאָלפן, די ציג איז טאקע א ציג און נישט קיין באָק און א כתב אויף דעם פון רב איז אויך דאָ — דאַרף מען דאָך טאקע ערשט נעמען דאָס אמתע ביסל בראָנפן. האָט ער אריינגעפירט די ציג אין שטאַל אריין און אליין איז ער אריין אין קרעטשמע נעמען א ביסל בראָנפן.

איז געגאנגען דער קרעטשמער, צוגענומען די ציג און אויף איר אָרט ווידער אוועקגעשטעלט דעם באָק...

דער מלמד האָט אויסגעטרונקען א ביסל בראָנפן און זיך אוועקגע־לאָזט מיט זיין סחורה קיין כעלעם.

געקומען אהיים, איז ער אָנגעפאלן אויפן ווייב מיט זידלעריי און קללות: ס׳טייטש, ווי אזוי קען זיך נישט א יידישע טאָכטער אויף א ציג? ס׳איז געווען א ציג און ס׳איז א ציג און גאדיר און מעלק זי!

האָט די מלמדקע גענומען א קריגל און געפרואווט מעלקן. עס מעלקט זיך נישט...

— האָב דיר אַבציק שוואַרצע יאָר, משלחת מיינער! — איז זי אויף אים ארויפגעפאלן מיט קללות — ס׳איז דאָך ווידער א באָק!

— וואָס רעדסטו א באָק, אז איך האָב א כתב פון רב אליין, אז ס׳איז א ציג. מעלק, תוה, זאָג איך דיר, מעלק!

האָט זי גענומען שטארקער מעלקן, האָט דער באָק אָנגעהויבן ברי־קען מיט די פיס... האָט דער מלמד גענומען צוהאלטן דעם באָק פארן קאָפּ, האָט דער באָק אים געגעבן אזא שטויס מיט די הערנער, אז ער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעדרייט. האָט ער אים אָנגעכאפּט פארן עק, האָט דער באָק זיך צעשפּרונגען און צעגאלאָפּעט, גענומען לויפן און מיטשלעפּן מיט זיך דעם מלמד, קלאפנדיק אים מיט די הינטערשטע פיס גלייך אין פנים אריין...

אזוי איז דער באָק געלאָפן איבער די כעלעמער גאסן און דער מלמד האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט פארן עק און געשריגן:

— געוואלד, יידן, ראטעוועט!

איז גאנץ כעלעם אָנגעלאָפן און מ׳האָט נישט געוווסט ווי אזוי צו ראטעווען דעם מלמד, ביז ס׳איז פארבייגעגאנגען א וואַרשעווער ייד און א געשריי געטאָן:

— וואָס שרייסטו, בעלעמער? לאָז אָפּ דעם עק, וועט ער דיך נישט מיטשלעפּן.

האָט ער אָפּגעלאָזט דעם עק און דער באָק איז אליין אוועקגעשפּרונ־גען...

אז דער מלמד האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, געעפנט די אויגן, געקומען צו זיך, האָט ער נישט געהאט קיין ווערטער אָפּצודאנקען דעם פרעמדן פאר דער עצה, וואָס ער האָט אים געגעבן און אים מציל געווען פון א זיכערן טויט און ער האָט אויך נישט אויפגעהערט צו באוואונדערן די קלוגע מענטשן, וואָס געפינען זיך נאָך אויף גאָטס וועלט...

(„ספר הבדיחה“)

# דער מלמד און דער גענעראַל

א בעלעמער מלמד האָט זיך איין מאָל פאַרוואָלט א קוק טאָן אויף דער וועלט. ווי לאַנג וועט ער ליגן אין בעלעם? איז ער אַוועק אין א פרעמדער שטאָט. א מידער פון וועג איז ער דאָרט אַרײַן אין אן אכסניה זיך אָפּצורוען א ביסל און געבעטן א צימער איבערצושלאָפן. זאָגט מען אים, אז קיין ליידיק צימער איז נישטאָ. נאָר אין איין צימער איז נאָך דאָ א פרײַ געלעגער, אָבער אין יענעם צימער איז שוין פאַראַן איין גאַסט, שוין איינמאָל א גאַסט: א גענעראַל!

קראַצט זיך דער בעלעמער מלמד אין דער פאה און וויל שוין אַוועקגיין, וואָרום פאַר א גענעראַל האָט ער מורא. אָבער דעם באַלעבאָס פון דער אכסניה איז שווער געווען אַוועקצולאָזן א נײַעם אורח, אן עבֿרה א פאַרדינסטל. מאַכט ער צום בעלעמער:

— הערט נאָר, ר׳ ייד! דער גענעראַל שלאָפט שוין, ער כראָפּעט ווי א שיכורער פויער. וועל איך אײַך לייגן אויף א שעניק, אויף דער ערד, אין זעלביקן צימער, וואָרום איך הער דאָך, אז מאָרגן פרי דאַרפט איר לויפן צו דער באַן. איז גוט. מ׳וועט אײַך אויפוועקן, ווי נאָר דער האָן וועט קרייען; וועט איר שטילינקערהייט אַוועק און דער גענעראַל וועט אפילו נישט וויסן וועגן דעם.

דער מלמד איז מסכים געווען און באַגינען האָט אים דער באַלעבאָס געוועקט:

— שטייט אויף, איר דאַרפט דאָך כאַפן די באַן!

ס׳איז נאָך געווען גוט טונקל. דער בעלעמער מלמד האָט זיך שטילערהייט, אָבער שנעל אָנגעטאָן און אין אײַלעניש האָט ער אנשטאָט זײַן אייגן מלמדיש היטל אָנגעטאָן דעם גענעראַלס היטל, מיט די בענדלעך און מיט די קאָקאַרדעס. ער גייט אַרויס אויף דער גאַס, גייט אים פאַרבײַ עפּעס א סאָלדאַט, און דער סאָלדאַט שטעלט זיך אַוועק גלײַך ווי א שטעקן און גיט אים אָפּ דעם אמתן „טשעסט“.

ווערט דער כעלעמער מלמד נתפעל: פונוואנען ווייסט דער סאָלדאַט אז איך בין געשלאָפן מיט א גענעראַל אין איין צימער?

מילא, גאָרנישט, גייט ער ווייטער.

אין א פאָר מינוט ארום גייט פארביי, שוין נישט קיין סאָלדאַט, נאָר א פאָלגער אָפיציר. געמט דער אָפיציר און גיט אים ווידער אָפ כבוד, ווי מ'גיט אָפ א גענעראל.

ווערט דער כעלעמער מלמד נאָך מער גשתומם און ער טראכט זיך:

— זע נאָר, זע! פונוואנען ווייסן זיי, אז איך בין געשלאָפן נאָענט צום גענעראלס בעט?

וואונדער איבער וואונדער! נישט אומזיסט האָט מען אין כעלעם זיך אָנגערצייילט מכוח די נסים, וואָס פאַסירן אויף דער וועלט! די וועלט ווייסט אלץ!

מילא, גאָרנישט.

גייט זיך אזוי דער כעלעמער מלמד צו צום פענצטערל, וווּ מ'פאַרקויפט די בילעטן. ווערט דער בילעט־באַאמטער א פארציטערטער און ער זאָגט אויף רוסיש מיט אזא מאָדנע קול:

— וואשע פרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! וואָס קאָנען מיר טאָן פאר אייך?

טראכט דער מלמד:

— וואָס איז דאָ אזוינס? צי איך בין משוגע, צי די אלע גויים זענען משוגע!

מילא, גאָרנישט... זאָגט אים דער כעלעמער מלמד וואָס ער וויל, און דער בילעט־באַאמטער גיט אים א בילעט ערשטע קלאַס, ער איז דאָך א גענעראל.

אז די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט איז דער כעלעמער מלמד נאָך מער פארזונקען אין רעיונות:

אויך דאָ, אין שיין־אויסמעבלירטן וואגאָן גיט מען אים אָפ כבוד! ס'געהערט א ביסל?

מילא, גאָרנישט. פאָרט ער ווייטער.

נאָר דער כעלעמער מלמד איז דאָך א ייד ווי אלע יידן, האָט ער געדארפט גיין אהין ווו דער קסר גייט צופוס... און אין דער ערשטער קלאַס איז יענער פלאַץ אויסגעפוצט, און מיט שפיגלען.

גייט אהין אריין דער כעלעמער מלמד, גיט א קוק אין שפיגל, און ער דערזעט אויף זיך דעם גענעראלס היטל.

דאָ ווערט שוין דער כעלעמער מלמד גוט אין כעס און ער שרייט אויס:

— איינגעזונקען זאָל ער ווערן דער באַלעבאָס פון דער אכסניה! אַנ־שטאָט מיר, האָט ער דאָך אויפגעוועקט דעם גענעראַל!

# בלינצעס

אין כעלעם איז אמאָל געווען אַ דרדקי־מלמד, האָט זיך אים פאַר־גלוסט בלינצעס מיט קעז אויף שבועות.

געזען האָט ער, אַז אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער עסט מען שבועות בלינצעס מיט קעז, האָט זיך אין אים אויך צעשפּילט דער יצר־הרע צו פאַרזוכן אַמאָל שבועות דעם טעם פון בלינצעס מיט קעז...

איז ער אָבער געווען אַ קבצן, אַ דלפון און קיין פּרוטה ביי דער נשמה נישט געהאַט. האָט ער גענומען און געמאַכט מיט דעם ווייב אַן אַסיפה און ס'איז ביי זיי געבליבן, אַז היינטיקס יאָר איז פאַרפאַלן, נאָר איה״ש איבעראַיאָר שבועות, זאָל דונערן און בליצן — נאָר בלינצעס מוזן זיין...

ס'דאַרף דאָך אָבער קאָסטן דעם מלכס אוצרות: מעל, אייער, פּוטער, קעז, צימרינג, צוקער — און קיין געלט איז נישטאָ?

האָבן זיי ביידע, דער מלמד מיטן ווייב, אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַז אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר זאָלן זיי ביידע אָפּשפּאָרן אַ גראָשן פון דעם אָנבייסן, וואָס זיי עסן, אַזוי, אַז אין משך פון אַ יאָר זאָל זיך אָנקלייבן דאָס געלט, וואָס בלינצעס מיט קעז דאַרפן קאָסטן, און ס'זאָל נאָך עפּעס איבערבלייבן אַ רעשט אויך.

און אומר ועושה:

באַלד אויף מאָרגן האָבן זיי זיך גענומען ביידע צו דער זאַך. אַ קאַסטן האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן פון זייער חתונה נאָך, האָבן זיי אים גוט פאַר־שלאָסן, געמאַכט פון אויבן אַ שפּאַלט און גענומען אַלע פרימאָרגן אַריינ־וואַרפן אַהין די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס.

האָט דער מלמד זיך אָבער באַלד באַטראַכט:

היות ער איז אַ מלמד און האָרעוועט שווער מיט קליינע קינדער און דאַרף זיך גוט שפּייזן, איז אים שווער אָפּצושפּאָרן פון עסן דעם גראָשן. דעריבער וועט זיין גענוג, אַז דאָס ווייב אַליין וועט אָפּשפּאָרן דעם גראָשן...

די מלמדקע ווידער האָט זיך אויך באַטראַכט:

הוית זי איז א שוואַכע יידענע מיט א קליין קינד ביי דער ברוסט, טאָר זי זיך דאָס האַרץ נישט לאָזן אָפּשוואַכן. דעריבער וועט זיין גענוג, אז דער מאַן אליין וועט אַלע טאָג אַריינוואַרפן דעם גראָשן...

און אזוי האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן א גאַנץ יאָר אָפּגענאַרט...

פאַר שבועות, אז ס'איז געקומען צום יאָר, האָבן ביידע זיך געלאָזט עפענען דעם קאַסטן, כדי אַרויסצונעמען די אָנגעזאַמלטע גראָשנס...

דערזעענדיק, אז דער קאַסטן איז ליידיק, איז געוואָרן א ויצעקו. דער מלמד איז אָנגעפאַלן אויף דער מלמדקע, אז זי האָט אים אָפּגענאַרט. זי ווידער איז אים באַפאַלן מיט א קוויטשעריי, אז ער האָט זי אָפּגענאַרט, און אזוי האָבן זיי זיך גענומען ביידע שעלטן און קריגן ביים אָפענעם קאַסטן, ביז זיי האָבן זיך גענומען רייסן פאַר די נעזער. שלאָגנדיק זיך אזוי, זענען זיי ביידע אַריינגעפאַלן אין קאַסטן אַריין. דער שווערער דעק האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט און ביידע פאַרשלאָסן...

אין קאַסטן איז ערשט געוואָרן דער אמתער „ויתרוצצו“. ביידע האָבן זיך דאָרט פריי און אומגעשטערט געטשוכעט און געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן. נאָר אזוי ווי דער קאַסטן איז געווען אויף רעדלעך, האָט ער זיך גערירט פון אָרט און גענומען אַרומפאָרן איבער דער שטוב. די שטוב איז געווען אָן א שוועל און די טיר איז געווען אָפן, איז דער קאַסטן אַרויסגעפאָרן אין גאַס אַרויס. און אזוי ווי דער מלמד האָט געוווינט אין שולגאַס און די גאַס איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ פונקט אַקעגנאיבער דער אַלטער שול, האָט זיך דער קאַסטן געלאָזט לויפן באַרג־אַראָפּ און איז מיט דעם גאַנצן אימפעט אַריינגעפאָרן גלייך אין שול אַריין...

אין שול האָט מען געהאַלטן דעמאָלט פונקט אינמיטן דאַווענען. דערזעענדיק, אז א קאַסטן איז אַריינגעפאָרן און שפּאַצירט זיך אַרום פון איין עק צום צווייטן, איז מען זיך צעלאָפן מיט טויט־שרעק אויף אַלע זייטן, גאַנץ בעלעם איז אויפגערודערט געוואָרן:

— שדים!

— א קליפּה!

— א גלגול!

— א דיבוק!

— דער אשמדאי!

— מ'דאַרף לויפן קברים רייסן!

און דער קאַסטן איז זיך דערווייל אַרומגעפאָרן פון איין ווינקל שול צום צווייטן.

האָט דער רב גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט, זיך אוועקגעשטעלט אויפֿן באַלעמער און גענומען שרייען צום קאַסטן:

— דיבוק, איך בין אויף דיר גוזר, דו זאָלסט גיין אין דיין רו אַריין, פֿונוואַנען דו ביסט געקומען.

דער קאַסטן פֿאָלגט נישט.

האָט דער רב געהייסן שופֿר בלאָזן.

דער קאַסטן האַלט אַלץ אין איין אַרומלויפֿן...

האָט שוין דער רב געזען, אַז דאָס איז אַ געפֿערלעכע קליפּה, רחמנא ליצלנו, וואָס קאָן חלילה, חרוב מאַכן די וועלט. האָט ער געהייסן מ'זאָל דעם קאַסטן אויפֿרייסן.

נאָר ווער האָט עס געוואַגט נאָר נאָענט צוצוגיין?

איז געבליבן, אַז מ'זאָל וואַרפֿן אַ גורל. איז געפֿאַלן דער גורל אויפֿן שמש פֿון דער חברה קדישא.

אַ גורל איז אַ גורל. אַ גאָטס זאַך מוז מען פֿאָלגן. האָט דער שמש דריי מאָל אָפּגעזאָגט גאַנץ ווידוי און גענומען אויפֿברעכן דעם קאַסטן.

אַן אימה ופּחד איז אויף גאַנץ כעלעם אָנגעפֿאַלן. די שטאָט איז געווען זיכער, אַז פֿון קאַסטן וועט אַרויסשפּרינגען אַ ווילדער שד, וואָס וועט גאַנץ כעלעם אַ תל מאַכן. נאָך מער אָבער דערשראָקן און פֿאַרשטיינערט איז מען געוואָרן, אַז מ'האָט געזען פֿון קאַסטן אַרויסקריכן דעם דרדקי-מלמד מיט דער מלמדקע....

נאָך דעם, ווי דער מלמד האָט פֿאַר דער גאַנצער שטאָט דערציילט די מעשה, ווי אַזוי ער קומט מיט זיין יידענע אין קאַסטן אַריין, האָט דער רב געהייסן גאַנץ כעלעם גומל בענטשן...

# דער רבי, דער בעל־עגלה און די פערד

דער רבי פון בעלעם איז געפאָרן צום יאַריד אין פינטשעוו. אויפן וועג אין רייוועץ איז שוין געווען פינצטער. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, כדי איבערצונעכטיקן.

ס'רעדט זיך אזוי לייכט איבערצונעכטיקן. א סך מענטשן, וואָס זענען געפאָרן קיין פינטשעוו האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין רייוועץ איבערצונעכטיקן. טאָ ווו איז דען דאָ אזויפיל פלאַץ? וואָלט דער רבי געזאָגט ווער ער איז, וואָלט מען שוין געמאַכט פלאַץ פאַר אים. אָבער דער רבי האָט דאָס נישט געוואָלט. ער האָט זיך איבערגעדעקט דאָס פנים מיט דעם קאָלנער פון פעלץ און מ'האָט נישט געוווסט ווער ער איז.

האָט דער רבי גענעכטיקט אויף זיין וואָגן אין שטאַל.

משה, דעם רבינס בעל־עגלה, איז אַריינגעפאָרן אין א שטאַל, צוגעבונדן די פערד מיט די פנימער צום וואָגן, אויסגעבעט דעם רבין א געלעגער אויפן וואָגן, פאַרמאַכט די טויערן פון שטאַל און אליין האָט ער זיך געלייגט שלאָפן אונטערן וואָגן.

ווען דער רבי האָט געענדיקט זאָגן קריאת־שמע, האָט ער געפרעגט דעם בעל־עגלה:

— משה, דו האָסט גאָט געבעטן, אז מ'זאָל נישט צוגנבענען די פערד?

— ניין, רבי־לעבן.

— אויב אזוי בעט צו גאָט מיט כוונה און בינד גוט צו די פערד.

משה האָט געפאָלגט דעם רבין.

נאָכדעם ווי משה איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט, האָט דער רבי צו אים געזאָגט:

— משהלע, אויב דו האָסט גאָט געבעטן מיט כוונה און' האָסט גוט צוגעבונדן די פערד מיט די פנימער צום וואָגן, טאָ זע, אז דו זאָלסט נישט אנטשלאָפן ווערן און גוט אכטונג געבן, איז דעמלט צו האָפן, אז

מען וועט די פערד נישט צוגנבענען.

— איך וועל נישט צומאכן קיין אויג — האָט משה דערקלערט.

דער רבי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיינע הענט און איז איינגעשלאָפן.

אינמיטן דער נאַכט האָט דאָס בילן פון הינט אויפגעוועקט דעם רבין און ער האָט א שלעפעריקער גערופן משהן:

— משה!

— וואָס איז, רבי לעבן?

— דו שלאָפסט, משה?

— ניין, רבי לעבן.

— וועגן וואָס טראַכסטו?

— איך טראַכט... איך טראַכט, ווו קומט אהין דער חלב ווען ס'ברענט אויס א ליכט?

— גו, אויב דו טראַכסט וועגן אַזעלכע וויכטיקע זאַכן, וועסטו נישט אנטשלאָפן ווערן — האָט דער רבי געזאָגט א בארואיקטער און זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א שטאַרקער ווינט האָט אריינגעבלאָזן אין שטאַל און דער רבי האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט.

— משה, משה! — האָט דער רבי גערופן.

— יאָ, רבי־לעבן — האָט משה געענטפערט.

— דו שלאָפסט?

— ניין, רבי־לעבן.

— וועגן וואָס טראַכסטו אצינד?

— איך טראַכט... איך טראַכט, ווו קומט אהין דאָס האָלץ ווען מ'שלאָגט אריין א טשוואָק אין ברעט?

— גו, אויב דו טראַכסט וועגן אזעלכע וויכטיקע זאכן, וועסטו שוין נישט איינשלאָפן — האָט געזאָגט דער רבי און זיך צוריק איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שטערן זענען בלאס געוואָרן. א האָן האָט זיך צעקרייט און אויפגעוועקט דעם רבין.

— משה!

— וואָס איז, רבי־לעבן?

— דו שלאָפסט?

— ניין, רבי לעבן.

— וואָס טוסטו?

— איך טראַכט, רבי לעבן.

— וועגן וואָס טראַכסטו, משה?

— איך טראַכט, רבי לעבן, איך טראַכט, די טויערן זענען פאַרמאַכט, מ'האָט נישט געהערט קיין שאָרך, טאָ ווו זענען אַהינגעקומען אונדזערע פערד?

# פאַרוואָס האָט מען דעם כעלעמער פּרנס־חודש גערופֿן רב יוסף לאָקש

אין כעלעם איז געווען אַ שווערער ווינטער. חנוכּה־צייט איז כעלעם געווען פֿאַרשיט מיט שניי ביז איבערן קאָפּ, אַז אין יוצא און בא. עס איז דאָך אָבער פֿאָרט חנוכּה און אין כעלעם ווייסן קינד־און־קייט וואָסערע נסים עס זענען געשען מיט ייִדן אין חנוכּה און צוליב וואָס מיר צינדן חנוכּה־ליכטלעך, שפּילן אין דריידלעך און עסן לאַטקעס.

זענען געקומען עטלעכע כעלעמער שיינע־ייִדן צו דער מרת שאָשע, ר' יוספֿס אשת חיל, די כעלעמער פּרנס־חודשטע. די ייִדן זענען געקומען אין שווערע שפּעטן־פּעלצן און פֿאַרשיטע מיט שניי, זיי האָבן געטאָן אַ קוש די מזוזה און געזאָגט אַ גוטן חנוכּה. דערביי האָבן זיי פֿאָרגעשלאָגן דער מרת שאָשע, היות ווי עס איז הײַנט חנוכּה און דער וועלט, וואָלט גלייך געווען, אַז ר' יוסף דער פּרנס־חודש זאָל מאַכן אַ סעודת־חנוכּה, און מאַכע כיד המלך, דאָס הייסט מיט לאָקשן, מיט געענדזנס און מיט צימעס.

— מילא, אַז ייִדן ווילן אַ סעודת־חנוכּה איז דאָך גישט שייך צו זאָגן ניין — האָט מרת שאָשע געענטפֿערט און געכאַפּט אויף זיך דעם ווייבערישן טוליפּ און אַרויסגעלאָפֿן אין די גרויסע שנייען.

צוליב דער מצווה האָט שאָשע געאָרנישט געשפּירט ווי דער פֿראָסט בייסט איר אין דער נאָז און אין די אויערן און די שנייען גרייכן איר ביז צום בויך. זי איז געלאָפֿן ווי ווייט מען קען נאָר לויפֿן אין שנייען. זי האָט אויף שנעל געקויפֿט אין אַ קרעמל צוויי פֿעטע גענדז, זיי צופֿריער גוט אָנגעטאַפּט און אַריינגעבלאָזן אין די פֿאַרפֿעדערטע היגטנס. די גענדז זענען געווען פֿעט ווי די קעלבער און האשה שאָשע האָט באַלד אויפֿן אָרט באַרעכנט וויפֿל שמאַלץ זיי וועלן אָפּגעבן אויף פּסח. געכאַפּט די גענדז, איז זי ווי אַ פֿייל פֿון בויגן געלאָפֿן צום שוחט און מיט די געקוילעטע גענדז געקומען אהיים צו לויפֿן אין שטוב אַריין.

עס איז געווען שפּעט בין־מנחה־למעריב. די הימלען האָבן זיך מיישב געווען און אין דער ווינטערדיקער פֿינצטערניש ווידער אָנגעהויבן צו באַשיטן בעלעם מיט שניי. אינדרויסן האָבן נישט געהאָלפֿן קיין לאַמטערנעס. וימש וחושך — בעלעמער ייִדן האָבן געמוזט טאַפּטשען אין שניי און אין פֿינצטערניש.

עפֿנט זיך די טיר און ר׳ יוסף דער פּרנס־חודש קומט אַרײַן אַ פֿאַרשנייטער צו זיך אין שטוב אַרײַן. ער אָטעמט קוים פֿון דער גרויסער קעלט און קאָן נישט אויסרעדן קיין וואָרט. ער מאַכט נישט קיין לאַנגע שהיות, וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ דעם טייערענעם פּעלץ, די קאַפּאָטע און די גרויסע ווינטערדיקע שטיוואַלעס און לייגט זיך צו אויף דער קאַנאַפּע כאַפּן אַ דרעמל.

אינדרויסן, אין דער קיך, מאַכט דערווײַל האשה מרת שאָשע כשר די גענדז.

חלומט זיך ר׳ יוספֿן אַזאַ מין זאַך: עס שנייט אויף בעלעם מיט גאָלדענע רענדלעך. הגם עס איז מעריב־צײַט און נאַכט — איז אָבער פֿון דעם גלאַנץ פֿון גאָלד אין בעלעם געוואָרן אַזאַ ליכטיקייט, ווי עס וואָלט געהאַלטן סאַמע אינמיטן תמוז.

אינמיטן שלאָף האָט ר׳ יוספֿס שאַרפֿער מוח אָנגעהויבן צו חשבונען און אויסצורעכענען די אָנגעפֿאַלענע רענדלעך עד לפּרוטה. עס איז געווען זייער אַ שווערער חשבון. נאָר וואָס איז שייך פֿאַר אַ בעלעמער פּרנס־חודש אַ שווערער חשבון?

ר׳ יוסף ליגט אויף דער קאַנאַפּע, שנאָרכט אויפֿן הויכן קול און חשבונט אין חלום. די אשה מרת שאָשע איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט די גענדז. אַזוי ווי זי האָט זיך געאײַלט צו מאַכן די לאָקשן און האָט צימעס, האָט זי דערווײַל די כשר־געמאַכטע גענדז אַוועקגעשטעלט האַרט בײַ ר׳ יוספֿס קאַנאַפּע.

פּלוצלינג עפֿנט זיך די טיר פֿון קיך. עס פֿאַלט אַרײַן אַ פֿאַרשנייטער און אָן אָטעם דער בעלעמער בית־דין־שמש ר׳ מנשה.

— אַ גוטן חנוכּה, שאָשע־לעבן.

— אַ גוט יאָר, ר׳ מנשהניו, וואָס וועט איר זאָגן עפּעס גוטס?

— דער רבֿ, זאָל לעבן, האָט מיך אַהערגעשיקט צו רופֿן ר׳ יוספֿן צו סידור־קידושין. ווי מיר אַלע ווייסן, מאַכט ר׳ יאָקל דער באָדנער חתונה און עס האַלט שוין בײַ דער חופּה און דער בחור באַזינגט די כּלה,

האָט זיך לאַ־עליכם ביים רב געמאַכט א מיחוש און ער קאָן בשום אופן נישט גיין צו סידור־קידושין. איז וועמען איז מען מכבד מיט סידור־קידושין אויב נישט ר' יוספן, דעם פּרנס־חודש? מען טוט שוין אָן דעם חתן דעם קיטל און מען גייט שוין צו דער חופּה. עס פעלט נאָר דער מסדר־קידושין.

— נו, מילא, אויב אזוי וועל איך אים וועקן — האָט האשה מרת שאָשע געענטפערט און אריינגעגאַנגען וועקן ר' יוספן.

האשה מרת שאָשע און ר' מנשה דער בית־דין־שמש האָבן ביידע דערציילט ר' יוספן וועגן וואָס עס גייט.

מחמת זיין גרויס קלוגשאַפט איז ר' יוסף געווען אַ שטאַרק צעטראָגענער און האָט נישט געקאָנט טרעפן בין ימינו לשמאלו. איצט איז אים באַפאַלן דאָס גאָר גרויסע איילעניש. א קלייניקייט? חתן־כּלה שטייען שוין אונטער דער חופּה און וואַרטן אויפן מסדר־קידושין. האָט ער אַ שפּרונג־אַראָפּ געגעבן פון דער קאַנאַפּע און געזוכט די שיך ווו אַהין אריינצושטעקן די פיס. אויף שנעל האָט ער דערטאַפּט זיין ווייבס כּשר־געמאַכטע געניהץ, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ לאָקשנברעט לעבן דער קאַנאַפּע און האָט אין זייערע אויסגעליידיקטע אינגעווייד אריינגעשטעקט ביידע פיס, און כּדי צו האָבן אונטער דער חופּה מיט וואָס צו געבן מקבל־קנין צו זיין, טוט ר' יוסף אַ לויף אַריין אין דער קיך, כאַפּט אין דער קעשענע אַריין אַן אויסגעוואַלגערט בלאַט לאָקשן און גיט א געשריי צו ר' מנשהן, דעם בית־דין־שמש: קומט!

אין דער גרויסער הישבות און אין דעם פאָלגנדיקן שביי האָט מען שוין פונדערווייטנס געהערט דאָס שפּילן פון קלעזמאָרים. מען איז געגאַנגען צו דער חופּה. ווען ר' יוסף מיט ר' מנשהן זענען געקומען אָנצולויפן העגדום־פּעגדום איז שוין דער חתן געשטאַנען אונטער דער חופּה און זיך צוגעהאַלטן די אויגן מיט אַ טיכל. אונטערפירערקעס האָבן געפירט די פאַרשלייערטע כלה. קלעזמאָרים האָבן געשפּילט און הבדלות האָבן געפלאַקערט נישט געקוקט אויף דער קעלט און אויפן שניי. ר' יוסף איז אַרונטערגעקומען אונטער דער חופּה. די מחותנתטעס האָבן די כלה זיבן מאָל אַרומגעפירט אַרום דעם חתן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער סידור־קידושין, ווי עס איז דער דין און דער מנהג.

ווען מען איז צוגעגאַנגען לייענען די כתובה און עס האָט געהאַלטן ביי קבלת־קנין, האָט ר' יוסף מיט גרויס כוונה אַרויסגענומען דאָס

בלאַט לאָקשן פון דער קעשענע, און דערלאַנגט ר׳ מנשהן און געזאָגט: נאַט אייך די פּאַטשיילע, ר׳ מנשה, און גיט עס דעם חתן מקבל־קנין צו זיין!

בעלעמער זענען דאָך אָבער זייער קלוג און דערצו זענען זיי — ווי אַלע אמתע חכמים — גרויסע בעלי־מידות, טראַכט ביי זיך ר׳ מנשה: וואָס וועט ער דאָ מאַכן פון אַ פּרנס־חודש חוכא ואטלולא און גראָד אונטער דער חופּה בפני חתן וכלה? באַהאַלט ער דאָס בלאַט לאָקשן אין דער קעשענע און דערלאַנגט דעם חתן זיין אייגענע פּאַטשיילע.

באַלד נאָך סידור־קידושין האָט ר׳ יוסף געזאָגט מזל־טוב און זיך גענומען אַהיימגיין. ווי ער זאָל נישט זיין צעטראָגן האָט ער פאָרט געדענקט, אַז ביי אים איז היינט אַ סעודה הנוכה.

דער שמש ר׳ מנשה האָט גענומען דאָס בלאַט לאָקשן און עס געוויזן די גבאים פון דער בעלעמער שול. זיי זענען אויך געווען קלוגע ייִדן און גרויסע קאָפּ־מענטשן, ווי אַלע בעלעמער. זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און געווען אויפן זיבעטן הימל. וואָרום איצט האָבן זיי ערשט רעכט דערזען וואָסער שאַרפן מוח זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר אַ פּרנס־חודש. מחמת דער קאָפּ פליט אים אַרום אין די גרויסע טראַכטענישן, ווייסט ער נישט קיין חילוק צווישן אַ פּאַטשיילע און אַ בלאַט לאָקשן.

מען האָט גענומען דאָס בלאַט לאָקשן און עס לדורות אויפגעהאָנגען אין שול לעבן נר־תמיד. מען האָט אויסגערופן אַ חרם, אַז קיינער טאָר דאָס בלאַט לאָקשן נישט אַרונטערנעמען. און עס הענגט נאָך אין בעלעמער שול עד היום הזה.

ר׳ יוספן האָט מען פון דעמלט אָן גערופן ר׳ יוסף לאָקש און אַזוי שטייט עס טאַקע פאַרשריבן אין בעלעמער פּנקס.

## יוסף לאָקש פֿון כעלעם

א.

ווער קאָן פֿאַרטראָגן אַ יונגן יתומס געוויין?
אָדער די טרערן פֿון אַן אָרעמער אלמנה?
דעם עלנט, ווי אַ שטיין, פֿון אַן עקרה,
אָדער די פֿאַרשעמטקייט פֿון אַ מיאוסער עגונה?
אָבער ערגער פֿון אַלץ איז דער שטומער צער
פֿון אַ געשלאָגן פֿערד.

די בייטש כוואַטשעט איבער דער ליבער פֿעל
דער שווערער קאָפּ בויגט זיך נידריקער,
אָן פֿאַרוואורף, אָן אנטקעגנשטעל,
אָן ווידערשטאַנד.

פֿאַרן כסא הכבוד זאָל אַזאַ ווייטיק
זיך קומען אויסטענהן —
רבונו דעלמא, פֿאַרוואָס?

יאָסל לאָקש קאָן דאָס נישט פֿאַרטראָגן,
ער וואָלט זיך גערן איינגעשפּאַנט אין וואָגן
און געלאָפֿן וויאָ, וויאָ, יאָרן און יאָרן
און געכאַפּט די שמיץ, ווי קוויקנדיקע מלקות,
ווי בריענדיקע בעזעמלעך,
ווי אן אַפּקומעניש.

די סוכאָטנע פֿעלדער קוקן אויס אַ ביסל גרינער
נאָך דעם וואַש פֿון רעגן.

אַ פאַרזשאַווערט אַקעראייזן זינגט אים אַנטקעגן.
ס'באַגריסן אים מיט געוואַשענע קעפּ
פּערזשיכעס, מאָרעלן, אַגרעס, ווײַנפּערלעך,
און אָט איז אַן אויסגעפּוצטער קערשנבוים,
וואָס קוקט אַריבער דעם פּלויט פון אַ סאָד.

דאָס איז אַלץ גאָטס גענאָד.
דאָס און נאָך אַ סך פאַר דעם מענטשנס הנאה.
פונדעסטוועגן, יאָסל, לאָז זיך נישט פאַרפירן.
ווי שיין דער דאָזיקער בוים,
ווי שיין דער אַקעראײַזן.
דער מאַטער בליאַסק פון שטאָל, דער וויג און בויג פון בוים.
שיינקייט איז בלויז פאַרן אויג — זאָל ער אַ נס באַווייזן.
זאָל ער געבן יושר, אויסגלייך.
איין מאָס פאַר אָרעם און פאַר רייך.
איין מעסטל גערעכטיקייט
פאַרן תקיף און געמיינעם מאַן.

איי, ווען ער וואָלט כאָטש פאַרמאָגט גרויס זכות־אבות,
וואָלט ער אויסגעגלייכט דעם רוקן
און אַזוי פאַר אַ קאַטאָוועס
גענומען זיך דורכוואָרטלען מיט כביכול.
אָבער דאָס האָט געקאָנט נעמען אויף זיך
בלויז איין רב לוי יצחק.
ער האָט געהאַט אַ כוח.

ער האָט געקאָנט זיין מיט אים קנעפּל־שבקנעפּל און פאַניבראַט.
ער האָט אים געקאָנט פרעגן גרונטאָוונע זאַכן,
פאַרוואָס איז איינער הונגעריק, דער צווייטער זאַט?
ווענגן אַכצן און דרייצן האָט ער געקאָנט קומען און פאָדערן
חשבון.

פאַרוואָס זאָל איינער לעבן אין שווילטאָג
און שאַרן גאָלד מיט ביידע הענט?
דער צווייטער זאָל דאַרן פאַר אַ לעפל געקעכץ?

ער האָט פאַרמאָגט דעם שטאַרקן זאָג.
ער האָט געהאַט דעם ברייטן שטעל:
— איך, רב לוי יצחק, באַפעל,
איך זאָג אויף דיין פירעכ׳ן
לא מיט אַ טערקישער קאַפּאָטע.
אָבער איך, יאָסל לאָקש?
וואָס פאַר אַ קראַפט, וואָס פאַר אַ האפט האָט בלאָטע־שבבלאָטע?

איך, אַ יונגאַטש אַ סמאַרק, זאָל זיך דערוועגן
און קריגן גלייך אַ באַגראָב.
בוינג נידעריקער דעם קאַרק, שייגעץ.
קאָנסטו נישט פאַרטראָגן ביי גאָט קיין עוולות?
דו גרויסער מיניסטער־קאָפּ.
קענסטו אפשר בעסער פירן אַ וועלט,
מיט אַזויפיל וועלערס, מיט אַזויפיל ווילערס,
מיט אַזויפיל לויבערס, מיט אַזויפיל בילערס,
מיט אַזויפיל מיילער, מיט אַזויפיל הענט,
אלצאיינס געשווינט צו געשענדט —

אָבער די געשרייען זענען נישט צום פאַרטראָגן.
דיר איז גוט. האָסט איין ברירה.
שפּאַנסט זיך איין אין וואָגן,
וויאָ אַהין און וויאָ אַהער.
דו קומסט אָפּ דעם חוב צו זיך מיט אַ טרער.
איך בין פעהל און דו ביסט טרעף.
בין איך, הייסט עס, דער שטרענגער שופט
און דו דאָס ווייכע לב.

## ב.

טוט מיר נישט אָן דעם ספּאָדעק
און רופט מיך נישט רבי יאָסל.
מיין פרומקייט, מיין גוטסקייט זאָל וואקסן אויף אַלע מיסטן.
וואָס קרוינט איר מיך? — איך בין נישט ראוי.

זוי קאָן איך זיין אייער פירער? — איך בין אַ בלאָנדזשער אַליין.
זוי קום איך פסקענען שאלות? — איך האָב נישט דעם ענטפער.
אַז אין קאָפּ ביי מיר שווישטשען אַצינדערט
כלערליי פייגעלעך מיט קלאָץ־קשיות.
ווער איז גערעכט? דער באַלעגאָלע? דאָס פערד?
אָדער גאָר די בייטש? ווו ליגט דאָ דער טייטש?
איר כאַפּט דעם רעיון, יידן?
לאָמיר זאָגן, איך בין דער דיין,
און זיי קומען זיך פאר מיר לאָדן.
וועמען קומט שכר און ווער דאַרף צאָלן שאָדן?
איך זאָג אייך, קהל, איך בין אַ ווילדער נאר
מיט אַ ציגן־בערדל.
אַרום מיר טאַנצן לצים מיט בעזעמער און זינגען אין כאָר:
— יאָסל לאָקש איז געוואָרן דער מנהיג הדור.

פּלאי־פּלאים! — טענהט קהל,
הערט אַ קעפל געניזוקט זאָל ער נישט ווערן,
ט'געהערט ר' איצע? געהערט ר' פּיצע!
געזען די חכמה אויף זיין שטערן,
געהערט די תורה, ווי פון סיני,
געזען, ווי ער פּראַלט ממש אויף דעם היכל,
געכאַפּט די טיפקייט, דעם בליץ פון שכל?
ווער איז גערעכט? דער באַלעגאָלע? דאָס פערד?
אָדער גאָר די בייטש? ווו ליגט דאָ דער טייטש?
טאַנצט אַ לצל אויף אַ בעזעם,
ווייזט דעם לעקער און ווערט נעלם.
געקרוינטער פירער, געזאַלבטער יאָלד,
קהל זינגט דיר שירה.
אַ וואָרט פון צין ווערט אַ וואָרט פון גאָלד,
יאָסל לאָקש פון כעלעם.

ג.

שנים אוחזין, צוויי האַלטן.
ווו נאָר צוויי, גלייך געוואַלטן.
מ׳קאָן זיך נישט צעטיילן מיט גאָטס ירושה.
איבער א פענעץ, איבער א רעפּטל,
איבער א רענדל, איבער אַן אשה,
איבער א מסחר, איבער אַ געשעפטל,
איבער כּעלעמער געדאַנקען.
שנים אוחזין, צוויי האַלטן,
ווו נאָר צוויי, גלייך געוואַלטן.

אוי, זאָגן דערויף די חכמים — גאָלד מיט זילבער —
יחלוקו. אַ טייערער געדאַנק.
די גאַנצע וועלט מיט חכמה אין איין וואָרט.
קליגער פון הלל און צום שכל פון אַ קינד,
און שנעלער פון כולה תורה אויף איין פוס.
געשווינד ווי אַן אינד.
א צייכן. א בליץ.
יחלוקו.

וואָס איז זיך דאָ צו קריגן?
צוזאַמענקומען זאָל מען זיך אין א יאַריד־טאָג,
מיט די ברעקלעך צרות,
די קרישקעס גליק,
די שיינע ווייבער, די קנעכט,
אַפילו דעם שקארמוץ מיט טיפע געדאַנקען,
די פערד, די מוילאייזלען,
די קאַפּהענער, די געשטאָפּטע וואכטלען,
די ווילשמעקעדיקע בשמים, טייערע געטראַנקען,
און — יחלוקו!

ווייל לאָמיר לערנען א ביסל פשט.
הונגער. איבערגעפרעסנקייט.

בלוט. מלחמות.
פונוואַנען נעמט זיך קנאה־שנאה
צו יענעמס ווייב און יענעמס רינד?
ווייל ראובן האָט אַ ביסל און שמעון א פּולע שיסל,
איז בכן, זאָגן די תלמידי־חכמים דערויף
איין טייער וואָרט —
יחלוקו! איינגעטיילט זאָל אַלץ ווערן.

ד.

קעגן דער וועלט אַ קליין געצעלט,
אָבער פאַר זיך איז כּלעם אויך א שטאָט,
מיט אַ יויזל, מיט אַ גאָט,
מיט אַ קלויסטער, מיט אַ באַרג,
מיט א יידן־גאַס, מיט אַ טאַרג,
מיט נגידים און געמיינע לייט,
ווייבער צנועות און פאַרשייט,
קרומע מויערן, אַלטע טויערן,
אוליצעס, געסלעך, הערינג־פּעסלעך,
לאַכעס, שמאַטעס, בלינדע פענצטער,
יידן מיט וואַטאָווע שפּענצערס,
יידענעס איבער פויערטעס,
פּלעצלעך, בייגל, פּרעצלעך, ביבער, האָניקטייגל,
לויזמאַשטש נאַפט־געוועלבלעך,
פּויערים אין סערמיגעס, קעלבלעך,
קאַטשקעס, גאָנערס און גלחים,
קונצנמאַכערס, בעקער־יונגען, גנבים,
גוטע יידן, משוגעים, פאַרחלומטע קינדער,
מתים, לאַפּיטוטן, נישט־גוטע —
אָבער פּרווט געפינט מיר דאָ אַ נאַר.
איר קריגט אַ גילדן גלייך דערפאַר,
נישטאָ!

ער איז קלוג און ער איז קליגער,
און יענער איז קליגסטער שבקליגסטער.
גייט כעלעם אין בלוט,
פּעטש פליען ווי די ברעטער.
מ׳קריגט זיך איבער פילּיסופיעס,
איבער געשריפצן אין די בלעטער,
איבער טיפע געדאַנקען.
ביז מ׳קומט צו יאָסל לאָקש ער זאָל פּסקענען.
ווער איז קלוג און ווער איז קליגער,
איר זענט דאָך דער אמתדיקער פייערדיקער קאָפּ,
רבי, איר זענט דאָך אַ היגער,
וועלכער צד איז גערעכט.

יאָסל פּילט מ׳שעכט אים אָן אַ מעסער,
יעדער צד סטראַשעט.
זיין ביסל אָרעמקייט איז איינגעשטעלט.
זיין וועלט, זיינע תענוגים, מ׳שטיינס געזאָגט,
זיין עולם־הזה, זיין ביסל גרייץ, זיין כזית ברויט ——
אַלץ ווערט געהאַלטן אויף דער וואָגשאָל פון זיינע באַלעבאַטים,
יעדער צד קומט צו אים מיט בייזע כוונות.
ליגט אויף יאָסלען ווי אַ הויקער דאָס רבנות.

ה.

דער אויבערשטער האָט אַ פּאָדריאַד די וועלט
און ער, להבדיל, כעלעם.
אָבער יאָסל פּאַלט פון די פיס.

אַ פּארהויקערטע כאַלופע, אַ יאַדישליוועך קוימען,
און אַ ווייב, וואָס קהל האָט אים באַשערט,
נישט קיין נקבה, נאָר אַ שווערד.
איינגאַנצן ווי אַן אָפּגאָט, די אויגן קיין אויגן נישט,
נאָר קוקערס, די בריסטן קיין בריסטן נישט,
נאָר פאַרדאַרטע פיינן.

אַ מויל אָן שווייגן און ווערטער הייסע קוילן.
מ׳הערט אַזוינס נישט אין גאַנץ קרוין־פּוילן.
יאָסל לאָקש, שפּייזער מיינער,
ס׳איז דאָך צו עפּענען מויל און אויערן.
ער גערעכט און דער גערעכט.
איך גערעכט און דו גערעכט.
נישטאָ קיין גוט, נישטאָ קיין שלעכט.
נישטאָ קיין שולד, אַלץ גערעכט.
ציצעליסטן, ציצעניסטן,
אַנאַכריסטן, אַנטיסעמיטן,
אַלע טאַטערס, אַלע קריסטן,
נישטאָ קיין יאָ, נישטאָ קיין ניין.
נישטאָ קיין טמא, אַלץ איז ריין.
ער גערעכט און דער גערעכט,
איך גערעכט און דו גערעכט.
נישטאָ קיין גוט, נישטאָ קיין שלעכט,
נישטאָ קיין שולד, אַלץ גערעכט.

יאָסל טוט אָן בגנבה די צעריסענע זשיפּיצע,
כאַפּט אַ פריש העמד און אַנטלויפט אין מרחץ.
ארונטערגעוואַשן דעם ברוד און גלייך אויף דער לאָנקע.

ו.

דער מערב איז באַזוימט מיט שטיקלעך גאָלד און שטיקלעך פייער.

אַ מאָלער האָט גענומען צייכענען דעסענעס אויפן הימל.
ס׳איז שטיל אַרום מיט דער שטילקייט פון ווונדער.
אַ מחיה, קיינער זעט נישט און קיינער הערט נישט,
נאָר גאָט אַליין האָרכט ווי אַ מאַנסביל האָט זיך צעבעטשעט.
דער בעלעמער רב וויינט. ער העשעט:

דאָס לעבן איז קורץ — אַ טאָג מיט אַ נאַכט.
דו גיסט אַ בלאָז און וועלטן ווערן חרוב.

איך, דער גרעסטער טפש און פירער פון נאַראָנים,
בין מיר.

כ׳פאַרשטיי נישט, גאָט, דיין כעלעם.
אָבער כ׳ווייס, ס׳איז אַ רחמנות אויף יעדער גרעזל,
אויף א מילב, אויף א פערד,
אויף א וואסערטרעגער, אויף א למדן,
אויף אַ פּראָסטאַק, אויף אַ דלפן, אויף אַ נגיד —
יעדער איינער ווייסט דעם גאַנצן אַלץ —
נישט חלילה קיין ביסל,

יעדער איינער פאַרמאָגט דעם שליסל צו דיין שייער
און מ׳גלוסט און מ׳וויל,
און מ׳קעמפט, און מ׳קריגט,
און מ׳האסט און מ׳ליבט,
און מ׳שטרעבט און מ׳לעבט —
א טאָג מיט א נאַכט.
א רחמנות אויף דיין כעלעם.

ער גערעכט און דער גערעכט,
איך גערעכט און דו גערעכט,
נישטאָ קיין גוט, נישטאָ קיין שלעכט,
נישטאָ קיין שולד, אלץ גערעכט.

# ווי אַזוי כעלעם האָט זיך דערטראַכט צו אַ בית-הקברות

די כעלעמער חכמים האָבן געוווּסט, אַז אדם-הראשון האָט נאָר אויפֿגעגעסן דאָס עפּעלע פֿון עץ-הדעת. דער עץ-החיים שטייט נאָך מיט זיינע עפּל נישט קיין געריהרטער. און די גרויסע חכמים פֿון כעלעם וועלן זיך אויך אַמאָל דערוואַרטן זייער שעה. סוף-כּל סוף וועלן אַמאָל קומען די הונדערט און צוואַנציק יאָר. דער מלאך-המוות וועט קומען נאָך דאָס זייניקע.

מוז מען דאָך האָבן ווו קובר צו זיין, מען קאָן דאָך אַ מת-טהור נישט לאָזן גלאַט אַזוי ליגן אינדרויסן.

האָט מען, ווי געוויינלעך, גערופֿן אַן אַסיפֿה. מען איז געזעסן און געטראַכט זיבן טעג און זיבן נעכט. לסוף האָט דער קלוגער פּרנס-חודש, ר׳ יוסף לאָקש, געגעבן דעם גרויסן קלאַפּ אין טיש אַריין און געזאָגט, אַז וואָס איז דאָ לאַנג צו שמועסן? מען מוז מאַכן אַ כעלעמער בית-הקברות.

די עצה איז אַלעמען זייער געפֿעלן געוואָרן. כעלעמער חכמים האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט גענוג אָפּלויבן פֿון זייער פּרנס-חודש.

געזאָגט — געטאָן. ר׳ יוסף לאָקש, ר׳ מנשה דער בית-דין-שמש און נאָך עטלעכע שיינע כעלעמער חכמים זענען אַרויסגעגאַנגען אויפֿן היינטערשטאָט. דאָרט זענען געלעגן די גויאישע פֿעלדער. זיי האָבן געזוכט און געזוכט צווישן די פֿעלדער און ענדלעך אַלע אין איין קול אַרויסגעזאָגט:

— פּה תּקבר. — דאָ וועט מען באַגראָבן די כעלעמער חכמים, ווען זיי וועלן דערגרייכן זייערע הונדערט און צוואַנציק יאָר.

מיט אַ בית-החיים טאָר מען זיך נישט פֿרייען. פֿונדעסטוועגן האָט זיך כעלעם געפֿרייט: מען וועט האָבן ווו אוועקצולייגן דעם קאָפּ, ווען מען וועט האַלטן נאָכן לעצטן בלעטל.

בעלזמער חברה־קדישא האָט לכבוד די געשעענישן געקליבן א גייעם גבאי און געמאַכט א סעודה, אַז מען געדענקט זי נאָך. א סעודה גדולה מיט געגדוזנס, מיט פיש, מיט צימעס און מיט קישקע. פון משקה איז שוין אָפגערעדט.

אַז די גרויסע שמחה איז פאַרבייגעגאַנגען און די שיכורע חברה־קדישא־לייט האָבן זיך אויסגעניכטערט און מען האָט זיך א נעם געטאָן צו פשוטע זאַכן, איז מען ווידער געבליבן אַן קאָפּ:

ווי גרויס דאַרף זיין דאָס הייליִקע פעלד?

מען האָט געטראַכט זיבן טעג און זיבן נעכט. און צו טראַכטן איז געווען וואָס, ווייל וואָס שייך חכמה זענען טאַקע אַלע בעלזמער חכמים איינער צום אַנדערן כמעט גלייך אויפן קווינט. אָבער וואָס שייך ג ו ף, איז איין בעלזמער חכם נישט גלייך צום אַנדערן. איינער איז געוואַקסן גרויס און איז קיין עין־הרע אָן אָסאָבע, און דער אַנדערער איז קליין ווי אַ גרוגרת ד״ר צדוק. איינער האָט א גנידיש בייכל און א פּאָר פּליי־צעס און איינער איז גאָר א שמויגער און דאַר ווי אַ שטעקן. הייגט ווי זענען ווייבער און קינדער? מען האָט געזען, אַז יעדער בעלזמער באַ־דאַרף אַן אַנדערע מאָס אויף אַ קבר. עס איז אַ חשבון, וואָס אפילו אַזאַ רעכנמייסטער ווי דער פּרנס־חודש, ר׳ יוסף לאָקש, בלייבט דערביי שטיין ווי אַ לעמעשקע און ווייסט נישט וווּ אוים און וווּ איין.

איז מען געזעסן און געדעכנט און באַשריבן אַלע בעלזמער מיט מיט קרייד. דער פּרנס־חודש, ר׳ יוסף לאָקש, האָט בייגאַכט נישט צוגעמאָן קיין אויג. ער איז געזעסן ביי אַ נאַפט־לעמפּל און געחשבונט אַלערליי חשבונות. נאָר רעכן הייגט, רעכן מאָרגן — מען קאָן נישט אַרויס.

האָט מען ווידער גערופן אַן אסיפה. די בעלזמער חכמים זענען געקומען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ: שטיייש! עס איז דאָך אויס וועלט, אויב אַזעלכע וועלט־חכמים זאָלן נישט געפינען קיין עצה!

פּליצעם האָט זיך אָנגערופן דער קנאַפּסטער פון די בעלזמער חכמים, ר׳ געצל גדליה דער זאַאיקע, וואָס מוז אַרבעטן עבודת־הפרך איידער ער קאָן אַרויסשטאַמלען זיין אייגענעם נאָמען.

— רבותי, איך... איך... איך האָב עס!

באַין ברירה האָבן די בעלזמער חכמים געמוזט אויסדרייען די גרויסע שטערנס צום זאַאיקע. דער פּרנס־חודש, ר׳ יוסף לאָקש, האָט געפרעגט:

— דהיינו, וואָס האָט איר, ר׳ געצל גדליה?

ר׳ געצל הרליה איז בפני כל עם ועדה אַרויס מיט זיין פּלאַן. ער האָט זיך געבעד געמוזט גוט אנשטאַמלען ביז ער האָט ענדלעך ארויסגעלייגט אויפן טעלערל, וואָס ער טראַכט און וואָס ער וויל. עס איז אָבער געווען ווערט צו הערן. כעלעם האָט זיך געהאַט מיט וואָס צו גרויסן, אַפילו מיטן קנאַפּסטן חכם.

דער פּלאַן איז געווען אַזאַ:

— גאַנץ כעלעם, פון קליין ביז גרויס, אנשים, נשים וטף, זאָלן אַרויסגיין הינטער דער שטאָט אויפן פעלד, וואָס ר׳ יוסף לאָקש דער פּרנס־חודש האָט אויסגעקליבן פאַר אַ בית־החיים. בגזירת הרם טאָר קיינער נישט בלייבן אין דער היים. קראַנקע און יולדתן זאָל מען אַרויסטראָגן אויף די בעטן. ווען דאָס גאַנצע שטעטל וועט שוין זיין אינדרויסן אויפן פעלד, זאָל זיך יעדער איינער אוועקלייגן אויף דער ערד ווי גרויס ער איז. פאַרשטייט זיך, נישט אלע צוזאַמען, נאָר לויטן יחוס און לויטן פאַרמעגן. טאָמער, חלילה, האָט אַ כעלעמער אין זינען צו זיין אַ מאבד־עצמו לדעת, זאָל ער זיך אַוועקלייגן הינטערן פּלויט. ווען אַלע וועלן שוין ליגן אויף זייערע ערטער — וועט ר׳ יוסף לאָקש דער פּרנס־חודש, ר׳ מנשה דער בית־דין־שמש און די ראשי־הקהל אַרומגיין מיט אַ שניידערישער מאָס איבערן פעלד און ביי יעדן כעלעמער תושב נעמען די ריכטיקע מאָס וויפל ער באַדאַרף אויף אַ קבר אין דער לענג און אין דער ברייט. אַזוי אַרום וועט מען וויסן אויף דער האר ווי גרויס עס דאַרף צו זיין דאָס כעלעמער בית־עלמין.

ר׳ יוסף לאָקש איז געווען אויפן זיבעטן הימל און געזאָגט צו די ראשי־הקהל, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געזעסן אויבנאָן: די כעלעמער חכמה איז געגליכן צו אַ ברונעם אָן אַ דנאָ. מען שעפּט און מען שעפּט און מען האָט עס נאָך נישט דערגרונטעוועט.

מען האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און אַרויסגעשיקט אויפן מאַרק הוזקן דעם כעלעמער שטאָט־נאַר.

הוזק האָט זיך אָנגעטאָן דעם גרויסן קאַשקעט מיטן ברייטן לעדערנעם האַשעק און האָט גענומען אַ גרויסן לאַמטערן אין דער האַנט אַריין. עס איז טאַקע ערשט געווען סאַמע אינמיטן צוועלף ביי טאָג. אָבער הוזק האָט אַריינגעשטעלט אין דער לאַמטערן אַ גרויס ברענענדיק ליכט, כדי עולם זאָל זען, אַז ער גייט דאָ מיט אַ וואַזשנער שליחות. ער האָט אויף זיך אַרויפגעהאָנגען די גרויסע קעסלפּויק, וואָס ער האָט אויסגע־

באָרגט בײ כעלעמער קלעזמאָרים. אין אַזאַ מעמד האָט זיך הוזק דער שטאָט־נאַר אָװעקגעשטעלט אויפן מיטן מאַרק הארט בײם שטאָט־ברונעם און אָנגעהויבן צו פּויקן מיט בײדע ידים.

װען ער האָט געזען, אַז גאַנץ כעלעם שטײט שוין אינדרויסן, האָט ער זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטײן און געשריגן:

— בפּקודת הרב המתא ובפּקודת ר׳ יוסף לאָקיש ובפּקודת ר׳ ראשי־הקהל, זאָל גאַנץ כעלעם אַרויסגײן אויפן פעלד, װו עס װעט אם־ירצה השם זײן דאָס גוטע אָרט.

כעלעמער ייִדן האָבן געװוּסט, אַז זײ האָבן זיך אויף װעמען צו פאַרלאָזן. אויב די ראשי־הקהל האָבן אַרויסגעשיקט הוזקן מיט דער פּויק און אים געהײסן צוזאַמענפּויקן גאַנץ קהל און געהײסן אַלעמען אַרויסגײן אויפן אָנגעגרײטן בית־הקברות — מן־הסתם װײסט די מזרח־װאַנט װאָס זי טוט.

כאיש אחד איז שטאָט אַרויס אויפן פעלד.

דאָרט איז שוין געשטאַנען ר׳ יוסף לאָקיש מיט אַלע גבאים. זײ זענען געװען שטאַרק פאַריאַכמערט. צו ר׳ געצל גדליהן דעם זאַאיקען איז גאָר נישט געװען צו רעדן. ער האָט געמאַכט מיט די הענט, מיט די פּיס, מיט די אויגן און מיט דער צונג און מיט אַלע רמ״ח אברים. דאָס מויל האָט אים געשפּריצט מיט שפּײעכץ און ער האָט נאָר געװאָלט רעדן. קײנער האָט נישט געװוּסט, װאָס ער װיל זאָגן. ס׳איז נישט געװען קײן צײט צו װאַרטן און צו קוקן ר׳ געצל גדליהן אין מויל אַרײַן ביז ער װעט ענדלעך פון דאָרט אַרויסבאַקומען, װאָס ער װיל.

די כעלעמער שנײַדער זענען אַלע געשטאַנען מיט זײערע פּאַפּירענע מאָסן און מיטן שנײַדערישן קרײַד אין די הענט גרײט צו מעסטן און צו פאַרשרײַבן.

כעלעמער קהל האָט זיך אויסגעלײגט אויפן בית־הקברות כפי מען האָט געהײסן. די שנײַדער האָבן יעדן אײנעם אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברײט װיפל ער דאַרף האָבן אויף אַ קבר. מען האָט אַלצדינג פאַרשריבן אויפן פּונקט. און ר׳ יוסף לאָקיש איז שוין געשטאַנען און געחשבונט.

װען ר׳ יוסף איז פאַרטיק געװאָרן מיט זײנע חשבונות, האָט מען אָפּגעמאָסטן דאָס פעלד װיפל מען באַדאַרף דערפון אויף אַ בית־עלמין. דאָס בית־עלמין האָט מען אַרומגעצוימט מיט אַ גדר. אויפן גדר האָט מען צוגעקלעפּט אַ צעטעלע: „בלע המות לנצח“.

קהל איז אַהיימגעגאַנגען בשמחה, וואָס איבער הונדערט און צוואַנ־
ציק יאָר וועט יעדער איינער האָבן ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. חברה־
קדישא האָט פונדאָסניי געמאַכט די גרויסע סעודה. שמחת־תורה האָט
מען ר׳ געצל גדליהן דעם זאַאיקע אויסגעקליבן פאַר גבאי. כמנהג, ווי
עס פירט זיך אין יידישע שטעטלעך, האָט מען דעם נייעם גבאי געמאַכט
די גרויסע מישקאַנטע, און טאַקע נאָך אין דעם אייגענעם שמחת־תורה.

# כעלעמער בית־הקברות

(אַ מעשה אין פערזן)

כעלעם איז אַ שטאָט פון גרויסע נאַראָנים,
און אַז מ׳שמועסט, איז דאָך וואָר.
דערצייל איך אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן
פאַר הונדערט פופציק יאָר.
כעלעם איז דעמלט אַ קליינער ישוב געווען, האָט נישט
געהאַט קיין אייגענעם חזן, קיין אייגענעם רב.
די וועלט האָט פון כעלעם נישט געהערט.
כעלעם האָט מיט הרוביעשאָוו פאַרקערט.
און ס׳איז געווען גרויסע צרות:
שבת הגדול און שבת תשובה איז נישט געווען, ווער ס׳זאָל זאָגן
אַ דרוש.
האָט זיך געטראָפן אַ חתונה, איז הרוביעשאָוו געקומען נאָך ר״חש.
און אויף אַ ברית־מילה ביי אַ בעל־הבית
איז נישט געווען, ווער ס׳זאָל נעמען סנדקאות.
ס׳איז נישט געווען וועמען דעם חמץ צו פאַרקויפן.
און מיט אַ שאלה —
האָט מען געדאַרפט קיין הרוביעשאָוו לויפן.
ערגער פון ערגער איז אָבער געווען אָן אַ בית־הקברות.
האָט זיך געמאַכט אַ בר־מינן,
האָט ער נעבעך געמוזט אָפּקומען חיבוט־הקבר מיט גלגול־מחילות,
פאָרנדיק פון כעלעם קיין הרוביעשאָוו איבער בערגער און גריבער,
און זיך צעטרייסלען און צעברעכן די ביינער מיט די גלידער.
זענען זיך צונויפגעקומען אַלע שטאָט־לייט אויף אַ גרויסער
אסיפה און גענומען טראַכטן:

בכן, ס׳איז פאַר זיי אַ גרויסער חסרון,
וואָס טויג זיי, זיי זאָלן דאַרפן אַלע נאָכן טויט פאָרן?
אַז זיי וועלן האָבן אַן אייגענעם בית־הקברות,
וועלן זיי דאָס אַלץ פאַרשפּאָרן...
הכלל, האָבן זיי דערלאַנגט אַ בקשה צום גובערנאַטאָר,
ער זאָל זיי זיין מתיר:
בכן, זיי זענען אויף גרויסע צרות,
ווילן זיי האָבן אַן אייגענעם בית־הקברות.
ס׳האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט.
די חשובי־העיר האָבן זיך געשטעלט,
חדשים האָבן זיי מיט די שרייבערס געקערט און געפּאָרעט;
פּאָליציי אַליין האָט זיך פאַר דעם געסטאַרעט,
ביז מ׳האָט באַקומען פון גובערנאַטאָר די גוטע חתימה.

II

איז אין בעלעם געוואָרן שמחה וששון.
מ׳האָט גענומען זינגען און טאַנצן אין די גאַסן.
אַ קליינעקייט עפּעס — אַן אייגענער בית־הקברות!
דאַרף מען דאָך שוין גאַנץ הרוביעשאָוו אויף כפּרות...
באַלד האָט מען אויסגעזוכט אַ פּרה אדומה
און דער שוחט ר׳ יהודה,
האָט זי געקוילעט אויף אַ גרויסער סעודה.
אויף אַ גרויסן עולם האָט מען זיך געטאָן ריכטן,
און ביים עסן האָט מען גענומען ברייט פאַרן בית־הקברות טראַכטן:
אויף וועלכן פּלאַץ וועט זיין פאַרן בית־הקברות בעסער?
וואָס פאַר אַ פּאַרקאַן
און וואָס פאַר אַ שלעסער?
איינער האָט געזאָגט, מ׳זאָל דעם בית־הקברות מאַכן
אויפן שפּיץ באַרג.
אַ צווייטער האָט פאַרגעלייגט — ביי אים אויפן גאָרן.
אַ דריטער האָט אָנגעוויזן, אַז ס׳וועט זיין אַ גרויסער חסרון:
ווייל טאָמער וועט וועלן אַ מת קומען עמעצן צו חלום,
וועט ער אַראָפּפאַלן און ברעכן דעם קאַרק...

איז שוין גלייכער, זאָגט ער:
— אין מאַרק,
פּונקט אינדערמיט.
פֿאַר יעדן נאָענט און גוט.
איטלעכער אויף זיין משפחה,
ווערט געבן השגחה.
מיט אַ גלעזל קאַווע,
מיט אַ גלעזל טיי,
און אויף אַ געלעגער —
אַ פּריש ביסל היי...
איינער איז געקומען מיט גאָר אַ נייעם חלום:
מ'זאָל מאַכן צוויי,
איינעם אויף אינדערוואָכן
און איינעם אויף שלש רגלים...
אַזוי האָט מען געטראַכט
אַ האַלבע נאַכט,
געבראָכן די מוחות
איבער די כוחות.
יעדער מיט זיין פּלאַן,
מיט זיין עצה.
פּלוצלינג איז ארויס אַ מאַן מיט אַן אויפּטו אַ נייעם.
אַ ריכטיקע שאלה:
— ווי אַזוי קאָן מען אויפשטעלן אַ בית־החיים?
— ווי אַזוי קאָן אַ ריין שטיקל פעלד דעם נאָמען בית־הקברות האָבן,
אַז מ'האָט אויף דעם נאָך קיינעם נישט באַגראָבן?
— גערעכט! — האָבן אַלע געשריגן — גערעכט!
עס לייגט זיך אויפן שכל...
אָבער זייט מוחל —
די שאלה איז זייער האַרב:
— ווו נעמט מען אַ מת צו דער ריכטיקער מינוט,
אַז גראָד אַצינד וויל אין בעלעם קיינער נישט מאַכן אַ שטאַרב!
איז דאָך ווידער נישט גוט.

איז מען געזעסן, ווידער געטראַכט און געטראַכט
אַ גאַנצע נאַכט,
און ס׳איז געבליבן,
אַז כעלעם קאָן אויף אַ מת נישט וואַרטן.
אַ בית־הקברות מוז מען באַלד האָבן.
איי, ווו נעמט מען אַ מת צום באַגראָבן?
דאַרף מען זיך געבן מי.
און אויב ס׳וועט נישט זיין הי,
מ׳וועט נישט קריגן אַ היגן —
דאַרף מען זען פון דער פרעמד פאַר געלט קריגן...

III

און אַזוי איז געבליבן.
האָט מען אויסגעקליבן
צוויי פון די חשובי־העיר.
געדונגען האָט מען אַ פור;
געלט האָט מען צונויפגעזאַמלט נאָך פריער.
מען האָט גענומען ביי יעדערן.
אָרעמעלייט האָבן געברענגט אפילו פון די קישנס די פעדערן.
ס׳איז געווען אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך,
און צדה לדרך.
גאַנץ כעלעם האָט זיי באַגלייט,
און מיט אַ ניגון.
ס׳זענען מיטגעלאָפן קינדער פון די וויגן.
און אָנגעווונטשן האָט מען די לייט,
זיי זאָלן זיין מצליח,
אַז גאָרנישט ווייט
אין ערשטן שטעטל זאָלן זיי אַ בר־מינן קריגן.

IV

הקיצור:
זענען זיי געקומען אין אַ שטעטל,

אָן עיר מצער.
זיך דערפרעגט צו אַ מצבה־קריצער:
צי ווייסט ער נישט עפּעס אָן אופן,
וווּ ס'איז דאָ אַ מת צו קויפן.
יענער איז נישט געווען קיין נאַר.
פאַרשטאַנען באַלד, דאָס זענען בעלעמער קלוגע יונגען,
און וויפל מ'וועט זיך הייסן, וועלן זיי זיך נישט דינגען.
מאַכט ער צו זיי:
— איר האָט געטראָפן פּונקט ווי אין קאַרב,
גראָד היינט האָט איינער געמאַכט אַ שטאַרב,
און קהל דאַרף דעם הקדש רעפּערירן,
וועט מען אים אוודאי לאָזן אַרויספירן.
איר וועט אָבער פאַר אים דאַרפן צאָלן אויפן לויט.
האָט עפּעס אַ ווערט געלט אין אַ גרויסער נויט?
האָבן די בעלעמער באַצאָלט, וויפל מ'האָט פאַרלאַנגט.
די נאַראָנים האָבן זיך אָבער נישט באַקלערט,
אַז מ'האַלט זיי פאַר פערד,
אַז מ'האָט זיי אַ לעבעדיקן פאַר אַ טויטן פאַרשטעלט...
אַבי ביי זיי אויסגענאַרט דאָס געלט...
און פון גרויס גדולה
האָבן זיי אים נישט אָנגעקוקט אפילו.
און אַנטלאָפן, ווו דער פעפער וואַקסט
מיט דעם שיינעם לאַקס...

V

ווי זיי זענען אָפּגעפאָרן עטלעכע מייל,
זענען זיי די הערציער אַוועק דערווייל.
זענען זיי אַריין אין אַ קרעטשמע טרינקען אַ גלעזל אָקעוויט.
דעם לעבעדיקן בר־מינן איז אויפן וואָגן אויך געוואָרן נישט גוט.
האָט ער זיך געטאָן טראַכטן:
— איר וועט זיך דאָ אַ שוואַרץ יאָר אויסרעכטן.
איך וועל אייך דאָ אָפּקלאָגן,
וועל אויסדרייען און אָפּקראַצן מיט פערד און וואָגן.

דערנאָך וועט איר מיך מעגן יאָגן
און צום ונתנה־תוקף קלאָגן...
דער בחור האָט נישט לאַנג געקלערט
און אויסגעדרייט און אָפּגעקראַצט מיט וואָגן און פערד...
די כעלעמער קומען אַרויס,
נישטאָ די פור פאַרן הויז.
פינצטער איז זייער וועלט,
כ׳האָט זיי אָפּגעקאָסט אַזוי פיל געלט.
ווי אַזוי קומט מען צו קהל?
קרח מכאן און קרח מכאן...
די לייט קומען צוריק מיט אַ געוואַלד אין קרעטשמע אַריין.
איז דער קרעטשמער אויף זיי אויפגעזעסן ווי אויף אַ געפּגרטן פערד:
— אַ בר־מינן לאָזט מען איבער אַליין?
מ׳דאַרף אים היטן, ביז מ׳לייגט אַריין טיף אין דער ערד...
מן־הסתם האָט איר אים געלאָזט אַליין איבער,
האָט ער אָפּגעקראַצט קיין קיר״ה אַריבער...

VI

די כעלעמער זענען אַוועק אַהיים אבל וחפוי ראש.
אין כעלעם קוקט מען אויף זיי אַרויס,
ווי אויף משיחן.
קוים זיין זענען געקומען מיט די פיס צו קריכן,
און דערציילט, וואָס מיט זיי האָט געטראָפן.
מילא, איז געוואָרן אין כעלעם אַ יאָמער און אַ געוויין
עד לשמים.
שלעכט:
זאָל מען ווידער קויפן אַזאַ העלד,
איז נישטאָ קיין געלט.
און צווייטנס — טאָמער מאַכט ער אויך אַ ויברח...
און דאָ איז גרויסע צרות.
מ׳דאַרף עפענען דעם בית־הקברות —
האָט מען געטראַכט און געטראַכט,
דריי טעג מיט אַ נאַכט.

און מ'איז געפאַלן אויף אַ גוטן פּלאַן:
ס'מוז פון די אייגענע שטאָט־לייט
אַ בר־מינן זיין צו דער צייט...
נאָר אַזויווי קיין בעלעמער וויל אויף צו־להכעיס פּונקט
אַצינד נישט שטאַרבן,
איז דאָ אַ פּלאַן:
מ'זאָל גוזר־תענית זיין.
אנשים, נשים ותף זאָלן אַזוי לאַנג פאַסטן,
ביז ס'וועט זיין אַ היימישער אַריינצולייגן אין קאַסטן...
און געבליבן איז בהסכם כולם:
קודם־כל זאָל מען אויסזאָגן אַבּצן מאָל תהילים,
און גאַנץ מעמדות אויסזאָגן,
און די גאַנצע שטאָט זאָל זיך לאָזן מלקות שלאָגן.
און חברה נאראָנים האָבן גענומען פאַסטן אַזוי לאַנג,
ביז איינער איז געוואָרן קראַנק.
מילא איז געוואָרן אין שטאָט אַ שמחה מיט אַ פרייד,
די חברה קדישא איז געקומען גרייט.
דער גבאי שטייט שוין מיט דעם „מעבר יבוק“,
און טיילט דער גאַנצער חברה טאַבאַק.
און איטלעכער באַזונדער האָט אים דעם דופק געטאָן טאַפּן,
מ'וואָלט אים שוין גערן פון בעט אַרויסכאַפּן.
איינער הופּט זיך אָן:
—מ'דאַרף שוין ליכט ברענען.
אַ צווייטער שלעפּט שוין פון קישן אַ פּענע...
הכלל, זיי זענען איבערן חולה אַזוי לאַנג געשטאַנען,
ביז די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען.
זאָגט איינער:
—איך וועל אייך זאָגן שענער:
אפשר וועט ער מאַכן אַ ויברח ווי יענער?
וועל איך אייך זאָגן אַ נייע מאָדע:
מ'זאָל אים אַ האַנט צו אַ פוס צוקאָוועען
וועט מען זיין בטוח,
אַז ער וועט מוזן ליגן עד ביאת המשיח...
האָט מען גענומען דעם פּאַרטרעט,

אים אָנגעקאָוועט אויף האַנט און פוס אַ בראַנזלעט.
אים אָפּגעטאָן זיין רעכט —
און אַ גוטע נאַכט...

VII

ס'איז נישט אוועקגעגאַנגען קיין אַכט טאָג —
אַ יאָמער, אַ קלאָג.
פּונקט צווישן מנחה און מעריב, אום שבעה עשר בתמוז,
דער טויטער איז געקומען אין בית־המדרש פון בית־הקברות.
אַ שרעק, אַ בהלה אויף גרויס און קליין.
וואָס איז?
ס'איז אים נישט היימלעך, זאָגט ער, צו ליגן אַליין...
און ער וועט נישט אוועקגיין און וואַרטן,
ביז מ'וועט אַ צווייטן אָנגרייטן.
איז מען זיך צעלאָפן אין שרעק אַהיים,
אין לעבער און אין שפּאַלטן.
דער טויטער זיצט דריי טעג און גייט נישט אוועק.
ער זעט, ס'נעמט נישט קיין עק.
האָט ער זיך מיישב געווען אַזוי:
האָט צוגענומען די צדקה־פּושקע מיטן „כל־בו“,
אויסגעטרונקען דעם בוימל פון נר־תמיד,
איבערגעדרייט דעם עמוד,
צוגענומען דעם שופר מיט די „שטיקלעך“ פון דער גאַנצער שטאָט...

און אַלע בעזעמלעך פון באָד
און איז נעלם געוואָרן אויף גיך.

— — — — — — — —

איז געגאַנגען קהל און פאַרשריבן די מעשה אין פּנקס־ביך.
און געהאַלטן האָט מען דאָס בסוד,
אַז דער מת האָט אָפּגעקראַצט פון בית־הקברות
און פאַרפאַלן ווי אין בראָד...

---

אָט אַזעלכע שרעק און צרות,
איז כעלעם אויסגעשטאַנען ביים אָפּנעמען דעם ערשטן בית־הקברות.

# ר׳ יוסף לאָקש גייט אַנקוקן וואַרשע

לעולם האָט דער פּרנסה־חודש ר׳ יוסף לאָקש געהאַט פּעסט בדעה, אַז אפילו ווען ער וועט לעבן מתושלחס יאָרן, וועט ער זיך אויך נישט אַרויסרירן פון בעלעם. ער איז געאָרנישט געווען זשעדנע אַ קוק צו טאָן אויף אַנדערע שטעט. און טאַקע צו וואָס? ר׳ יוסף האָט געוווסט אויף זיכער, אַז בעלעם איז די קליגסטע שטאָט אין דער וועלט. וואָס וועט ער דאָ לויפן און קוקן אויף די שטעט, וווּ עס וווינען נאַראָנים?

קיינער קאָן אָבער נישט פאָרויס וויסן, וואָס עס איז אים באַשערט. דאָס רעדעלע פון דער וועלט דרייט זיך און נישט אַלע מאָל ווי מיר ווילן — און ר׳ יוסף האָט זיך פאָרט געלאָזט אין וועג אַריין, כדי אָנצו־קוקן וואַרשע.

די מעשה פון דער געשיכטע איז אַזוי:

לעבן ר׳ יוסף לאָקשן איז אין בעלעם געווען נאָך אַ פּרנסה־חודש און ער האָט געהייסן ר׳ קיווע בלאָז. דעמלט, באַלד נאָך ששת ימי בראשית, האָט מען ביי יידן נאָך נישט געהאַט געוווסט פון פאַמיליע־נעמען. מען האָט אַ ייד צוגעשטשעפּעט נאָך אַ נאָמען, נייערט לויט זיינע מעשים אין לויט אַ מעשה שהיה.

ר׳ קיווע בלאָז האָט געקראָגן זיין נאָמען צוליב זיין געשטעל. ווען מען האָט ר׳ קיווען געזען פונדערווייטנס, האָט מען קודם־כל געזען: עס גייט אַ גרויסע שיטערע פלאַקסענע באָרד מיט געוואַלדיק גראָבע וואָנ־צעס. ווען די באָרד מיט די וואָנצעס זענען צוגעקומען נעענטער און מען האָט אָנגעהויבן גוט אין זיי אַריינצוקוקן, האָט מען פאַמעלעך געזען ווי עס קוקן פון איר אַרויס אַ פּאָר שוואַרצע פייערדיקע אייגעלעך און אַ לענגלעכע שפּיציקע נאָז. ווען מען האָט אַרונטערגעקוקט הינטער דער באָרד, האָט מען ערשט דערזען דאָס דריבנע גופל פונעם צווייטן בעלע־מער פּרנסה־חודש. טאָמער האָט געבלאָזן אַ ווינט, האָט זיך די באָרד צע־

ווייעט אויף אַלע זייטן און מען האָט געמיינט: אָט כאַפּט זי און פליט אַוועק צוזאַמען מיטן פּרנס־חודש ר׳ קיווע.

דעריבער האָט מען אים גערופן ר׳ קיווע בלאָז.

ניט געקוקט דערויף וואָס ר׳ קיווע איז געווען אַזאַ דריבנע נפשל און ניט מער ווי אַ צוטשעפּעניש צו דער שיטערער פלאַקסענער באָרד — פונדעסטוועגן איז עס געווען אַ ייד אַ ווילדער עקשן און אַ תקיף בדעתו. אַ ייד אַ לאַקירדע, וואָס האָט דווקא ליב געהאַט צו זאָגן נאַכט, ווען גאַנץ כעלעם האָט געזאָגט טאָג. קיינמאָל איז ער מיט קיינעם ניט מסכים געווען. איבערצורעדן ר׳ קיווען איז ניט לייכטער געווען ווי אַוועקצורוקן דעם כעלעמער באַרג.

אויף אַ כעלעמער אסיפה איז געווען מיט אים צו זינגען און צו זאָגן און מען האָט אַוועקגעלייגט ביי אים די גאַל. דער עיקר איז ער ניט געווען שווה בשווה מיט ר׳ יוסף לאָקשן. תמיד האָט ער אים גע־זאָגט קאַפּויער. מיט אַלע כעלעמער און וועגן אַלצדינג אין דער וועלט האָט זיך ר׳ קיווע בלאָז געשפּאַרט. און דער עיקר וועגן חכמת הפּאָלי־טיקע. אַלע מלכי־ארץ האָט ר׳ קיווע בלאָז געהאַלטן פאַר שמעגעגעס. ער האָט בלויז געהאַלטן פון דעם תוגר אין סטאַמבול און פון דער שטאָט וואַרשע. ר׳ קיווע איז געווען דער איינציקער כעלעמער, וואָס האָט גע־זאָגט, אַז אין כעלעם לאָזט זיך גאָר ניט אויס די וועלט, אַז די מערקן אין סטאַמבול זענען קליגער ווי די כעלעמער חכמים און אַז וואַרשע איז שענער ווי דער כעלעמער מאַרק.

— והראיה? — האָבן געפרעגט די כעלעמער חכמים, בראש מיט ר׳ יוסף לאָקשן און זיך געביסן ביי די בערד.

— והראיה? — האָט דאָס מיילעכל פון ר׳ קיווע בלאָז אַרויסגע־קוויטשעט פון דער גרויסער פלאַקסענער באָרד — די מערקן האָבן גאָר גרעסערע שטערנס ווי די כעלעמער חכמים, און האָס פּוילישע מלכות וווינט ברוך השם אין וואַרשע און ניט אין ק״ק כעלעם.

אין אַן אַנדער שטעטל וואָלט ביי יידן אוודאי געפּלאַצט דאָס גע־דולד און זיי וואָלטן אוודאי געטאָן מיט אַזאַ ר׳ קיווע בלאָז, איך ווייס אַליין ניט וואָס. חכמים אָבער האָבן אַן אייזערן געדולד און זיי איז שווער אַרויסצוברענגען פון די כלים. כעס פּאַרט זיך ניט מיט חכמה. האָט כעלעם שטאַרק געשוויגן, געליטן פון ר׳ קיווע בלאָז, און עס גענומען פאַר ליב.

ר׳ יוסף לאַקש, דער פּרנס=חודש איז דאָך אָבער געווען אַ גרויסער בעל=חשבון — און חשבון, ווי מיר ווייסן, האָט צו טאָן מיט שכל — האָט ער הווקא געוואָלט דערגיין דעם שכל פון וואָס ר׳ קיווע בלאָז האַלט אַזוי שטאַרק פון טערק און פון וואַרשע.

מאַכט זיך אַ מעשה: קיין כעלעם איז געקומען אַן ארץ=ישראל=ייד. אַ הויכער האַרער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד מיט שפּיצן. ער האָט געטראָגן אַ ווייסן זיידענעם שלאַפראָק מיט אַ ברייטן געלן זיידענעם גאַרטל, אַ צעקנייטשטן קירהשן קעפּעליוש, אַ ווייסע יאַרמלקע, וואָס איז אים אַריבערגעקראָכן איבער די גרויסע באַהאָרטע אויערן. דער ייד איז געגאַנגען מיט אַ לאַנגן שטעקן פון עצי=זית. אויפן שטעקן איז געווען אויסגעקריצט אויף כתיבוהש „ירושלים עיר הקודש“, און דערנעבן עפּעס צוויי קעסטעלעך. דער ייד האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס בילד פון דעם „הר הבית“. דער ארץ=ישראל=ייד האָט גערעדט נייערט זוהר=לשון. שבת האָט ער בכלל נישט גערעדט קיין דברי=חול. ער האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויף קיין ווייבער. מען האָט געזען בחוש, אַז דאָס איז אַ געבאַקענער ארץ=ישראל=ייד. מחמת די כעלעמער זענען תלמידי=חכמים און שטיקלעך מקובלים, האָבן זיי זיך געקאָנט מיט אים צוזאַמענרעדן.

דער ייד האָט געטראָגן צעטראָטענע רויטע לאַטשן און זיי זענען געווען שטאַרק פאַרשטויבט. ער האָט געזאָגט, אַז ער קומט צופוס פון ארץ=ישראל און דער שטויב אויף זיינע לאַטשן איז נאָך פון דער מאַמע רחלס קבר. ער איז געקומען קיין כעלעם מיט אַ טלומעק. אין טלומעק זענען געלעגן עטלעכע שקאַרפּעטקעס, טלית און תפילין און עטלעכע זעקלעך מיט שיטערן און מאָגערן זאַמד. דעם זאַמד האָט ער אויסגעגראָבן — האָט דער ייד געזאָגט — פון אונטער רחלס קבר ווי אויך פון אונטער די קברים פון ר׳ אמי ור׳ אסי. דאָס דאָזיקע זאַמד פאַרקויפט ער איבער אַלע יידישע שטעטלעך אין פּוילן און דערפון האָט ער פּרנסה. אם ירצה השם נאָך ימים=נוראים, גייט ער צוריק קיין ארץ=ישראל און פאַרשטייט זיך, צופוס.

אַמאָל בין מנחה למעריב איז ר׳ יוסף לאַקש געזעסן מיטן ארץ=ישראל=ייד אין בית=המדרש אויף אַ באַנק לעבן גרויסן ספרים=אַלמער. ר׳ יוסף איז אַלצדינג געווען טשעקאַווע צו ווייסן. דאָ האָט ער פאַר זיך אַ ייד, וואָס האָט נישט קיין אַנדער לשון סיידן דאָס לשון פון זוהר, רעדט נישט שבת קיין דברי חול, קוקט נישט אויף קיין ווייבער און האָט אויסגעמאָסטן צופוס סיי ארץ=ישראל און סיי חוץ=לארץ. אַזאַ ייד —

האָט ר׳ יוסף לאָקש געטראַכט — קאָן מען גוט אויסטאַפּן און אויס־פרעגן צי איז דער תוגר, דער טערק, הייסט עס, טאַקע אַזאַ חכם, ווי עס מאַכט אים אַ שם ר׳ קיווע בלאָז?

ר׳ יוסף האָט האַלב אויף לשון־קודש און האַלב אויף תרגום־לשון דעם ארץ־ישראל־ייד אַ פרעג געטאָן מכוח די טערקן.

— די טערקן זענען די גאַרישסטע גוים — האָט דער ייד פּלוצעם פאַרגעסן דאָס זוהר־לשון און ר׳ יוספן געענטפערט אויף אַ זינגענדיקן קיריהשן מאַמע־לשון.

— ההיינו? — האָט ר׳ יוסף לאָקש ווייטער געפרעגט.

— ההיינו — האָט דער ייד ווייטער געזונגען אויף יידיש און גע־שאָקלט מיט דער ארץ־ישראל־באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז צום בויך און געהאַט אַ סך שפּיצן — ראשית, טראָגן זיי, די טערקן, רויטע מיצלעך ווי די אינדיקעס, והשנית, האָבן זיי זיך אויסגעקליבן ישמעאלן פאַר אַ זיידע. אַ שיינער זיידע דער פעטער ישמעאל! ער טוט גאָרנישט, נייערט זיצט אין דער מדבר מיט די פיס אויף אַרויטער, עסט סעמעטש־קעס און שיסט מיט אַ פיילנבויגן.

אַזוי איז ר׳ יוסף לאָקש דערגאַנגען על פי שכל, אַז די טערקן זע־נען גאָר די גאַרישסטע גוים, כאָטש קיווע בלאָז מאַכט זיי אַ שם פאַר גרעסערע חכמים ווי די בעלעמער.

נאָכדעם ווי ר׳ יוסף לאָקש האָט געזען ווי ר׳ קיווע בלאָז האָט מ׳שטיינס געזאָגט געטראָפן מיט די טערקן, האָט ער זיך מיישב געווען, אַז ער מוז אויך דערגיין על פי שכל צי וואַרשע איז טאַקע שענער און צי איז מלכות פוילן אַ סימן פון חכמה?

וואַרשע האָט אָבער נישט אַרויסגעשיקט קיין משולחים, ווי אַרץ־ישראל, ביי וועלכע מען קאָן זיך דערפרעגן. דאָס מלכות און וואַרשע מוז גאָרנישט וויסן וואָסערע חכמים עס געפינען זיך אין בעלעם. אפשר וויסן זיי גאָרנישט ביים מלכות, אַז די קליגסטע שטאָט אין דער וועלט געפינט זיך גאָר אין פוילן? אויב זיי וויסן דאָס נישט — האָט ר׳ יוסף לאָקש ביי זיך געטראַכט — איז דער שכל מחייב, אַז וואַרשע איז שוין דערפאַר אַליין נישט חשובער פון בעלעם.

נאָר וואָס קומט אַרויס פון בלויז טראַכטן? ר׳ יוסף לאָקש טראַכט און ר׳ קיווע בלאָז לאַכט! האָט ר׳ יוסף לאָקש באַשלאָסן: איינמאָל מוז עס נעמען אַ סוף צו ר׳ קיווע לאַקירדע! פאָרפאַלן! ר׳ יוסף לאָקש וועט

בכבודו ובעצמו אַ גיי טאָן קיין וואַרשע און וועט אויפֿן אָרט אַ קוק טאָן הכצעקתה.

ר׳ יוסף לאָקש האָט זיך אָבער מיישב געווען: למען השלום פֿון כעלעם דאַרף מען וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן. קיין פֿויגל טאָר דערפֿון נישט וויסן. מיקלאָמפּערשט וועט עס הייסן: ר׳ יוסף לאָקש האָט עפּעס מסחרים ביי אַ נאָענטן פּריץ. מכלומרשט וויל ער קויפֿן ביים פּריץ תבואה, צי וואָל און ער מוז אַוועקגיין אין „הויף“ אַריין און אַ קוק טאָן אויף דער סחורה.

כך הווה. ר׳ יוסף האָט עס אפֿילו דער מרת שאָשע נישט דערציילט. אויך אַ כעלעמער ייִדענע, האָט די ניין מאָס רייד און קאָן נישט האַלטן קיין סוד. ער האָט זיך אַריינגעפּאַקט אין אַ זעקל טלית און תפֿילין, און ציחה לדרך, דערציילט דער מרת שאָשע די נישט־געשטויגענע און נישט־געפֿלויגענע מעשה מיטן פּריץ, געטאָן אַ קוש די מזוזה, געזאָגט תפֿילת־הדרך און זיך געלאָזט אויפֿן וועג קיין וואַרשע, דער עיר־הבירה פֿון פּוילן.

כדי זיך נישט צו וואַרפֿן אין די אויגן, כעלעמער חכמים זאָלן עפּעס נישט וועלן גלייבן די מעשה מיטן פּריץ, האָט ר׳ יוסף לאָקש געפֿעדערט אין וועג אַריין גאָר, גאָר כאור. די הימלען האָבן ערשט אָנגעהויבן בלייכן אויף טאָג. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען אַ נישט־פֿאַרלאָשן שטערנדל. די לופֿט איז געווען קילבלער.

פֿאַמעלעכל האָט ר׳ יוסף לאָקש אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן כעלעם פֿון די אויגן און די זון איז אַרויסגעקראָכן פֿון דעם כאורדיקן מזרח. זי האָט אָנגעהויבן צו לייכטן און צו וואַרעמען. ס׳איז געווען צווישן פּסח און שבועות. די פֿעלדער זענען געווען גרין און באַוואַקסן מיט ווייסע און געלע בלימעלעך. יונגע קאַטשקעלעך האָבן זיך געבאָדן אין די פֿעלד־וואַסערלעך. ווו עס איז נאָר געשטאַנען אַ בוים אויפֿן וועג, איז ער געווען ווייס פֿון בליעכץ. ר׳ יוסף לאָקש איז נאָך כמעט קיינמאָל נישט געהאַט אַרויס פֿון כעלעם. די אינדרויסנדיקע וועלט, ווו עס וווינען די גויים, האָט אים פֿאַמעלעכל אָנגעהויבן געפֿעלן צו ווערן. ער האָט ביי זיך געטראַכט: אַזאַ שיינער שפּאַציר קיין וואַרשע איז גאָר גוט צום בריאות.

ער איז אַזוי געגאַנגען עטלעכע שעה, געקוקט אויף דער וועלט און געטראַכט מחשבות. דער עיקר האָט ער געטראַכט וועגן ר׳ קיווע בלאָז, וואָס פֿויקט כסדר מיט וואַרשע. אָט גייט ער, ר׳ יוסף לאָקש, איצטער אַהין דערויף אַ קוק צו טאָן. ער איז אַריינגעקומען אין אַ שיינעם וואַלד.

אַלצדינג האָט דאָ געשמעקט מיט ריחות און מיט מחיה־נפשות. ר׳ יוסף לאַקש האָט באַשלאָסן, אַז איצט וועט ער אָפּדאַווענען און דערנאָך טועם זיין פון דעם צידה־לדרך.

ער האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין און זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אַ בוים דאַווענען.

נאָכן דאַווענען האָט ער געעפנט דאָס זעקל און אַ קוק געטאָן וואָס אַזוינס מרת ישאַשע האָט אים מיטגעגעבן אויפן וועג. אחוץ אַנדערע זאַכן זענען דאָרט געלעגן עטלעכע פוטער־קיכלעך און אַ פלעשל משקה.

ר׳ יוסף לאַקש האָט גענומען אַ פוטער־קיכל און אַ קעלישעקל בראָנפן.

נאָכן טועם זיין האָט ער געפילט, אַז די אויגן קלעפן זיך אים. ער איז געווען מיד פון גיין. דער וואַלד האָט געשמעקט. דאָס קעלישעקל בראָנפן האָט אויך געטאָן דאָס זייניקע.

האָט ער געטראַכט, ר׳ יוסף לאַקש: וואָס איז דאָס איילעניש? וואַרשע איז נישט קיין צוג און וועט נישט אַנטלויפן. וועט ער קומען אַהין מיט אַ האַלבער שעה שפעטער.

דאָ איז אָבער ר׳ יוספן איינגעפאַלן אַן אַנדער געדאַנק: טאָמער וועט ער חלילה פאַרגעסן דעם וועג, אויף וועלכן מען גייט קיין וואַרשע? די וועלט האָט פיר זייטן. קאָן זיך דאָך מאַכן, אַז ווען ער וועט אויפשטיין פון שלאָף וועט ער פאַרבייטן די יוצרות און פאַרגעסן די זייט, אויף וועלכער מען גייט קיין וואַרשע?

איז דאָך אָבער ר׳ יוסף לאַקש געווען אַ כעלעמער חכם, איז ער באַלד געפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט אויסגעטאָן די שיך און האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויפן מיטן וועג, מיט די שפיצן געווענדט קיין וואַרשע. איצט — האָט ר׳ יוסף געטראַכט — וועט שוין אַלצדינג זיין יאַוונע וויאַסנע און ער וועט, חלילה, נישט מאַכן קיין טעות.

ר׳ יוסף לאַקש האָט געהאַט אַ ווילדע הנאה פון דער המצאה. ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער און צו זיך אַליין געזאָגט: אָט הער לאַקירדע קיווע בלאָז! אדרבא! זאָל ער זאָגן צי איז גאָר בנמצא אויף גאָר דער וועלט אַ קליגערער ווי אַ כעלעמער ייד?

ר׳ יוסף לאַקש האָט זיך אַ צופרידענער אַוועקגעלייגט אויפן גראָז הינטערן בוים. באַלד איז ער געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

# ר׳ יוספס שיך בייטן אויס די יוצרות

ווי די שיך שטייען אַזוי, קוקן קיין וואַרשע און וואַרטן ביז ר׳ יוסף לאַקיש וועט זיך אויפכאַפּן פון דרימל — דערהערט זיך אַ שווער גע־קרעכץ פון אַ פויעריש פורל. דאָס פורל האָט זיך קוים געשלעפּט אויפן זאַמדיקן פּוילישן וועג, ווי ר׳ יוספס שיך זענען געשטאַנען. דאָס פויערל, וואָס איז געזעסן אויפן פורל האָט געשאָלטן, געשריגן און געפּאַטשט מיט דער בייטש איבער דעם צעשווינדענעם רוקן פון אַ בידנע שקאַפּעלע, וואָס האָט געבעד דאָס פורל געצויגן מיט אירע לעצטע כוחות.

עס איז געווען אַ פורל מיט פרישע צווייגן, וואָס דער פויער האָט אָפּגעהאַקט אין וואַלד. די צווייגן האָבן אַראָפּגעהאָנגען פונעם פורל און זיך אויך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד.

דאָס פורל איז פּאַמעלעך פאַרבייגעפאָרן לעבן ר׳ יוסף לאַקישס שיך. די נאָכהענגענדיקע צווייגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין די שטייענ־דיקע שיך פון בעלעמער פרנס־חודש און זיי אויסגעדרייט פּונקט קאַ־פויער ווי ר׳ יוסף האָט זיי אַוועקגעשטעלט. דאָס הייסט, איצט זענען די שיך געשטאַנען געווענדט מיט די שפּיצן קיין בעלעם.

ר׳ יוסף לאַקיש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ פרישער און אַ ניי־געבוירענער. ער טוט אַ קוק אויף זיין גרויסן זילבערנעם זייגער: ער איז געשלאָפן אַ גוטע שעה. אָט דאָס הייסט אַ פּעפּער! — האָט ר׳ לאַקיש זיך אַליין געמוסרט און זיך אָנגעהויבן צו איילן. ער טוט אַ קוק אויפן וועג, וווּ עס שטייען זיינע אויסגעטועטע שיך. זיי שטייען געטריי און קוקן אַזוי ווי ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט.

ר׳ יוסף האָט זיך אויפאיינדערגעשווינד אָנגעטאָן די שיך, גענומען דאָס זעקל מיט צידה־לדרך אויף די פּלייצעס, דעם שיינעם מגידישן שטעקן אין דער האַנט אַריין, און — הלך משה מרדכי. ער איז געגאַנ־גען מיט נייע כוחות קיין וואַרשע.

לויט ר׳ יוסף לאָקשס חשבונות האָט קיין וואַרשע נאָך געמוזט זיין אַ גוואַלדיקער מהלך. הלוואי זאָל ער מאָרגן, אם ירצה השם מיטאָגצייט דערגרייכן די ראָגאַטקעס. מען האָט געזאָגט: פּונקט מיט-וועג פון כעלעם קיין וואַרשע איז פאַראַן אַ קרעטשמע. ער וועט דאָרטן קאָנען איבערנעכטיקן. אָבער ווי שטאַרק פאַרחידושט איז ר׳ יוסף געוואָרן, ווען נאָך אַ מהלך פון קנאַפּע עטלעכע שעה האָט ער פונדערווייטנס אָנגעהויבן צו זען אַ שטאָט.

ר׳ יוסף לאָקש האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן: מן-הסתם האָט וואַרשע דערהערט, אַז עס גייט צו איר דער פּרנס-חודש פון דער קליגסטער שטאָט אויף דער וועלט, האָט זי זיך מיישב געווען: וואָס וועט זי דאָ טרייבן פּוסטע גאווה? האָט זי פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און אַקעגנגעגאַנגען ר׳ יוספן. מיר האָבן שוין אַ סך מאָל געהערט ווי אַ ייד האָט געמאַכט אַ קפיצת-הדרך. אבי דער לאַקירדע קיווע בלאָז זאָגט, אַז וואַרשע האַלט זיך גאָר מיוחסדיקער פון כעלעם.

אַזוי האָט אַ צופרידענער בײַ זיך געטראַכט דער פּרנס-חודש ר׳ יוסף לאָקש און אויך ער, פון זיין זייט, איז שנעלער אַקעגנגעגאַנגען דער הויפּטשטאָט פון מלכות פּוילן.

ווען ר׳ יוסף לאָקש איז נאָר אַריינגעקומען צווישן די ערשטע הייזער פון כעלעם, האָט ער זיך אין פּלוג אַ קאַפּעטשקע געחידושט: הזאת נעמי? דאָס איז דאָס וואַרשע, פון וועלכן קיווע בלאָז הערט נישט אויף צו דערציילן? דאָ וווינט מאַקע דער פּוילישער מלך? וואַרשע קוקט דאָך גאָר אויס אינגאַנצן ווי כעלעם!

נאָר אַ חכם האָט צייט. ער איז זיך גוט מיישב ביי יעדן געדאַנק און ביי יעדער מחשבה. טראַכט בײַ זיך ר׳ יוסף לאָקש: נישט געכאַפּט! עס איז מעגלעך, אַז די ערשטע הייזלעך זענען גלייך אין אַלע שטעט. דאָס רעכטע און גערעכטע הייבט זיך ערשט אָן ווייטער. לאָמיר טאַקע גיין ווייטער און קוקן ווי וואַרשע זעט אויס פון אינעווייניק.

גייט ר׳ יוסף לאָקש ווייטער. ער קוקט, ער דרייט אויס דעם קאָפּ, ער באַטראַכט יעדעס הייזל, יעדעס שטיינדעלע און יעדעס ווינקעלע. ער ווייסט נישט וואָס צו טראַכטן. וואַרשע קוקט אויס ווי כעלעם, כעלעם אויסן אויג!

ווי ר׳ יוסף לאָקש שטייט אַזוי און טראַכט און קוקט זיך אַרום און הערט זיך נישט אויף צו חידושן, זעט ער פונדערווייטנס קומט אָן צו גיין אַ גרויסע פלאַקסענע באָרד. טראַכט ביי זיך ר׳ יוסף לאָקש: אָט

דאָס קיוועלע! מן־הסתם האָט ער דערטאַפּט, אַז איך גיי קיין וואַרשע, האָט ער זיך מקדים געווען און געקומען אַהער פריער פון מיר. ווען איך בין געשלאָפן איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעם וועג און איך האָב אים נישט געזען. דער לאַקירדע זוכט מיך מן־הסתם אין וואַרשע און וויל מיר דאָ ווייזן את רוב עשרו. בעסער וועל איך מיך אויסבאַהאַלטן ביז דער עקשן וועט פאַרבייגיין.

ר׳ יוסף לאַקיש האָט זיך אויפאיגדערגעשווינד אַרונטערגערוקט הינטער אַ וואַנט. ווען ר׳ קיווע בלאָז איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָט ר׳ יוסף אַ צופרידענער געגעבן אַ קנאַק מיט צוויי פינגער און געזאָגט:

— זאָל ער מיך זוכן, דער לעקיש, איבער וואַרשע.

און ער איז אַ צופרידענער אַרויסגעגאַנגען פון הינטער דער וואַנט.

וואָס ווייטער ער גייט, אַלץ שטאַרקער האָט ער זיך געחידושט. בעלעם און וואַרשע זענען גלייך ווי צוויי טראָפן וואַסער. דאָס מלכותדיקע וואַרשע טוט, במחילה, נישט מער, נייערט עס קרימט נאָך בעלעם ממש אויף דער האָר. וו בעלעם שטעלט אַוועק אַ הייזל, נעמט וואַרשע און שטעלט אויף פונקט דאָס זעלביקע הייזל. אפילו די שטיינער אויף די גאַסן זענען די זעלביקע. אַפנים ווייסט טאַקע וואַרשע וואָסער קלוגע שטאָט בעלעם איז, דעריבער טוט זי נישט מער נאָר מאַלפּעוועט איר נאָך.

דאָס גיין איבער וואַרשע איז ר׳ יוסף לאַקישן אויסגעקומען קריעת־ים־סוף. אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעהיטן, אַז מען זאָל אין בעלעם נישט וויסן, אַז ער איז געפאָרן קיין וואַרשע — האָט ער, מעשה־שטן, אומעטום אָנגעטראָפן אַ בעלעמער ייד צי אַ יידענע. עפעס אַ געלויפעניש פון בעלעם קיין וואַרשע? — האָט ר׳ יוסף לאַקיש ביי זיך געטראַכט. וואָס טוען דאָ אין וואַרשע אַזויפיל בעלעמער יידן? איז אָדער — מען האָט אין בעלעם זיך געכאַפט, אַז עס פעלט דער פרנס־חודש און מען לויפט אים זוכן איבער דער וועלט? אָדער — בעלעמער יידן האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן פון קיוועלע בלאָז און זענען אַלע געלאָפן זַנקוקן די שטאָט וואָס איז, וועדליג ער זאָגט, כלומרשט שענער פון בעלעם?

און ר׳ יוסף לאַקיש האָט זיך אויף יעדן טריט געמוזט באַהאַלטן הינטער אַ וואַנט, כדי מען זאָל אים נישט זען.

ר׳ יוסף לאַקיש איז ווידער אַרויסגעקראָכן פון אַ באַהעלטעניש. ער גייט אַ ביסל ווייטער און אָט זעט ער די שול. ווידער די בעלעמער שול! דאָ האָט ר׳ יוסף צו זיך אַ זאָג געטאָן אויפן הויכן קול:

— פֿאָרט נישט קיין גאַרישע שטאָט וואַרשע, אויב זי וויל האָבן פּונקט אַזאַ שול ווי מיר אין כעלעם!

גראָד פֿון דער וואַרשעווער שול האָט ר׳ קיווע בלאָז דערציילט חידושים איבער חידושים — הגם גאַנץ כעלעם האָט געוווּסט, אַז ר׳ קיווע איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין וואַרשע, און אַלע מעשיות דערציילט ער בלויז על פּי שכל.

ר׳ יוסף לאָקש האָט זיך מיט גרויס האָפֿערדיקייט געגרייט אַרייַנצוגיין אין דער וואַרשעווער שול און צו זען, צי ר׳ קיווע בלאָזס גוזמאות האָבן טאַקע אַ האַפֿט. באותו הרגע, קוים ער האָט זיך איינגעבויגן און נאָך באַצייטנס באַוויזן זיך אונטערצושטעלן הינטער אַ וואַנט, איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך.

ער האָט זיינע אויגן נישט געגלייבט.

פֿון הינטער טיר פֿון דער שול זענען אַרויסגעגאַנגען ר׳ מנשה, דער בית־דין־שמש און דער זאַאיקע ר׳ געצל גדליה. וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט האָט ר׳ יוסף נישט געקאָנט הערן. ער האָט נאָר געזען ווי ר׳ געצל גדליה אַרבעט מיט אַלע רמ״ח אברים, פֿאַרדרייט די אויגן, זאַאיקעט זיך און וויל, זעט אויס, ר׳ מנשהן דערציילן עפּעס אַ מעשה.

— כעלעם זוכט מיך איבער וואַרשע און דער זאַאיקע שטאַמלט, אַפֿנים, אַן עצה ווי אַזוי מיך צו געפֿינען — האָט ר׳ יוסף לאָקש געטראַכט.

אַ פּרנס־חודש פֿון אַן אַנדער שטעטל וואָלט זיכער אַרייַנגעפֿאַלן אין גאווה, ווען ער וואָלט געזען ווי שטאָט קאָן אָן אים נישט לעבן איין מינוט. טאָמער שטעלט ער אַרויס אַ פֿוס מחוץ לעיר — שוין זיך שוין אין שטעטל חושך פֿון גרויס בענקעניש. קינד און קייט לויפֿן אים זוכן. ר׳ יוסף לאָקש איז דאָך אָבער געווען אַ גרויסער חכם, און יעדער חכם איז אַן עניו. האָט ער פֿון זיך אָוועקגעטריבן די שעפּטשעניש פֿון יצר־הרע, וואָס האָט אים דווקא געוואָלט אַרויספֿירן אויף די נאַרישע דרכים פֿון גאווה און איינגערעדעניש. ער האָט בײַ זיך געטראַכט: לאָז מיך כעלעם זוכן געזונטערהייט! איך וועל מיך דערווייל אומקוקן אויף וואַרשע.

ר׳ יוסף איז ווייטער געגאַנגען און עגדלעד געקומען צו דער החלטה: וואַרשע און כעלעם איז איינס און דאָס זעלביקע אויסן אויג. נאָר וואָס דען? ער האָט זיך יעדעס מאָל געמוזט באַהאַלטן הינטער אַ וואַנט. וואַרשע האָט געראַיעט מיט כעלעמער יידן.

ווי ר׳ יוסף גייט אַזוי און קוקט, בלייבט ער פּלוצעם שטיין גלייך עמעצער וואָלט אים געגעבן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. ער איז אַרייַנגעקומען אין אַ וואַרשעווער געסל, וואָס קוקט אויס פּונקט, ווי דאָס געסל אין בעלעם, אין וועלכן ער, ר׳ יוסף גופא וווינט. ער גייט נאָך אַ טריט: דאָס אייגענע הייזל אויף דער האָר ווי זיין הייזל אין בעלעם.

מן־הסתם וווינט דאָ דער וואַרשעווער פּרנס־חודש, האָט ר׳ יוסף לאָקש צו זיך געזאָגט נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת. זעט זיך אויס, אַז אין וואַרשע איז מען אַ מבין אויף בעלעם און מען מאַכט פּשוט נאָך יעדע תנועה, וואָס בעלעם טוט.

ווי ר׳ יוסף שטייט אַזוי און קוקט און האָט גרויס הנאה פון דעם הייזל פון וואַרשעווער פּרנס־חודש — זעט ער ווי פון דער הויז־טיר קומט אַרויס אַ יידענע אין אייַנגעהילטע אין אַ טערקישער פּאַטשיילע און האַלט אין דער האַנט אַ קאָשיק. משמעות גייט זי אויפן מאַרק אייַנקויפן. תחילת איז אפילו ר׳ יוספן געפאַלן אין אויג אַריין, אַז די יידענע כאַפּט עפּעס ווי אַן אָנבליק פון דער מרת שאָשע. נאָר ר׳ יוסף האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די וואַרשעווער פּרנס־חודשטע און אַז אַלע פּרנס־חודשטעס האָבן איין פּנים.

און ר׳ יוסף האָט באַשיינפּערלעך דערזען, אַז די וועלט האָט אומעטום דאָס זעלבע פּנים. וואַרשע איז בעלעם און בעלעם איז וואַרשע.

# מעשות מ'ט א קאַץ

# די קאַץ אין כעלעם

אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט, אָבער כעלעם בלייבט כעלעם. אינמיטן שטאָט איז נאָך אַלץ געשטאַנען די גרויסע שול מיטן אויפשריפט: „זה השול שייך לכעלעם" — די שול געהערט צו דער שטאָט כעלעם. לעבן דער שול איז געשטאַנען אַ קליין רויט טישל. לעבן טישל אַ שטול. אויפן שטול איז געזעסן דער שטאָט־שרייבער, אַן אוראייניקל פון ערשטן שטאָט־שרייבער. אַז מ'איז געקומען צו אים, ער זאָל אָנשרייבן אַ בריוול, האָט ער קודם געפרעגט איבער דער, צו וועמען מען שרייבט דאָס בריוול איז אַ טויבער? אויב יאָ, האָט ער דאָס בריוול געשריבן מיט גרויסע אותיות.

דער שטאָט־שמש האָט געוווינט האַרט ביי דער שול. לעבן זיין שטיבל איז געווען צוגעבויט אַ באַזונדער שטיבעלע, ווו עס זענען געשטאַנען אַלע לאָדנס פון שטאָט און אַ גרויסער טיש.

די לאָדנס זענען געשטאַנען דאָרטן, ווייל אויב דער שמש זאָל, חלילה, קראַנק ווערן און נישט קאָנען גיין קלאַפן פאַרטאָג אין די לאָדנס און רופן די באַלעבאַטים אין שול אַריין, זאָל ער האָבן די לאָדנס פון אַלע באַלעבאַטים גלייך אונטער דער האַנט.

דעם גרויסן טיש ווידער האָט כעלעם געהאַלטן אויף ווינטער. שוין כמה יאָרן ווען ס'פאַלט אוים אַ שניי היטן זיך די כעלעמער אים נישט צו צעטרעטן און שוואַרץ מאַכן. אָבער דער שמש מוז דאָך וועקן דעם עולם פאַרטאָג, ער מוז דאָך רופן די יידן אין שול אַריין, און ער וואָלט דאָך מיט זיינע שטיוול צעטראָטן און איינגעריכט דעם שניי, האָט מען איינגעפירט, אַז ווען ס'פאַלט אוים אַ שניי קומען פיר באַלעבאַטים צום שמש און זעצן אים אַרויף אויף אַ טיש און טראָגן אים איבער דער שטאָט.

אינמיטן שטאָט, לעבן שול־הויף, איז אויך געשטאַנען אַ פאַרקאַן געמאַכט פון ברעטער און אין די ברעטער זענען געווען דורכגעשניטן

אַ סך קײלעבדיקע שמאָלע לעבער. דער פאַרקאַן איז געװען האָס געפענגעניש פון שטעטל. האָט זיך עמעצער פאַרזינדיקט, האָט מען אים געהײסן אַרײנשטעקן די הענט אין צװײ לעבער, געגעבן צו האַלטן אין די הענט צװײ רײפן און געלאָזט שטײן אַלײן, אָן אַ שומר. דער פאַרברעכער האָט נישט געקאָנט אַנטלױפן, װײל ער האָט דאָך געהאַלטן די רײפן אין די הענט. איז ער אַזױ טאַקע געשטאַנען, ביז מ'האָט בײ אים אַרױסגענומען די רײפן פון די הענט.

נישט װײט פון דעם געפענגעניש זענען געהאָנגען צװײ לאַמטערנס אויף צװײ הױכע סלופּעס. צו די סלופּעס איז געװען צוגעקלאַפּט אַ גרױסע שילד: „האָ זוכט מען". איז בײ עמעצן, בײנאַכט אין אַ פינצטער זײטיק געסל אַרױסגעפאַלן אַ מטבע און זיך ערגעץ פאַרקײקלט, איז ער געקומען זוכן די מטבע אינמיטן מאַרק צו די צװײ סלופּעס מיט די לאַמטערנס, װו ס'איז געװען ליכטיק אַ מחיה.

די בעלעמער האָבן פאַרמאָגט אַ סך בהמות. יעדער באַלעבאָס האָט געהאַט אַ קו און דאָס הײ פאַר דער קו האָבן די בעלעמער װי אומעטום געהאַלטן אױפן בױדעם. דעריבער, אַז מ'האָט געדאַרפט געבן הײ אַ בהמה, האָט מען זי געמוזט שלעפּן אױפן בױדעם. דערױף זענען די בעלעמער געװען גאָר גרױסע מײסטערס. זײ האָבן אױפגעבױט טרעפּ, װאָס דרײען זיך װי אַ ראָד אין אַ מיל, און מיט אַזעלכע קונציקע טרעפּ האָבן זײ געשלעפּט די קי אױף די בױדעמער צום הײ.

אַזעלכע קלוגע אײנפירונגען און אײנפאַלן האָבן די בעלעמער פאַרמאָגט. אָבער װי קלוג די בעלעמער זאָלן נישט האָבן געװען, האָבן זײ אַלײן מודה געװען, אַז קײן מיטל צו פאַרטרײבן מײז האָבן זײ נישט.

* *

*

און מײז זענען אין בעלעם געװען גאַנצע האָרדעס. זײ האָבן פאַראומערט דאָס לעבן פון די בעלעמער באַלעבאַטים. פונװאַנען זײ האָבן זיך גענומען, האָט קײנער נישט געװוסט. שױן מכּמה יאָרן אַזױ. מאָדנע מײז זענען דאָס געװען. זײ האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר קלײן און גרױס. אינמיטן טאָג האָבן זײ אַרומשפּאַצירט איבערן מאַרק. און נישט נאָר אין מאַרק. זײ האָבן זיך געמאַכט הײמיש אין אַלע הײזער און קראָמען און אָנגעשפּאַרט אפילו אין שיל.

איבערהויפּט איז געווען צרות, ווען די כּעלעמער האָבן זיך געזעצט עסן. ווי נאָר די מייז האָבן דערשמעקט שפּייז, זענען זיי אַרויס פֿון אַלע לעכער און באָרעם און געשפּרונגען אין די טעפּ, אויפֿן טיש, אין די טעלער אַריין — געריסן דעם ביסן פֿון מויל.

האָט מען איינגעפֿירט אין כּעלעם אַזאַ מנהג: ווען מ'האָט געגרייט צום טיש, האָט מען ווי אין גאָר דער וועלט געלייגט גאָפּל־מעסער, געשטעלט טעלער, גלעזער און אַ זאַלצמעסטל; אָבער לעבן יעדן טעלער האָט מען אַוועקגעלייגט אַ בינטל ריטער. אַז אַ כּעלעמער האָט געגעסן, האָט ער אין דער רעכטער האַנט געהאַלטן דעם גאָפּל אָדער דעם לעפֿל און אין דער לינקער האַנט דאָס בינטל ריטער אַוועקצוטרייבן די מייז. שניידן פֿלייש האָט קיינער נישט געקאָנט אַליין. איינער האָט געדאַרפֿט צוהאַלטן דאָס פֿלייש מיט אַ גאָפּל און דער אַנדערער האָט געשניטן, ווייל איין האַנט איז אַלעמאָל געווען פֿאַרנומען מיט דעם בינטל ריטער.

* * *

טרעפֿט איינמאָל, אַז אין כּעלעם פֿאַרבלאָנדזשעט אַ פֿרעמדער ייִד, אַ ליטוואַק, טאַקע גלייך פֿון ווילנע. גייט דער ליטוואַק אָנקוקן די שטאָט מיט אירע חידושים. ער קוקט און קוקט און קאָן זיך נישט אָנקוקן צו דער זעט. ער האָט געהערט פֿון כּעלעם, אָבער קיינמאָל האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּמאָלן, אַז אַ שטאָט זאָל האָבן אַזעלכע משונהדיקע מענטשן און אַזויפֿיל משונהדיקע מנהגים.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער באַקוקט די שטאָט. אין אָוונט איז ער אַריינגעפֿאַלן אין דער אכסניא אַ מידער און אַ הונגעריקער.

ער האָט זיך אָפּגערוט און געבעטן עסן. קומט אַ באַדינער און גרייט צום טיש. זעט דער ליטוואַק ווי דער משרת שטעלט טעלער, גלעזער, לייגט גאָפּל־מעסער און אַ בינטל ריטער.

זאָגט דער ליטוואַק:

— אַ סך וווּנדער האָב איך הײַנט געזען אין שטאָט און איך ווייס, אַז אין כּעלעם פֿרעגט מען נישט קיין קשיות. אָבער דאָ, זאָגט מיר נאָר, צו וואָס דאַרפֿט איר ריטער אויפֿן טיש?

ענטפֿערט דער באַדינער קורץ און שאַרף:

— פֿאַר די מייז.

— וואָס מיינט איר, פאַר די מייז? — פרעגט דער ליטוואַק פאַרוווּנדערט.

— איר וועט שוין זען — ענטפערט דער באַדינער.

און דער ליטוואַק האָט טאַקע געזען. ווי נאָר מ'האָט אַוועקגעשטעלט דאָס געקעכץ אויפן טיש, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מייז פון אַלע ווינקעלעך און צעטראָגן יעדעס פּיצעלע שפּייז.

— און אַצינד — זאָגט דער באַדינער רואיק — וועל איך אייך דערלאַנגען נאָך אַ מאָלצייט, אָבער אויב איר ווילט, אַז עפּעס זאָל פאַר אייך בלייבן, נוצט די ריטער.

איצט האָט דער ליטוואַק שוין פאַרשטאַנען אויף וואָס מ'דאַרף דאָס בינטל ריטער.

נאָכן עסן גייט אַוועק דער ליטוואַק צום רב פון שטאָט און זאָגט צו אים אַזוי צו זאָגן:

— איך זע, אַז איר זענט געפּלאָגט מיט מייז, איך האָב אַ גוט מיטל ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון זיי.

דערהערט עס דער רב, ווערט ער פול מיט שמחה און הייסט דעם שמש באַלד צונויפרופן אַן אסיפה.

אויף דער אסיפה שטעלט זיך אַוועק דער פרעמדער און האַלט אַזאַ מין דרשה:

— איר זאָלט וויסן, אַז איך בין אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט. איך בין אפילו געווען, וווּ דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. אָבער אַזאַ שטאָט ווי אייער שטאָט האָב איך נאָך נישט געזען. אייער שטאָט איז די בעסטע אין דער וועלט און איר זענט די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט.

שאָקלען די בעלעמער מיט די קעפּ ווי שעפּסן: — אוודאי, אוודאי, ווער ווייסט עס נישט?

רעדט ווייטער דער פרעמדער:

— אייך איז גוט און אייער רב איז גוט. טראַכטן דאַרפט איר נישט. פאַר אייך איז אַלץ אָנגעשריבן און יעדער איינער ווייסט, אַז ער דאַרף פאָלגן און נישט פרעגן קיין קשיות. יעדער איינער פון אייך טוט וואָס מ'הייסט אים. קיינער טראַכט נישט פון נישט פאָלגן. איז דאָך גוט? אָבער וואָס טוט מען מיט די מייז? זיי פאָלגן נישט!

— נו, זאָגט־זשע אונדז טאַקע, וואָס טוט מען? — רופט זיך אָפּ בעלעמס אין איין קול.

— איך האָב אַ מיטל — זאָגט דער ליטוואַק. — ביי אונדז אין דער ליטע איז דאָ אַ קליין חיהלע. דאָס חיהלע רופט מען קאַץ. די קאַץ פאַרמאָגט גרויסע וואָנצעס, ברענענדיקע אויגן און שאַרפע נעגל. און פלינק איז זי ווי — אַ קאַץ. מיין ציטערן פאַר איר. ווי נאָר די מייז דערזעען זי, צעלויפן זיי זיך ווי דער פעפער וואַקסט. אָבער אַ קאַץ איז פלינקער פון דער פלינקסטער מויז. כאַפט זי זיי מאַקע, שטיקט און פאַרלענדט זיי.

שמועסן די בעלעמער מיט די ליפן:

— אַזוי גאָר! ס'איז האָך אַזוינס נישט געהערט געוואָרן אין בעלעם. נו, ווען קאָן מען זען די קאַץ?

ענטפערט דער פרעמדער:

— און רייזע־הוצאות?

— מירן באַצאָלן! — רופן אויס די בעלעמער.

— גוט, דערלאַנגט־זשע פינף טויזנט רענדלעך און דאָס געשעפט איז געשלאָסן.

— פינף טויזנט איז פינף טויזנט — ענטפערט בעלעם — ס'איז מאַקע־אַ סך געלט. אָבער אַזאַ חיהלע איז עס ווערט.

אָפּגעציילט דאָס געלט, ליגט דער פרעמדער אַריין דאָס פאַרמעגן אין קעשענע אַריין און לאָזט זיך גלייך אין וועג.

* *
*

דער ליטוואַק האָט געהאַלטן וואָרט. אין דריי וואָכן אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט דעם חיהלע — אַ קאַץ פון קאַצלאַנד. ער האָט געהאַלטן די קאַץ אין אַ שטייגל און די בעלעמער האָבן זי גוט באַטראַכט. שיינע וואָנצעס האָט זי, ברענענדיקע אויגן פאַרמאָגט זי און נעגל שאַרף און שפּיציק האָט זי אויך, פונקט ווי דער ליטוואַק האָט געזאָגט. ער האָט זיי נישט אָפּגענאַרט.

האָבן זיי באַדאַנקט דעם ליטוואַק און ער האָט אַרויסגעלאָזט די קאַץ פון שטייגל.

ווי דאָס חיהלע איז אַרויס פון שטייגל, האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבעט. אויסגעהונגערט איז זי געווען, האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן אויף די שפּאַצירנדיקע מייז און גענומען שלינגען אויף רעכטס און לינקס.

די בעלעמער האָבן אָנגעקוואָלן: ס'איז דאָך גאָר אַ מציאה. אין אַ צוואַנציק, פערציק יאָר קאָנען זיי אָפּשפּאָרן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן באַצאָלט דעם ליטוואַק. וואָסי, בעזעמער קאָסטן קיין געלט נישט?

זענען די בעלעמער געווען צופרידן און דער ליטוואַק איז אויך געווען צופרידן.

*          *
*

ס'זענען אוועק אַ פּאָר חדשים און פון די מייז איז אין בעלעם נישט געבליבן קיין זכר. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה. די קאַץ האָט אָנגעהויבן אָנצוטאָן שאָדן. זי פלעגט אַריין אין אַ הויז און ווו זי האָט געפונען אַ קריגל סמעטענע, אַ טעפּעלע מילך, האָט זי עס אויסגעלעקט ביזן דנאָ. פלעגט זי אָנטרעפן אַ שטיקל קעז, אַ פּיצעלע פלייש, פלעגט זי עס אויפפרעסן. אַז מען איז צו איר צוגעקומען, פלעגט זי אַ שפּרונג טאָן און — נישטאָ! גיי כאַפּ דעם ווינט.

האָבן די בעלעמער געליטן און געשוויגן. ס'איז אַלץ בעסער צו ליידן פון איין קאַץ, איידער ווי פון הונדערטער מייז.

האָט אָבער געטראָפן, אַז די קאַץ איז געווען זייער הונגעריק און זיך אַריינגעכאַפּט צום רב אין הויז. זי האָט דאָרט געפונען אַ היפּש קעזל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. גאָר אינמיטן פון דער סעודה איז אָנגעקומען די רביצין און אָנגעהויבן טרייבן די קאַץ. אָבער די קאַץ איז געווען צו הונגעריק און זיך נישט גערירט פון אָרט. איז די רביצין צוגעגאַנגען נעענטער צו דער קאַץ און זי געוואָלט אָננעמען ביים קאַרק און אַרויסוואַרפן. האָט זיך די קאַץ געטאָן אַ דריי און איינגעביסן זיך מיט אירע שאַרפע ציין אין דער האַנט פון דער רביצין. די רביצין האָט אָנגעהויבן שרייען. איז די קאַץ נאָך ווילדער געוואָרן, באַפאַלן די רביצין, צעדראַפּעט איר דאָס פּנים. און אַ צעשראָקענע אַרויפגעשפּרונגען אויף דער שאַפע און אַראָפּגעוואָרפן דאָס פּסחדיקע געפעס. דאָס געפעס האָט זיך צעפּיצלט מיט אַ בריאַזג. די קאַץ האָט זיך נאָך מער דערשראָקן, און ווידער אַ שפּרונג געטאָן אויף דער רביצין. די רביצין האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און אַוועקגעפאַלן אין חלשות. און די קאַץ איז אַרויסגעשפּרונגען דורך אַן אָפן פענצטער — און נישטאָ.

האַלב בעלעם איז זיך צונויפגעלאָפן צום רב אין שטוב. מ'האָט צוגעטשעפּעט די רביצין, זי אַוועקגעלייגט אין בעט, צוגעלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צום צעדראַפּעטן פּנים, פאַרבונדן די פאַרבלוטיקטע הענט. אַז זי האָט זיך באַרואיקט, האָט זי דערציילט וואָס ס'איז געשען.

און גלייך אויפן אָרט האָט בעלעם באַשטימט צו כאַפּן די קאַץ און זי ברענגען פאַר אַ משפּט.

*　　*

*

אַרום אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן די שענסטע באַלעבאַטים. דער דיין איז געזעסן אויבנאָן.

דער רב האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין דער, וואָס זאָל משפּטן די קאַץ. ער האָט געטענהט, אַז ווי אַ נוגע בדבר קאָן ער נאָך אָפּנייגן פון גערעכטיקייט. די רביצין איז דאָך זיין ווייב.

לעבן טיש איז געשטאַנען אַ יונג און האָט געהאַלטן די קאַץ אין אַ זאַק. לעבן יונג איז געשטאַנען די רביצין. לעבן דער רביצין — גאַנץ בעלעם.

דער דיין האָט אַ גלעט געטאָן זיין באָרד און געזאָגט צו דער רביצין:

— דערציילט, וואָס ס'איז געשען.

האָט די רביצין דערציילט פון אָנהייב ביזן סוף. פאַר אַן עדות האָט זי באַוויזן אירע צעביסענע הענט און צעדראַפּעט פּנים.

די בעלעמער האָבן זי אויסגעהערט און געשטעלט פראַגן. זיי האָבן אַראָפּגענומען די באַנדאַזשן פון אירע הענט צו זען די צייכנס פון דער קאַצס ציין. און זיי האָבן געזען, אַז אַלץ וואָס די רביצין דערציילט איז אמת. האָבן אַלע באַשלאָסן, אַז די קאַץ איז גאָר קיין קאַץ ניט, זי איז אַ טייוול.

— איז וואָס טוט מען מיט אַ טייוול? — האָבן זיי געפרעגט דעם דיין.

האָט דער דיין געזאָגט:

— ס'איז נישטאָ לאַנג וואָס צו טראַכטן. ס'שטייט געשריבן אין אונדזער תורה: „דו זאָלסט אויסרוימען דאָס בייז פון צווישן דיר“. מ'דאַרף די קאַץ פאַרשטיינען.

— ווי אַזוי אָבער קאָן מען פאַרשטיינען אַ קאַץ? — פרעגט אַ בעלעמער — ווען זי שטייט קיינמאָל נישט איין רואיק אויף אַן אָרט?

האָט דער דיין געזאָגט:

— אויף דעם האָבן מיר אַ שמש. זאָל דער שמש האַלטן די קאַץ אויף די הענט און די שטיינער וועט מען צילעווען גלייך אויף דער קאַץ.

האָט מען אויף מאָרגן טאַקע אַזוי געטאָן. דער שמש האָט זיך געשטעלט מיט דער פּלייצע צו דער שול־וואַנט. ער האָט געהאַלטן די קאַץ אויף די הענט. צוואַנציק איילן פון אים האָבן זיך אויסגעשטעלט פער־ציק בעלעמער מיט שטיינער אין די הענט. דער שענסטער באַלעבאָס האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און חברה האָט אַ האָגל געטאָן מיט די אָנגעגרייטע שטיינער.

אַ גליק, וואָס דער ערשטער שטיין האָט אַוועקגעלייגט דעם שמש אַ צעבלוטיקטן און די איבעריקע שטיינער זענען געפאַלן אויף דער שול־וואַנט, אַ נישט, וואָלט דער שמש פאַרשטיינט געוואָרן.

די בעלעמער טוען אַ קוק, דער שמש ליגט אַ צעבלוטיקטער, אַ פאַר־חלשטער און די קאַץ איז נישטאָ.

— וואָס טוט מען אַצינד? — האָט גאַנץ בעלעם אויסגעשריגן דערשראָקן.

דער דיין האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און ער האָט געענטפערט רואיק:

— צום ערשטן מינוט אָפּ דעם שמש, דערנאָך כאַפּט די קאַץ. אַז איר וועט כאַפּן די קאַץ, וועלן מיר פאַררופן אַן אסיפה.

האָט מען אַזוי געטאָן. דעם שמש האָט מען שנעל אָפּגעמינטערט, אָבער כאַפּן די קאַץ איז נישט געווען אַזוי לייכט. זי איז געווען איבער־געשראָקן און ווי נאָר זי האָט דערזען אַ מענטשן, איז זי אַנטלאָפן. אָבער די בעלעמער זענען געראָטענע און געשיקטע. נאָך צען טעג און עלף נעכט האָט מען די קאַץ געכאַפּט. מ'האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ זאַק און פאַררופן אַן אסיפה.

* *
*

אויף דער אסיפה האָט מען קודם אַ סך גערעדט און ווייניק גע־טראַכט. ערשט ווען די בעלעמער האָבן אויפגעהערט צו רעדן און אָנגע־הויבן צו טראַכטן, האָבן זיי זיך דערטראַכט צו אַזאַ מיטל:

— דער אונטערשמש זאָל מיט דער קאַץ אַרויפגיין אויפן דאַך פון דער שול און צוהאַלטנדיק די קאַץ מיטביידע הענט, אַראָפּשפּרינגען

פון דאַך. ער וועט זיכער פֿאַלן גלייך אויף דער קאַץ. די קאַץ וועט דער־שטיקט ווערן און די שטאָט וועט פּטור ווערן פון אַ צרה.

האָט מען אַזוי געטאָן. אָבער אפילו דער קלוגסטער פּלאַן געלינגט נישט אַמאָל. ס'איז געשען אַן אומגליק: דער אומגערשמש איז טאַקע אַראָפּגעשפּרונגען פון דאַך, אָבער ער האָט זיך צעבראָכן ביידע פיס און די קאַץ איז אַנטלאָפן.

די בעלעמער האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך דער קאַץ, נאָר זי איז אַנטלאָפן און אַרויפגעקלעטערט אויף אַ דאַך. אַ פלינקער, געשיקטער בעלעמער בחור איז באַלד אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך, אָבער די קאַץ איז ווידער אַריבערגעשפּרונגען אויף אַן אַנדער דאַך.

וואָס טוט מען?

האָט מען באַלד געמאַכט אַן אסיפה און באַשטימט אונטערצינדן דאָס הויז. דאָס הויז וועט טאַקע פאַרברענט ווערן, אָבער די קאַץ וועט אויך אומקומען.

האָט מען אַזוי געטאָן און אונטערגעצונדן דאָס הויז. ווען דאָס הויז האָט זיך גוט צעברענט, איז די קאַץ אַריבערגעשפּרונגען אויף אַן אַנדער דאַך. דער רב האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— צינדט אונטער דאָס אַנדערע הויז!

האָט מען אַזוי געטאָן. די קאַץ אָבער איז אַריבערגעשפּרונגען אויף אַן אַנדער דאַך. האָט דער רב ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— צינדט אונטער אויך דאָס הויז!

האָט מען אַזוי געטאָן.

די קאַץ איז נישט מיד געוואָרן אַריבערצושפּרינגען פון איין דאַך אויפן אַנדערן און אויך דער רב איז נישט מיד געוואָרן, נאָר איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט, איז גאַנץ בעלעם געשטאַנען אין פלאַמען.

און די קאַץ?

ווער האָט שוין געטראַכט פון איר, אַז פון בעלעם איז געוואָרן אַ פעלד?

ס'איז פאַרברענט געוואָרן דער מאַרק און אַלע קראָמען, וואָס זענען געשטאַנען דאָרטן. ס'זענען אַוועק מיטן רויך אַלע הייזער און שטיבלעך. אָפּגעווישט זענען געוואָרן אַלע גאַסן און געסלעך.

איז וואָס טוט מען איצט? מ'האָט פאַררופן אַ נייע אסיפה, און אויף דער דאָזיקער נייער אסיפה איז באַשטימט געוואָרן...

נאָר וואַרט און הערט!

# וואַריאַנטן פון דער מעשה מיט אַ קאַץ

## (ערשטער וואַריאַנט)

אַ שרעקלעכע מעשה איז זיך פאַרלאָפן אין כעלעם. און די מעשה איז אַזאַ: כעלעמער זענען איין מאָל אַרויס אין דרויסן און דערזען ווי אַ מין משונהדיק באַשעפעניש קריכט אויפן דאַך. וואָס קאָן דאָס זיין? האָבן די כעלעמער זיך געיאָגט און געיאָגט נאָך דעם מאָדנעם באַשע־פעניש און ענדלעך עס געכאַפט. גאַנץ כעלעם איז געלאָפן!

האָט מען גערופן אַן אסיפה און די אסיפה האָט באַשלאָסן, אַז מ'מוז פטור ווערן פון דעם ווילדן באַשעפעניש. איז וואָס טוט מען?

האָט כעלעם אָנגענומען, אַז חיימל דער תהילים־זאָגער זאָל גיין אויף קידוש־השם: ער זאָל מיט דער קאַץ זיך אַראָפוואַרפן פונעם דאַך פון בית־מדרש. אים וועט אוודאי דער תהילים ראַטעווען, און די קאַץ וועט געטויט ווערן.

נאָר געשען איז גאָר עפעס אַנדערש, אויף וואָס כעלעם האָט זיך נישט גערעכנט. חיימל דער תהילים־זאָגער איז געהרגעט געוואָרן און די קאַץ האָט זיך אויפגעהויבן, אַ מאַך געטאָן — מיאַו־או, און אַנטלאָפן.

האָט זיך די מורא פאַר דעם משונהדיקן באַשעפעניש נאָך גע־שטאַרקט. האָט זיך גאַנץ כעלעם מיט קאָמשערעס און מיט לאָפעטעס ווידער געלאָזט לויפן נאָך דער קאַץ און ווידער זי געכאַפט. איז, וואָס טוט מען אַצינד?

האָט מען גערופן אַן אַסיפה און די אַסיפה האָט באַשלאָסן, אַז מ'זאָל די קאַץ פאַרשפאַרן אין דער קליינער קלויז, וווּ פורמאַנעס און שוסטערס און שניידערס האָבן שחרית און מ'זאָל די קלויז אונ־טערצינדן.

האָט מען אַזוי געטאָן. און ווידער אַמאָל האָט מען אין פחד דער־זען: די קלויז ברענט, גייט אַראָפ ביזן פונדאַמענט, אָבער די קאַץ לעבט. זי גיט אַ שפרונג און — אַוועק.

האָבן די בעלעמער פּרנסים פאַרשריבן אין פּנקס די דאָזיקע מעשה גורא, און דער בעלעמער מגיד האָט נאָך געהייסן, אַז צום סוף זאָל מען צושרייבן:

— אַז אויף דעם זאָגט זיך אין דעם פּסוק פון משלי: „ואין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה׳, וואָס דאָס מיינט:

— ס׳איז נישטאָ קיין חכמה און קיין פאַרשטאַנד און קיין עצה אַקעגן גאָט...

אַזוי האָט דער גרויסער בעלעמער מגיד געקענט צופּאַסן פּסוקים אפילו צו אַ קאָץ!

## (צווייטער וואַריאַנט)

אַ פּרעמדער איז אַמאָל געקומען צופאָרן קיין בעלעם, זעט ער, אַז בעת מ׳גרייט צום טיש עסן, לייגט מען אַ מעסער מיט אַ לעפל מיט עטלעכע ריטלעך פון אַ בעזעם... פרעגט ער, צו וואָס זענען די ריטלעך פון בעזעם אויפן טיש?

ענטפערט מען אים, אַז אַזוי ווי אין בעלעם זענען דאָ אַ סך קליינע חיהלעך, וואָס מ׳רופט זיי מייז, און באַלד ווי מ׳זעצט זיך עסן, קומען זיי צוקריכן און רייסן דעם ביסן פון מויל, דעריבער מוז מען גלייך מיט דעם מעסער און לעפל צוגרייטן אויך די ריטלעך אויף אָפּצוטרייבן די מייז...

— קאָנט איר גאָר פון די מייז נישט פּטור ווערן? — האָט דער פרעמדער זיך געוווּנדערט.

— ווי אַזוי?

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — האָט ער די בעלעמער אָנגעקוקט — מיט אַ קאַץ.

בעלעם האָט נאָך דעמלט קיין קאַץ נישט געזען...

האָבן זיי אים געפרעגט:

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קאַץ?

האָט ער זיי דערקלערט, אַז דאָס איז אַ מזיק, וואָס רוימט אויס די מייז.

— מיר וואָלטן אייך געגעבן וויפל איר ווילט נאָר אַליין, אַז מיר זאָלן אַזאַ חיה קריגן — האָבן זיי זיך **גענומען בעטן.**

— פאַר כך וכך קאָן איך זי אייך ברענגען — האָט דער פרעמדער געזאָגט.

האָט מען אים באַצאָלט אַן אוצר מיט געלט און ער האָט געבראַכט אַ קאַץ

אין שטאָט איז געוואָרן אַ לעבן. די קאַץ האָט זיך באַלד געוואָרפן אויף די קליינע חיהלעך און אין אַ גאָר קורצער צייט האָט זי זיי אויסגעראָטן אַזוי, אַז מ׳האָט שוין געקאָנט עסן אָן אַ בעזעמל אויפן טיש.

האָט אָבער די קאַץ אָנגעהויבן אָנטאָן געוואַלדיקע צרות אין שטאָט. מ׳האָט נישט געקאָנט אין ערגעץ אַוועקשטעלן אַ שטיקל פלייש, פוטער, סמעטענע, וכדומה: אויף אַלץ איז זי אַ בעלן געווען און אַלץ האָט זי אויפגעפרעסן...

— אַ געפערלעכער מזיק! — האָבן אַלע געשריגן — מ׳דאַרף זען פון איר פטור צו ווערן.

— ווי אַזוי־זשע ווערט מען פון איר פּטור?

האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אסיפה און ס׳איז געבליבן, אַז מ׳זאָל נעמען די קאַץ, אַרויפטראָגן זי אויף אַ בוידעם און צוגעמען דעם לייטער, וועט זי נישט קאָנען אַראָפּ און דאָרט בלייבן...

האָט מען אַזוי געטאָן.

אויף מאָרגן מ׳גיט אַ קוק: די קאַץ איז ווידער דאָ.

האָט מען געמאַכט ווידער אַן אסיפה און ס׳איז געבליבן, אַז אַזוי ווי מ׳האָט זי אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם און זי האָט געקאָנט אַראָפּ צוריק אָן אַ לייטער, איז זי נישט אַנדערש, ווי עפּעס אַ גלגול, אַ דיבוק, און מ׳דאַרף איר געבן אַ תיקון.

— וואָס־זשע פאַר אַ תיקון גיט מען איר?

האָט מען נאָכאַמאָל געמאַכט אַן אסיפה און ס׳איז געבליבן, אַז מ׳דאַרף זי נעמען שבת אין שול אַריין און געבן איר שלישי...

און אַזוי האָט מען געטאָן.

האָט מען זי געפירט שבת מיט פּאַראַד אין שול אַריין, אַוועקגעזעצט לעבן רב אויף דער מזרח־וואַנט און געוואַרט אויף דער קריאה.

אַזוי ווי דער בעל־קורא האָט אויסגערופן: יעמוד ר׳ קאַץ שלישי! — האָט זיך די קאַץ דערשראָקן, אַ שפרונג געטאָן אויפן עמוד, פון עמוד אויפן באַלעמער, פון באַלעמער אין דער ווייבער־שול, אויסגעזעצט אַ פענצטער און אַנטלאָפן.

אַז פון אַלץ איז געבליבן קוילן מיט האַלעוועשקעס האָט ערשט מענטשן דורס זיין און מ׳דאַרף זי הרגענען.

— ווי אַזוי־זשע הרגעט מען זי?

האָט מען געטראַכט זיבן טעג מיט זיבן נעכט און ס'איז געבליבן, אַז מ'זאָל זי אַראָפּוואַרפֿן פֿון אַ הויכן דאַך.

האָט מען גענומען און זי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַ הויכן דאַך, איז זי געבליבן שטיין און גאָרנישט.

האָט זיך קהל ערשט אויף אַן אמת דערשראָקן.

איז דאָס דאָך טאַקע, רחמנא לצלן, אַן אָנשיקעניש...

האָט מען געמאַכט אַ פֿרישע אסיפֿה און ס'איז געבליבן, אַז אַזוי ווי מ'וואַרפֿט זי אַראָפּ פֿון דאַך, בלייבט זי שטיין אויף די פֿיס, זאָל מען זי צובינדן צום שמש און אַראָפּוואַרפֿן זיי צוזאַמען.

האָט מען אַזוי געטאָן. איז דער שמש דערהרגעט געוואָרן און די קאַץ איז אַנטלאָפֿן.

דאָ האָט מען דאָך ערשט געזען, אַז ס'איז אַ צרה, וואָס קאָן, חלילה, גאָר בעלעם חרוב מאַכן, האָט מען געמאַכט אַ גאָר פֿרישע אסיפֿה, און ס'איז געבליבן, אַז מ'זאָל די קאַץ אַרייַנוואַרפֿן אין טייַך אַרייַן...

האָט מען זי אַרייַנגעוואָרפֿן אין טייַך אַרייַן, איז זי אַרויסגעקראָכן.

האָט מען ווידער געמאַכט אַן אסיפֿה און ס'איז געבליבן, אַז אַזוי ווי מ'האָט זי אַרייַנגעוואָרפֿן אין טייַך, איז זי אַרויסגעקראָכן — זאָל מען זי צובינדן צום גבאי און אַרייַנוואַרפֿן צוזאַמען מיטן גבאי, וועט זי שוין נישט אַנטלויפֿן.

האָט מען אַזוי געטאָן.

איז דער גבאי דערטרונקען געוואָרן און די קאַץ איז אַרויסגעקראָכן.

האָט די שטאָט ערשט זיך אַרומגעקוקט, אַז דאָס איז אַ מזיק, וואָס קאָן חלילה, די גאַנצע וועלט מזיקן.

האָט מען געבראַכט אויפֿן שול־הויף אַ פֿור שטרוי, אַרייַנגעוואָרפֿן די קאַץ אין שטרוי און אונטערגעצונדן.

האָט זיך אָנגעכאַפּט דער שול־דאַך, פֿון שול־דאַך האָט זיך דאָס פֿייַער איבערגעוואָרפֿן אויף אַ צווייטן דאַך, פֿון דעם צווייטן — אויף אַ דריטן. דערנאָך האָט זיך דאָס פֿייַער אַריבערגעכאַפּט אויף דער צווייטער גאַס, אויף דער דריטער גאַס און פֿון האָרט באַרג אַרויף, ביז ס'האָט אַרומגענומען די קלייטן. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע שריפֿה און די גאַנצע שטאָט איז אַוועק מיטן פֿייַער...

אַז פֿון אַלץ איז געבליבן קוילן מיט האָלעוועשקעס האָט ערשט אויף די חורבות זיך אַרומגעשפּאַצירט די קאַץ רואיק און געלאַסן, גלייַך ווי נישט זי מיינט מען.

# כעלעם וואַנדערט

אַ גרויס אומגליק איז געשען: כעלעם איז אַוועק מיטן רויך, אויף דער אסיפה, וואָס די שטאָט האָט צונויפגערופן צו באַטראַכטן וואָס צו טאָן, האָבן די כעלעמער געריידט אַלע אויף איינמאָל, די ווייבער האָבן געשריגן. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ אומגליק איז אין ערגעץ נישט געשען. אָבער דער רב האָט זיי איינגעשטילט און געזאָגט:

— ניין, איר האָט אַ טעות. אונדזער אומגליק איז קיין אומגליק נישט. ס'איז גאָר אַ גליק! די קאַץ איז פֿאַרברענט געוואָרן, די מייז, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די נאָרעס, זענען אויסגערויכערט געוואָרן. איצט וועט מען די שטאָט איבערבויען און די הייזער וועלן זיין נייער און שענער. די גרויסע שול איז לעצטנס געוואָרן ענג, מחמת די שטאָט איז גרעסער געוואָרן און די שול איז געבליבן די זעלביקע. מ'האָט שוין אויף עטלעכע אסיפות געטראַכט פֿאַנאַנדערצושטופּן די ווענט און מאַכן די אַלטע שול גרעסער. אַצינד וועט מען אויסבויען אַ שול גרויס ווי אַ פֿעלד. די שריפֿה איז אַ גליק פֿאַר אַלעמען.

האָבן אַלע געזאָגט:

— אוודאי זענען מיר גליקלעך, אָבער ווו נעמט מען אַ דאַך איבערן קאָפּ? די הייזער זענען פֿאַרברענט געוואָרן, די קראָמען זענען אַוועק מיטן רויך, די געצטנער זענען צעטראָטן געוואָרן. קיין געלט אויף איבערצובויען די שטאָט איז נישטאָ. מיר ווייסן, אַז ס'איז אונדז גוט, אָבער וואָס טוט מען אין אַזאַ פֿינצטערער, גליקלעכער צייט?

זאָגט דער רב:

— דאָס גאַנצע אומגליק איז דאָך בלויז, וואָס מיר האָבן נישט קיין געלט איבערצובויען די שטאָט. האָב איך אַ מיטל. מיר וועלן אַרויסשיקן שליחים איבער דער וועלט. די שליחים וועלן דערציילן דער וועלט פֿון דעם גרויסן אומגליק, וואָס ס'האָט אונדז געטראָפֿן. יידן האָבן דאָך גוטע הערצער און אָפֿענע הענט. זיי וועלן אונדז העלפֿן. אַז די שליחי-

וועלן צונויפֿקלייבן געווג געלט, וועלן זיי זיך צוריקקערן קיין בעלעם און מיר וועלן איבערבויען די שטאָט.

האָט מען אַזוי געטאָן. דער רב האָט געגעבן די שליחים אַ בריוו, ווו ס'איז געווען באַשריבן די גאַנצע שׂריפֿה. ער האָט געבעטן די ייִדן רחמנות האָבן אויף אַ גרויסער ייִדישער קהילה.

ייִדן זענען דאָך רחמנים בני רחמנים, באַרמהאַרציקע און קינדער פֿון באַרמהאַרציקע. ווער ס'שטרעקט אויס אַ האַנט, גיט מען אים. האָבן די בעלעמער שליחים טאַקע צונויפֿגעקליבן אַ שיינע סומע און אָנגעהויבן זיך אומצוקערן אַהיים.

* *

*

זיצן די בעלעמער שליחים אין אַ קרעטשמע און טרינקען טיי. אַרום טיש זיצן אַ סך סוחרים און שמועסן. זיי דערציילן זיך מעשׂיות. די בעלעמער האָבן ליב הערן מעשׂיות, אָבער די סוחרים דערציילן גאָר שרעקלעכע מעשׂיות: מעשׂיות פֿון אָפּנאַרער, גנבֿים און גזלנים. צום מערסטן האָבן זיי גערעדט פֿון גזלנים. די וועגן זענען נישט זיכער, די וועלדער זענען פֿול מיט רויבער.

קוקן זיך איבער די בעלעמער און ווערן בלייך ווי קאַלך. ס'איז דאָך גאָר שלעכט. זיי פֿירן מיט זיך אַ גאַנצן אוצר. וואָס טוט מען?

האָבן זיי צווישן זיך באַשטימט, אַז מאָרגן פֿרי זאָלן זיי פֿאַר דעם גאַנצן געלט, וואָס זיי האָבן צונויפֿגעקליבן, איינקויפֿן פֿעדערן.

פֿאַרוואָס דווקא פֿעדערן? ווייל פֿעדערן זענען גרינג. פֿאַר דעם צונויפֿגעקליבענעם געלט וועלן זיי קאָנען איינקויפֿן הונדערט פֿולע פֿורן מיט פֿעדערן. געלט קאָנען די רויבער באַהאַלטן, אָבער ווו וועלן רויבער אַהינטאָן הונדערט פֿולע פֿורן מיט פֿעדערן? פֿעדערן זענען אויך אַ גאַנגבאַרע סחורה. יעדע ייִדישע טאָכטער, איידער זי האָט חתונה, קויפֿט פֿעדערן אויף צו מאַכן קישנס און פֿערענעס.

האָבן זיי אַזוי געטאָן. זיי זענען אַוועק אין שטאָט, איינגעקויפֿט זעק מיט פֿעדערן און זיך אָנגעהויבן קלויבן צוריק אַהיים. האָבן זיי זיך אָבער אַרומגעזען, אַז ס'איז דאָ אַ נייע צרה: ווי אַזוי ברענגט מען די פֿעדערן קיין בעלעם?

מ׳דאַרף דינגען אַ וועלט מיט פורן און דאָס דאַרף קאָסטן מער ווי די גאַנצע סחורה איז ווערט. און קיין געלט האָבן זיי מער נישט, קיין גראָשן נישט.

איז וואָס טוט מען?

האָבן די דריי שליחים געטראַכט און געטראַכט און זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו טראַכטן ביז זיי זענען געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן:

— פעדערן זענען דאָך גרינג. זיי קאָנען געטראָגן ווערן פון ווינט. וועלן זיי אָפּוואַרטן ביז ס׳וועט ווערן אַ ווינט, וואָס וועט בלאָזן קיין כעלעם צו. דעמלט וועלן זיי עפענען די זעק און אַוועקלאָזן די פעדערן מיטן ווינט. די פעדערן וועלן אָנקומען קיין כעלעם און מ׳וועט איינשפּאָרן הוצאות.

האָבן די שליחים טאַקע אַזוי געטאָן. זיי האָבן אָפּגעוואַרט ביז ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט קיין כעלעם צו און אַוועקגעלאָזט די פעדערן מיטן ווינט.

אַז זיי האָבן אַרויסגעלאָזט די לעצטע פעדער פון דעם לעצטן זאַק, האָבן זיך די שליחים געלאָזט אַהיים צופרידענע און רואיקע.

* *

*

די גאַנצע שטאָט איז אַרויס באַגעגענען די שליחים. באַלד האָט מען פאַררופן אַן אסיפה. דער רב האָט געבעטן די שליחים דערציילן אַלץ, וואָס ס׳האָט מיט זיי געטראָפן אויף זייער לאַנגער רייזע.

די שליחים האָבן דערציילט, אַז מ׳האָט זיי אויפגענומען אומעטום ווי אָנגעלייגטע געסט. און זיי האָבן צונויפגעקליבן אַ גאָר רעכטע מטבע. ס׳וועט זיין גענוג איבערצובויען די גאַנצע שטאָט און אויפשטעלן צוויי גרויסע שולן.

פרייט זיך די שטאָט און דער רב זאָגט:

— נו, נעמט אַרויס די ביישלען מיט געלט און ציילט אויס.

ענטפערן די שליחים און זאָגן:

— אָבער מיר האָבן נישט דאָס געלט.

פרעגט דער רב אַ דערשראָקענער:

— מ׳האָט אייך באַרויבט?

ענטפערן די שליחים צופרידן:

— גייז, מיר האָבן זיך באַוואָרנט. דאָס געלט איז קוראַנט ווי גאָלד.

— גו, דערציילט, דערציילט — טורקעט זיי אונטער דער רב.

דערציילן די שליחים:

— מיר האָבן דאָך מורא געהאַט פירן מיט זיך אַזאַ אוצר מיט געלט, האָבן מיר געקויפט פעדערן פאַר דעם געלט און זיי אַוועקגעלאָזט מיט אַ שטאַרקן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן צו כעלעם צו.

אַלעמען איז דער איינפאַל שטאַרק געפעלן געוואָרן. דער רב האָט געלויבט די שליחים פאַר זייער קלוגשאַפט און פאַר זייער זיין אָפגעהיט מיט פרעמד געלט.

*   *

*

וואַרטן די כעלעמער אַ טאָג, צוויי טעג, אַ וואָך, צוויי וואָכן. נישטאָ קיין פעדערן.

פאַררופן זיי אַן אסיפה און מ'הייבט אָן אויספרעגן די שליחים נאָך אַמאָל. דערציילן זיי ווידער די זעלביקע מעשה. פרעגט זיי די שטאָט:

— גו, אַוווּ זענען די פעדערן?

ענטפערן די שליחים:

— ס'טרעפט אָפט, אַז אפילו אַ מענטש פאַרשפעטיקט. מיט פעדערן קאָן עס אוודאי טרעפן. אָט האָט גאָר גערעגנט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק. די פעדערן זענען נאַס געוואָרן. דאַרפן זיי זיך איצט אויסטריקענען. נאַסע פעדערן קאָנען דאָך נישט געטראָגן ווערן פון ווינט. אַלע ווייסן דאָס.

— גערעכט — זאָגן די כעלעמער — גערעכט. מ'דאַרף וואַרטן, די פעדערן וועלן אָנקומען.

וואַרט די שטאָט נאָך אַ וואָך, צוויי וואָכן, אַ חודש און נאָך אַ חודש. אָבער קיין פעדערן זעט מען נישט.

פאַררופט מען נאָכאַמאָל אַן אסיפה.

ווי אַלעמאָל רעדן די כעלעמער צוזאַמען און ס'איז שווער צו דערגיין אַ טאָלק. זעט דער קלוגער רב, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, נעמט ער אַ שמעק טאַבאַק און טוט אַ שטאַרקן ניס. פאַרשטייען שוין די כעלע=

מער, אַז דער רבּ האָט זיך צו עפּעס דערטראַכט. ווערט שטיל און דער רבּ טוט אַ גלעט די באָרד און זאָגט:

— ס'איז פּשוט. די פֿעדערן האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט. זיי זענען דאָך פרעמדע און ווייסן נישט ווו כעלעם איז.

— איז וואָס טוט מען? — פרעגן די כעלעמער.

ענטפֿערט דער רבּ:

— איך האָב אַ מיטל. לאָמיר אַרויסשיקן אונדזערע אייגענע פֿע־דערן זיי צו באַגעגענען. אונדזערע פֿעדערן זענען דאָך היימישע, ווייסן זיי דעם וועג קיין כעלעם. אַז זיי וועלן אָנטרעפֿן די פרעמדע פֿעדערן, וועלן זיי זיי מיטנעמען מיט זיך.

אַז דער רבּ זאָגט, ווייסט ער דאָך וואָס ער רעדט. זענען די כעלע־מער אַוועק אַהיים, אויפֿגעטרענט די אייגענע קישנס און פּערענעס און אַוועקגעלאָזט די פֿעדערן מיטן ווינט, אַז זיי זאָלן באַגעגענען די פרעמדע פֿעדערן און זיי אָנווייזן דעם וועג קיין כעלעם.

ס'איז אַריבער אַ וואָך, צוויי וואָכן, אָבער נישט די פרעמדע פֿע־דערן און נישט די היימישע פֿעדערן האָבן זיך צוריקגעקערט.

איז דאָך ווידער שלעכט. וואָס טוט מען?

האָט מען פֿאַררופֿן אַן אסיפֿה.

* *
*

אויף דער אסיפֿה זענען אַלע געזעסן אומעטיקע און דערשלאָגענע. דער כעלעמער רבּ האָט אָבער פֿיינט עצבֿות. האָט ער אַ גוטן שמעק טאַבאַק געטאָן און געזאָגט:

— יידן, וואָס זיצט איר מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז? אַז ס'איז נישט באַשערט, איז נישט באַוואָרנט. די שלוחים האָבן זיך נישט געקאָנט העלפֿן. פֿירן מיט זיך אַזאַ אוצר מיט געלט איז דאָך געווען אַ געפֿאַר מ'זאָל זיי באַרויבן און נאָך דערצו אפֿשר הרגענען. קיין געלט האָבן זיי מיט זיך נישט געקאָנט פֿירן, האָבן זיי געקויפֿט פֿעדערן. פֿירן די פֿעדערן אויף פֿורן וואָלט געקאָסט צופֿיל געלט, האָבן זיי אַוועקגעשיקט די פֿעדערן מיטן ווינט. האָבן די פֿעדערן פֿאַרבלאָנדזשעט. נו, פֿרעג איך אייך, וואָס וואָלטן מיר געטאָן מיט אַזוי פֿיל פֿעדערן אין כעלעם? דאַרפֿן מיר דען האָבן נאָך פֿעדערן? ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס אונדזערע אייגענע פֿע־

דערן האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט. פֿרעג איך אייך: איז דאָס אַלץ, וואָס פֿעלט אייך? קיין הײַזער האָט איר נישט. אָפּגעברענט. קיין שול ווו צו בעטן גאָט איז נישטאָ. אָפּגעברענט. טרויערט איר אויף פֿאַרלוירענע פֿעדערן?

האָבן די בעלעמער געזאָגט:

— געטערעכט זענט איר, רבי, אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן? קיין הײַזער צום וווינען האָבן מיר נישט. ברויט פֿעלט אונדז אויך. איז וואָס זאָלן מיר טאָן? — און די בעלעמער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

האָט דער רב געענטפֿערט און געזאָגט:

— וויינט נישט, ייִדן, נישטאָ וואָס צו טרויערן. ס׳שטייט דאָך אין אונדזער תורה: „איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, האָט אברהם גענידערט קיין מצרים, זיך דאָרטן אויסצוהאַלטן“. און ס׳שטייט אויך אין דער תורה: „און ס׳איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, און יצחק איז געגאַנגען צו אבימלך דעם מלך פֿון די פּלשתים“. וועלן מיר אויך אַזוי טאָן. מיר וועלן פֿאַרלאָזן כעלעם און אַוועק אין דער וועלט אַרײַן.

האָבן די בעלעמער אַזוי געטאָן. זיי האָבן אויסגעוואַנדערט, זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד און זיך אויסגעמישט מיט אַלע פֿעלקער. פֿונדאַנען נעמט זיך, וואָס אין יעדן פֿון אונדז איז דאָ אַ פּיצעלע כעלעמער.

# פאַרשידענע געשיכטן

# די כעלעמער רעוואָלוציע

איבער דריי זאכן האָט זיך אין כעלעם אמאָל צעפּלאַקערט א גרויסע מחלוקה און מ׳האָט זי נישט געקאָנט איינשטילן. בעלעם האָט געקאָכט ווי אין א קעסל.

די אָרעמע ווייבער האָבן געטענהט, אז די רייכע באַלעבאָסטעס נעמען אוועק פון קצב דאָס בעסטע פלייש און לאָזן איבער פאַר די אָרעמע נאָר דאָס ערגסטע פלייש און די גאַקעטע ביינער.

די שוסטער און שניידער זענען ארויס מיט א צווייטער טענה: די חשובה רייכע באַלעבאַטים נעמען פון אייביק אָן אוועק אין בית־מדרש די גאַנצע מזרח־וואַנט און אן אָרעמער בעל־מלאכה קאָן צו דעם מזרח קיינמאָל נישט צוקומען.

די קבצנים פון באָד־גאַס האָבן געשריגן:

— די יחסנים נעמען אוועק די בעסטע עליות; שלישי און ששי; א נאַש־בראַט קאָן גאָר קיינמאָל נישט חלומען פון דעם.

די מחלוקה האָט ארומגעכאַפּט גאַנץ כעלעם. ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אז שטאָט זאָל חרוב ווערן!

וואָס זאָל מען טאָן? ווי שטילט מען איין די מלחמה? האָט דער כעלעמער רב, ר׳ יוזיפל, געפאַסט דריי טעג, געזאָגט תהילים הין און צוריק, דריי מאָל, ביז דער רבונו של עולם האָט אים אַריינגעגעבן חכמה און ער איז געפאַלן אויף א גוטן רעיון. ער האָט צונויפגערופן גאַנץ קהל אין בית־מדרש אַריין און אַליין אָנגעטאָן אַ ווייסן קיטל, איז אַרויף אויף דער בימה און מיט דעם ניגון פון כל־נדרי אָנגעהויבן:

— על דעת המקום ועל דעת הקהל לאָזן מיר וויסן צו אַלע ברידער און שוועסטער פון כעלעם, אז פון היינט אָן וועלן —

אלע אָקסן פון כעלעם באַשטיין בלויז פון ברוסט און שענקל־פלייש,

דער גאַנצער בית־מדרש — נאָר מזרח־וואַנט!

און די גאַנצע תורה נאָך פון שלישי און ששי.
דאָס אַלץ זאָל גלייך פאַרשריבן ווערן אין דעם בעלעמער פּנקס.
— ושלום על ישראל!
און די בעלעמער האָבן זיך מיט גרויס שמחה געגעבן די הענט און געזונגען ישמח משה!

# די צען ווייבער

אַמאָל האָבן זיך די ווייבער אין כעלעם צונויפֿגעקומען און האָבן באַשלאָסן, אַז זיי ווילן אויך האָבן אַ מנין און דאַווענען בציבור אַזוי ווי די מענער. האָבן זיי אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע צום רבונו־של־עולם און האָבן געטענהט:

— היתכן, פֿאַרוואָס זענען מיר ערגער ווי די מענער? פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט קאָנען דאַווענען בציבור?

האָט דער רבונו־של־עולם זיי געענטפֿערט:

— אויב איר וועט קענען אָפּציילן ביז צען, מעגט איר זיך מאַכן אַ מנין.

איז די כעלעמער רביצין געלאָפֿן און האָט צונויפֿגערופֿן צען פֿון די חשובֿסטע ייִדענעס פֿון דער שטאָט און האָט זיי אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, וואָס דער אייבערשטער האָט געזאָגט. דערנאָך האָט זי די צען ייִדענעס פֿאַררופֿן אין שול אַריין, און אַז זיי זענען אַריין אינעווייניק, האָט זי זיי אָנגעהויבן ציילן, נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך אויך אַריינגעציילט אין חשבון, איז שוין געווען עלף. איז זי געגאַנגען און האָט איין ייִדענע אַרויסגעוואָרפֿן און האָט נאָך אַמאָל זיי איבערגעציילט. דערווייל האָט זי זיך אַליין פֿאַרגעסן צו ציילן, איז שוין גאָר געווען ניין. האָט זי צוריק אַריינגערופֿן די ייִדענע, וואָס זי האָט אַרויסגעוואָרפֿן און האָט נאָך אַמאָל איבערגעציילט און האָט זיך ווידער אַריינגעציילט. איז שוין ווידער געווען עלף. האָט די רביצין געזען, אַז זי איז זיך אַלעמאָל טועה אין ציילן, האָט זי באַשלאָסן, אַז ס'איז בעסער, מ'זאָל אויסקנעטן לייםלעך און יעדע ייִדענע זאָל אַריינשטופּן דעם גראָבן פֿינגער אין דעם ליימל און מאַכן אַ לאָך. און דערנאָך וועט מען איבערציילן די לעכער, וועט מען וויסן וויפֿל לעכער, אַזוי פֿיל ייִדענעס זענען דאָ. איז אָבער צווישן זיי געווען איין ייִדענע אַ טאַבאַק־שמעקערין. האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גייט טאָן אַ שמעק טאַבאַק, איז זי אַריין־

מיט ביידע פינגער אין ליימל און האָט געמאַכט צוויי לעכער. און אַז די רביצין איז געגאַנגען איבערציילן די לעכער, האָט זי דערזען, אַז ס'איז ווידער דאָ עלף. האָט זי באַשלאָסן, אַזוי ווי פינגער קאָן מען אַריינשטופּן צוויי און אַלעמאָל קאָן מען זיך טועה זיין, איז זי געפאַלן אויף אַ בייעם פּלאַן, מ'זאָל פּרוון מיט די צונגען. וואָרום אַזוי ווי צונגען האָט יעדער איינער נאָר איינע, זאָל מען נאָך אַמאָל איבערקנעטן די ליימלעך און יעדע ייִדענע זאָל מאַכן אַ לאָך מיט דער צונג אין איינעם ליימל. איז אָבער צווישן זיי געווען איין ייִדענע, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגע נאָז, און אַז זי האָט זיך אָנגעבויגן אַריינצושטופּן די צונג אין ליימל צו מאַכן אַ לאָך, איז זי אַריין מיט דער נאָז און האָט געמאַכט צוויי לעכער, איינע מיט דער צונג און איינע מיט דער נאָז, און אַז די רביצין האָט גענומען איבערציילן די לעכער, איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווידער די זעלבע מעשה. זי האָט נישט געקאָנט נישט אַרויס און נישט אַריין און האָט נישט געוווסט ווי אַזוי צו מאַכן אַ מנין. איז זי אַריבערגעלאָפן הענדום פּענדום צום רב פרעגן וואָס זי זאָל טאָן. האָט ער געזאָגט:

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז ייִדענעס האָבן לאַנגע נעז און שטופּן זיי דאָרט, וווּ מ'דאַרף נישט?

און דער מוסר=השכל דערפון איז:

ווייבער, שטופּט נישט אייערע נעז אין קיין מאַנסבילשע געשעפטן!

# יום־כיפור און תמוז

א סוחר האָט אַמאָל געברענגט קיין בעלעם וואקס צו פארקויפן. האָט ער זיך אוועקגעשטעלט מיט א ביידל צווישן די קלייטן און קיינער קויפט נישט.

איז ער אָפּגעשטאַנען ביי זיין ביידל עטלעכע טעג און ס'איז אַלין נישטאָ קיין קונים.

געווען איז עס א קלוג יידל. איז אים איינגעפאלן א גוטער געדאנק, ווי אזוי ער זאָל פּטור ווערן פון דער גאנצער סחורה: ער איז ארויס איבער דער שטאָט און גענומען שרייען:

— יידן, גרייט זיך צום יום־הדין!

— יידן, דער יום־הדין קומט!

דערהערט יום־הדין, האָט בעלעם ארומגעכאפּט א ציטערניש.

— וואָס פאר א יום־הדין? — האָט מען גענומען פרעגן פון אַלע זייטן.

— ס'הייסט וואָס פאַר אַ יום־הדין? — האָט דאָס יידל אַלעמען אָנגעקוקט — איבערמאָרגן איז דאָך יום־כיפור.

דערהערט יום־כיפור, איז בעלעם גאָר דערשראָקן געוואָרן. ס'הייסט עפּעס איבערמאָרגן, אז ס'איז נאָך קיין תשעה־באב נישט געווען?

איז מען געלאָפן און געברענגט דעם שטאָט־לוח און געוויזן דעם ייד שווארץ אויף ווייס, אז ס'איז נאָך תמוז אויף דער וועלט. ס'דארף ערשט זיין תשעה־באב, און ווו זענען די סליחות און ראש־השנה?

— א טעות! — האָט דאָס יידל זיך צעשריגן — דער לוח אייערער האָט א טעות געהאט.

— וואָס הייסט עפּעס א טעות געהאט?

— א טעות געהאט און פּטור! — האָט דאָס יידל נישט אָפּגעלאָזט — א לעבעדיקער קאָן אויך א טעות האָבן, הײַנט א פּשיטא שוין א לוח.

— אויב אזוי — האָט בעלעם זיך דערשראָקן — איז דאָך דער שבועות קיין שבועות נישט געווען און אין אמתן פּסח חמץ געגעסן...

בעלעם איז צעטומלט געוואָרן. מ'האָט אָנגעהויבן קוקן אויפן הימל, האכט זיך טאקע, אז תמיד אין תמוז שטייט די זון העכער. אנדערע האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן שפּירן א קעלט אין די ביינער. א הארבסט־ווינטל האָט אָנגעהויבן בלאָזן אין בעלעם און דאָס יידל האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען אין די גאסן:

— יידן, גרייט זיך צום יום־הדין, איבערמאָרגן איז יום־כיפּור!

הקיצור, מ'טאָר דעם מעות לעגנער נישט ציען. פארשפּעטיקט דעם ראש־השנה, זאָל מען כאָטש דעם יום־כיפּור ארייננכאפּן.

אין בעלעם איז געוואָרן א בהלה. עולם איז ימים־נוראימדיק גע־וואָרן. מ'האָט זיך א נעם געטאָן צו סליחות, תשובה און מעשים־טובים.

דאָס יידל האָט זיך אוועקגעשטעלט צוריק ביי זיין ביידל מיט וואקס און אזוי ווי מ'האָט באהארעפּט מאכן וועקסענע ליכט און אין שטאָט האָט קיינער קיין וואקס נישט צוגעגרייט, האָבן אלע זיך געלאָזט צום יידל. ער האָט באלד ארויסגעשרויפט א הויכן מקח און אין איין טאָג דעם גאנצן וואקס פארקויפט.

פארטיק געוואָרן מיטן וואקס, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין שול אריין און געמאָלדן, אזוי ווי ער איז א גוטער חזן און פאָרט דורך בעלעם פּונקט ערב־יום־כיפּור, איז, אז מ'וועט אים גוט באצאָלן, וועט ער זיי דאַווענען כל־נדרי מיט מוסף און נעילה אויך...

די שטאָט האָט זיך אין דעם אָנגעכאפּט מיט גרויס שמחה. א קליי־ניקייט עפּעס, אנדעריש נישט גאָט אליין האָט אים צוגעשיקט.

אויף דער נאכט צו כל־נדרי, ווען גאנץ בעלעם איז געווען אין שיל און אין די בתי־מדרשים, איז געקומען צו פאָרן דעם יידלס שותף.

ער קוקט אָן: און אימה ופחד. די גאסן זענען פּוסט, די געשעפטן געשלאָסן. מ'זעט נישט קיינעם. פון די הייזער שלאָגט ארויס די שיין פון גרויסע וועקסענע ליכט. ס'איז דאָך היינט א פראָסטער דינסטיק. וואָס איז דאָס געשען? — האָט ער זיך דערשראָקן.

פון די קליינע קינדער האָט ער זיך דערוווּסט, אז ס'איז יום־כיפּור און אלע זענען אין שול.

האָט ער זיך א דערשראָקענער אוועקגעלאָזט אין שול. ער גייט צו אין דער הייך צו מזרח צו. ער גיט א קוק — זיין שותף שטייט ביים עמוד.

— וואָס איז דאָס אזוינס געשען? אינמיטן דריינען יום־כיפור. דער שותף איז דאָך קיינמאָל נישט געווען קיין חזן און שטייט פאַרן עמוד... ס'איז עפעס נישט גלאַטיק.

דער „חזן“ ביים עמוד האָט זיין שותף באַמערקט. האָט ער אים באַלד א ווונק געטאָן מיט די אויגן, ער זאָל שווייגן און האָט גענומען זינגען מיטן סקאַרבאָוון ניגון פון „אנקת מסלדך“, דעם דאָזיקן פזמון, וואָס דער גאַנצער עולם האָט נאָכגעזאָגט, מיינענדיק, אז ס'איז א נייע תפילה:

באתי לעיר והם כולם בורים.
אמרתי להם שהיום יום הכיפורים;
ומכרתי את השעוה בדמים יקרים.
גם ארבע מאות זהובים נתנו לי,
הצי לך והצי לי...
היום כאן,
ומחר — ויברח.

# אַ שיידל צום שופר

בעלעם האָט אַמאָל פון קיין שטיוול נישט געוווסט. אַלע בעלעמער האָבן געטראָגן שיך און אַ שטיוול האָבן זיי פאַר די אויגן קיינמאָל נישט געזען.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ס'פאָרט דורך אַ פרעמדער ייד, אַ גביר, אין שטיוול, און אַזוי ווי אין בעלעם איז גרויסע בלאָטעס, איז ער אַריינגעקראָכן מיט איין שטיוול אין דער געדיכטער, טיפער בלאָטע און האָט אים איינגאַנצן פאַרלוירן.

פאַר פסח, ווען די בלאָטע האָט זיך אויסגעטריקנט, האָט מען אין בעלעם געפונען אינמיטן מאַרק דעם שטיוול און ס'איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויפעניש. אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ כלי דאָס איז, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אַסיפה. געטראַכט און געטראַכט איבערן שטיוול, און ס'איז געבליבן בהסכם כולם, אַז היות דאָס איז אויסגעבויגן, איז דאָס נישט אַנדעריש ווי אַ שיידל פון אַ שופר, און דאָס איז עפּעס דער שטאָט צוגעשיקט געוואָרן מן השמים...

האָט מען גענומען דעם שופר, וואָס איז געלעגן אין אַ שיידל אין ארון־קודש, אַריינגעלייגט אין דעם שטיוול, מיט גרויס פּאַראַד אַריינגעפירט אין שול און צוריק אַריינגעלייגט אין ארון־קודש.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער פרעמדער גביר, וואָס האָט פאַרלוירן דעם שטיוול, קומט ווידער קיין בעלעם, גייט שבת אין שול דאַוונען און מ'איז אים מכבד מיט פתיחת־הארון.

ווי ער האָט געעפנט דעם ארון־קודש, איז ער נשתומם געוואָרן:

— ווי קומט אַהער מיין שטיוול? — האָט ער זיך צעשריגן.

— וואָס פאַר אַ שטיוול? ס'איז אַ שיידל פון אַ שופר!

— וואָס מיר אַ שיידל? ס'איז מיין שטיוול!

הקיצור, דער גביר האָט געוואָלדעוועט, אַז ס'איז אַ שטיוול, וואָס מ'טראָגט אויף די פיס און ער האָט אים פאַרלוירן אין די גרויסע בלאָ־

טעם. און די בעלעמער האָבן געליאַרעמט, אַז ער וויל ביי זיי מיט גע־וואַלד אויסנאַרן דאָס שיידל, דעם יקר־המציאות, וואָס דער אויבער־שטער האָט זיי צוגעשיקט. ס'איז געוואָרן אַ קריגעריי, אַ זידלעריי. ס'איז געקומען צו פּעטש, ביז דער בעלעמער פּריץ האָט דערהערט די קריגערייען און איז געקומען צו לויפן.

ביידע האָבן אָנגעלייגט זייערע טענות. דער גביר שווערט זיך מיט כל השבועות, אַז דאָס איז אַ שטיוול, און די בעלעמער באַלעבאַטים שווערן, אַז דאָס איז אַ שיידל פון אַ שופר פון ששת ימי בראשית אָן.

דער פּריץ האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און געפּסקנט, אַז אויב דער פרעמדער גביר וועט ווייזן אַ צווייטן שטיוול, וועט דאָס זיין אַ סימן, אַז ס'איז אַ שטיוול צו צוויי פיס, און אויב נישט — וועט דאָס זיין אַ באַווייז, אַז ס'איז אַ שיידל פון אַ שופר.

און אַזוי ווי דער גביר האָט דעם צווייטן שטיוול ערגעץ פאַרוואָרפן אין דער היים און נישט געקאָנט באַווייזן, אַז ער איז דער צווייטער שטיוול צו דעם, וואָס ליגט אין ארון־קודש, איז ער אָוועקגעפאָרן פון בעלעם בחרפה און פאַר אַלעמען איז דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז טאַקע אַ שיידל צום שופר משנים קדמוניות און ס'געהערט צו בעלעם.

# ניין בעלעמער האָבן זיך געבאָדן

ניין בעלעמער זענען זיך געגאַנגען באָדן אין בעלעמער טייך. אַז זיי האָבן זיך גוט אויסגעבאָדן און אַרויס פֿון טייך, האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער האָט זיך, חלילה, איינער דערטרונקען. האָט איינער גענומען איבערציילן, צי אַלע זענען דאָ. געציילט: נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי א.אַ.וו. זיך האָט ער פֿאַרגעסן צו ציילן. שלעכט, ס'פֿעלט איינער, ס'איז דאָ אַכט.

אַלע קוקן זיך איבער, יעדער דערקענט זיך, אַז ער איז דאָ. געווען זענען זיי ניין און איבערגעציילט האָט מען אַכט...

האָט אַ צווייטער גענומען ציילן, האָט ער אויך יעדן געציילט, נאָר זיך אַליין האָט ער פֿאַרגעסן, און ס'איז ווידער אויסגעקומען אַכט...

האָט אַ דריטער געפּרוּווט ציילן, אַ פֿערטער, אַ פֿינפֿטער. יעדער האָט געציילט און יעדער איינציקער האָט זיך אַליין פֿאַרגעסן צו ציילן און ס'איז געווען אַכט...

זיצן זיי די בעלעמער נאַקעטע אויפֿן זאַמד פֿונעם ברעג טייך און וויינען.

איז דורכגעגאַנגען אַ פֿרעמדער, פֿרעגט ער זיי:

— וואָס וויינט איר?

דערציילן זיי אים די גאַנצע מעשׂה, אַז זיי זענען זיך געגאַנגען באָדן, זענען זיי געווען ניין און איצטער, אַרויסגייענדיק פֿון טייך, פֿעלט איינער.

האָט דער פֿרעמדער איבערגעציילט און זיך צעלאַכט:

— שוטים, ס'פֿעלט פֿון אייך קיינער! איר זענט דאָך דאָ אַלע ניין.

— זייט נישט קיין קלוגער! — האָבן זיי אים מיט די הענט אוועקגעמאַכט — מיר אַלע האָבן איבערגעציילט איז אויסגעקומען אַכט, און ער איינער האָט איבערגעציילט, איז שוין גאָר ניין.

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער פֿרעמדער זיך אָנגערופֿן — אַז איר ווילט זיך גוט איבערצייגן אויף זיכער וויפֿל איר זענט דאָ, זאָל

יעדער איינציקער פון אייך אריינשטעקן זיין נאָז אין זאמד אריין, דערנאָך איבערציילן די לעבער, וועט איר וויסן אויף זיכער, וויפל איר זענט דאָ.

— גוט! — האָבן אלע בעלעמער אויסגעשריגן און אזוי געטאָן. האָבן אריינגעשטעקט די נעזער אין זאמד אריין, דערנאָך איבערגעציילט די לעבער, איז געווען ניין.

ערשט דעמלט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אז זיי זענען טאקע דאָ אלע ניין און קיינער פון זיי איז, חלילה, נישט דערטרונקען געוואָרן. און פון גרויס גדולה זענען זיי אלע אריינגעלאָפן נאקעטערהייט אין שטאָט אריין.

# דער דאָקטער, וואָס איז מחיה מתים

אין כעלעם איז אמאָל געקומען א דאָקטער, וואָס איז געווען א מומחה אויף אלע חולאתן און דווקא נישט קיין נאר. איין חסרון האָט ער אָבער געהאט: ער האָט ליב געהאט צו לייענען ביכער. תמיד, ווען מ'איז צו אים געקומען, האָט מען אים געטראָפן לייענען א בוך.

האָט כעלעם געזען, אז זייער דאָקטער האלט אין איין לייענען ביכער, האָט מען געמאכט אן אסיפה צו באטראכטן די זאך און ס'איז געבליבן:

היות דער דאָקטער לייענט כסדר ביכער, איז א סימן, אז ער קען נישט גוט די דאָקטאָריע. וואָרום, ווען ער זאָל קענען גוט די דאָקטאָריע, וואָלט ער דאָך שוין נישט געדארפט לייענען ביכער. דעריבער דארף מען שוין מער צו אים נישט גיין זיך היילן, נאָר אראָפּברענגען אן אנדערן דאָקטער.

ווען דער דאָקטער האָט דערזען, אז די קראנקע קומען מער נישט צו אים, און האָט זיך אויך דערוווּסט די סיבה דערפון — האָט ער ארויסגעלאָזט מודעות אין די גאסן, אז די גאנצע שטאָט: מענער, ווייבער און קינדער זאָלן זיך צונויפזאמלען אויף איין אָרט אינמיטן מארק און ער וועט ווייזן, אז נישט נאָר ער איז א גרויסער דאָקטער, וואָס קאָן היילן אלע קראנקע, נאָר ער קאָן אויך מחיה מתים זיין: ער וועט פאר אלעמען אין די אויגן מאכן טויטע — צוריק לעבעדיק — מעגן זיי האָבן שוין לאנג געשטאָרבן.

דערהערט אזא מעשה, איז זיך די גאנצע שטאָט צונויפגעקומען פון קליין ביז גרויס אינמיטן מארק און דער דאָקטער האָט זיך אוועקגעשטעלט אינדערהמיט און געזאָגט:

— נו, גיט מיר א טויטן, וועל איך אים לעבעדיק מאַכן.

— א טויטן? וואָס פאר א טויטן זאָל מען אים געבן? — האָבן יידן אָנגעהויבן ארייַנטראכטן.

— זאָל ער לעבעדיק מאַכן הערשעלע, אברהמצעס, דעם שיינעם יונגנמאַן, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט א יונג ווייבל מיט צוויי קליינע קינדער.

— אָט גיי איך און מאַך אים לעבעדיק! — האָט דער דאָקטער אויסגעשריגן און געמאַכט א באַוועגונג, ווי אָט לויפט ער...

איז אָבער באַלד אונטערגעלאָפן א פרוי און האָט גענומען וויינען:

— טייערער דאָקטער, איר גייט לעבעדיק מאַכן מיין מאַן? זאָל גאָט היטן, איר זאָלט דאָס טאָן! אז ער וועט לעבעדיק ווערן און זען, אז איך האָב שוין אַן אַנדערן מאַן, וועט זייער נישט גוט זיין. איך לעב מיט מיין איצטיקן מאַן זייער גוט, איך האָב אים שטאַרק ליב און ער מיך אויך. איך בעט אייך, דאָקטער, האָט רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן און מאַכט אים נישט לעבעדיק. איר קאָנט, ליבער דאָקטער, אַלעמען לעבעדיק מאַכן, נאָר נישט מיין מאַן!

— וועמען זשע העו זאָל איך לעבעדיק מאַכן? — האָט דער דאָקטער געפרעגט.

— זאָל דער דאָקטער לעבעדיק מאַכן יאַנקל פאָרכוטקע, א ייד א זקן, א זייער גרויסער גביר געווען! — האָט איינער אויסגעשריגן.

— זאָל גאָט היטן! — זענען אונטערגעלאָפן די קינדער מיט די אייניקלעך און גענומען בעטן דעם דאָקטער רחמים — איר וועט פון אונדז אַלע א תל מאַכן! מיר האָבן זיך שוין אַלע איינגעטיילט מיט דער ירושה: איינער האָט גענומען א הויז, דער צווייטער — דאָס געשעפט מיט סחורה, דער דריטער האָט גענומען די מיל, און אז ער וועט אויפשטיין פון קבר, וועלן מיר האָך דאָס אַלץ מוזן אָפּגעבן צוריק. דערבאַרעמט זיך, דאָקטער קרוין, און מאַכט נישט אומגליקלעך אַזויפיל פאַמיליעס!

— וועמען זשע דען זאָל איך לעבעדיק מאַכן?! — האָט דער דאָקטער זיך צעשריגן — איך מוז דאָך עמעצן לעבעדיק מאַכן!

— מאַכט לעבעדיק פייגעלען, דאָס יונגע ווייבל, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געשטאָרבן! — האָט ווידער איינער אויסגעשריגן.

— פייגעלען? איך גיי זי שוין לעבעדיק מאַכן! — האָט דער דאָקטער זיך א לאָז געטאָן אין אימפעט.

איז אָבער באַלד צוגעלאָפן איר מאַן מיט א דערשראָקן, בלאַס פנים:

— מאַכט זי נישט לעבעדיק, איך בעט אייך, טייערער און ליבער דאָקטער! טאָמער מאַכט איר זי לעבעדיק, שטאַרב איך. איך האָב שוין א פריש ווייב, א גאָר יונג מיידל גענומען.

אזוי האָט דער דאָקטער זיך עטלעכע מאָל געוואָרפֿן צו מאכן לע־בעדיק אַן אנדער טויטן און יעדעס מאָל איז מען צוגעלאָפֿן אים בעטן, ער זאָל דאָס, חלילה וחס, נישט טאָן.

— נו, יידן — האָט ענדלעך דער דאָקטער אויסגעשריגן — איצט זעט איר דאָך בפֿועל ממש, אז איך קאָן לעבעדיק מאַכן טויטע... און באלד איך קאָן לעבעדיק מאכן טויטע, קאָן איך דאָך לעבעדיקע קראנקע אוודאי און אוודאי אויסהיילן!

האָט גאנץ כעלעם ערשט געזען מיט די אייגענע אויגן, אז זייער דאָקטער איז דער גרעסטער דאָקטער פֿון דער גאנצער וועלט און אלע האָבן ווידער אָנגעהויבן קומען צו אים זיך היילן.

אים איז געווען גוט.

און כעלעם — נאָך בעסער!

# די מעשה מיטן פערד און דעם כעלעמער נאַכטוועכטער

ס'האָט זיך אַמאָל אין כעלעם געשטעלט זייער אַ שווערער ווינטער. איז געקומען פּיוול דער נאַכטוועכטער, צום רבֿ און זיך באַקלאָגט:

— ס'איז קאַלט, איך ווער פּשוט פאַרפרוירן.

האָט מען גערופן אַן אַסיפה, און באַשלאָסן, אַז מ'זאָל דעם נאַכט־וועכטער, דעם שומר, אויפנייען אַ פּעלץ, טאַקע פון אַמתן טכויר, אַז ס'זאָל אים זיין וואַרעם.

אַז דער גבאי־ראשון האָט דערזען, ווי דער שומר טראָגט דעם פּעלץ, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד:

— רבותי! מקדמונים, פון אַלע יאָרן אָן, האָט זיך דאָ געפירט, אַז בלויז איך, דער גבאי, זאָל טראָגן אַ טכוירענעם פוטער, כדי מ'זאָל וויסן ווער דער גבאי איז. אָבער איצט, ווײַ צו מיר, ווי אַזוי וועט מען וויסן ווער ס'איז דער גבאי, און ווער — דער וועכטער?

האָט מען ווידער גערופן אַן אַסיפה און באַשלאָסן, אַז דער וועכטער זאָל טראָגן דעם פוטער אויף דער צווייטער זייט מיט די האָר אַרויס.

איז דאָך גוט. מוזג עס ווידער נישט. כעלעם האָט צו קיין וועכטער נישט קיין מזל.

איז ווידער געקומען דער נאַכטוועכטער מיט אַ געשריי:

— ביינאַכט איז אַריין אין שטאָט אַ וואָלף און האָט אים געוואָלט פאַרצוקן צוליב דעם איבערגעקערטן פּעלץ מיט די האָר אין דרויסן. ווייל דער וואָלף האָט געמיינט, אַז ער, דער וועכטער, איז גאָר אַ שעפּס...

וואָס טוט מען?

האָט מען אויפסניי גערופן אַן אַסיפה, און באַשלאָסן, אַז מ'זאָל דעם נאַכטוועכטער מיטן איבערגעקערטן פּעלץ אַרויפזעצן אויף אַ פערד, אַז דער וואָלף זאָל אים נישט קאָנען טאָן קיין שום שלעכטס.

אָבער ווו זאָל דער וועכטער אוועקשטעלן דאָס פערד, ווען די נאַכט איז אויס?

האָט מען געקלערט און געקלערט און באשלאָסן, אז אזוי ווי דער גבאי טראָגט אויך א פעלץ, טאקע דעם אמתן פעלץ, טאָ זאָל ער רייטן אויפן פערד צו שחרית.

און כדי מ׳זאָל זיך נישט דארפן זאָרגן ווו צו האלטן דאָס פערד, זאָל דער גבאי נאָך שחרית אזוי ארומרייטן אויפן פערד א גאנצן טאָג.

איז אין כעלעם אזוי געווען:

דער גבאי איז געריטן אויפן פערד פון גאווה וועגן, ווי איינער זאָגט: איך טראָג א טייערן פעלץ, און איך רייט אויף א פערד!

און ביינאכט איז דער שומר מיטן פעלץ געריטן אויפן פערד. אָבער ער איז געריטן פון אָרעמקייט וועגן, צוליב זיין ביטערער פרנסה.

דאָס אייגענע פערד, נאָר פארשידענע רייטער...

און אז מען האָט אין כעלעם אמאָל א פרעג געטאָן:

— ווו איז דער גבאי?

האָט מען געענטפערט:

— ער איז אויפן פערד.

פון כעלעם טאַקע איז אוועק בכל תפוצות ישראל דאָס ווערטל: דער גבאי איז אויפן פערד.

## דאָס וואונדער־פערד

אין דעם אָרעם לאַנד פון ליטע
זינגט אַ פויגל אין אַ שמיטה.
און דערפאַר אויף יעדן ראָג
זינגט דער דלות אַלע טאָג.

זינגט דער דלות, און דער עולם
זינגט מיט אים אויף אַלע כלים;
און אַז איינמאָל קומט אַ ייד,
וואָס פאַרציט אַן אַנדער ליד,

קומט דער דלות, רייסט אים איבער,
פייפט און גרילצט און שרייט אַריבער,
ביז דער ייד פאַרשעמט און שטיל
זינגט שוין, וואָס דער דלות וויל.

*　　*
*

זוינט אַ ייד אַ גביר אַ גרויסער,
לעבט אין רחבות, ווי אַ קייסער;
שמט זיין נאָמען דורכן לאַנד
פאַר זיין גוטער, ברייטער האַנט.

קומט דאָ פלוצלונג דער נישט־גוטער,
קערט אַלץ איבער מיטן פוטער;
בלייבט דעם יידנס רעדל שטיין,
און דאָס מילכל וויל נישט גיין.

וועלכן מסחר ער זאָל פירן —
גייט אים תיכף אויף פאַרלירן;
איז פאַרלירט ער ביזן סוף:
דאָ צעפאַלן זיינע שאָף,

און דאָ ברענען זיינע וועלדער,
און דאָ טריקענען זיינע פעלדער;
ביז — זיין גוטס און האָב צערינט,
ווי אַ פייער אויפן ווינט.

בלייבט אים נאָר זיין באָרד און פאות,
און דריי גאָלדענע מטבעות,
און אַן אַלטער פערד אָן ציין —
נאָר אַן עק און הויט און ביין,

און אַ ווייב און זיבן טעכטער,
נישט אויף לייטישן געלעכטער —
ווי די טויבן שיין,
גרייט שוין צו דער חופה גיין.

בלייבט אים... נו, וואָס זאָל אים בלייבן? —
און אַ בייטש דעם דלות טרייבן.
טרייב דעם דלות, יאָג אים נאָך,
קריכט ער דורך אַ צווייטער לאָך.

קלאָגט דאָס ווייב אויף זייער דלות:
טעכטער וואקסן, זיבן כלות,
אויפן לייב נישטאָ קיין העמד,
סיידן שיק זיי אין דער פרעמד.

טרייסט דער מאַן זי מיט בטחון:
די עשירות איז צעבראָכן,
אַז די האַנט וואָס גיט און נעמט
האָט אין דלות אונדז פאַרשעמט,

און מיר דאַרפן איצטער קלערן
וואָס זאָל אונדזער תכלית ווערן;
האָט זיך מיר נאָר אָפּגעשטעלט
וואַנדלען אויף דער ברייטער וועלט.

מענטשן זאָגן און דערציילן
פון אַ רייכער שטאָט אין פוילן,
כעלעם — און אין יענער שטאָט
לאָז איך מיך אויף גאָטס באַראָט.

אפשר וועט מיר כעלעם גליקן,
א מציאה צוצושיקן...
זיי געזונט! איך זאָל צוריק
קומען מיטן גרויסן גליק...

*　*
*

איידער טאָג האָט זיך געשניטן,
שפּאַנט דער ייד זיין פערד און שליטן,
מיט דער בייטש און אַ געשריי
פאָרט ער מיטן ווייסן שניי.

פירט ער מיט זיין באָרד און פאות,
און דריי גאָלדענע מטבעות,
און אין האַרצן שטילן צער,
און בטחון צו דעם האר.

און אין שניי און דורכגעפראָרן
איז ער טאָג און נאַכט געפאָרן,
ביז זיין פערד האָט אים געבראַכט
גלייך קיין כעלעם אין אַ נאַכט.

*　*
*

כּעלעם איז געשמאַק געשלאָפן.
נישט קיין הויף צו לאָזן אָפן,
צוגעריגלט און פאַרשפּאַרט
און אין טיפן שניי פאַרשאַרט.

דורכגעפּראָסטיקט, דורכגעליטן,
קריכט דער ייד אַרויס פון שליטן,
קלאַפּט אין רייכע הייזער אָן,
קלאַפּט א צאָן אים אין א צאָן.

מענטשן רייסן אויף די אויגן,
וואָרטשען, גענעצן צעצויגן.
איז דאָך אָבער קאַלט און שפּעט,
פוילט מען זיך אַרויס פון בעט.

נאָר א הונט, וואָס ליגט אין נאָרע,
היט די מענטשן פון א צרה,
בילט און בילט און וואַרפט א שרעק.
שאַרט דער ייד זיך באַלד אַוועק.

און ער קריכט צוריק אין שליטן.
ווי אַ מעסער וואָלט געשניטן,
שניידט די קעלט אים ביזן ביין,
און אין האַרץ דריקט א שטיין.

כּעלעם — רייך אַזוי ווי קורח,
נעמט אויף נאַכט נישט אויף קיין אורח,
לאָזט אַ מענטש אין זיין נויט
אויסגיין ווי אַ הונט ביים פּלויט.

און אין האַרץ זידן טרערן...
אַז זאָל נאָר פרימאָרגן ווערן,
וועט מען זען וואָס דאָ וועט זיין!
און ער פאָרט אין מאַרק אַריין.

און אין מאַרק אין סאַמע מיטן
שפּאַנט ער אוים זיין פערד און שליטן,
און ער גיט זיין פערד אַ קיי —
זיבן היי נאָר קיי און שפּיי.

וואַרט ער — גאָט זאָל אים דערפרייען,
ביז די דריטע הענער קרייען,
און ביז כעלעם כאַפּט זיך אויף,
קלייבט זיך אויפן מאַרק צונויף.

* *
*

קרייען שוין די דריטע הענער,
דאָ און דאָרטן, דער און יענער,
און אין הייזער צינדט מען אָן
רויטע פייערלעך ווי מאָן.

און דער הימל שיינט שוין בלויער,
און אָט ריפּעט שוין אַ טויער;
און גאַנץ כעלעם קליין און גרויס
לאָזט אין דרויסן זיך אַרויס...

דער מיט זעק און דער מיט עמער,
מיט די שליסלען קומען קרעמער.
נאָך אַ גענעץ פויל און זים —
איז גאַנץ כעלעם אויף די פים.

דורכגעפּראַסטיקט, דורכגעפראָרן,
איז דעם ייד גרינגער געוואָרן;
טראַכט ער זיך אין באָרד אַריין:
מירן זען, וואָס דאָ וועט זיין!

און ער גלעט זיך באָרד און פּאות
און די גאָלדענע מטבעות,

גיט ביים עק פון פערד א דריי
און צעשיט זיי אויפן שני.

און אַז כּעלעמער גבירים קומען
אין די בייטלען מיט מזומן
און אין פעלצן אָנגעטאָן,
הייבט דער מאַרק זיך תיכּף אָן.

נאָר מ׳שטעלט אָן מויל און אויגן:
אַזאַ חידוש — נישט געשטויגן!
און געפּלעפטע בלייבט מען שטיין!
שטייט א פערד, נאָר הויט און ביין.

און א פרעמדער ייד מיט פאות
קלייבט גאָר גאָלדענע מטבעות
פון זיין פערד פון ווייסן שניי...
וואָס און ווען און ווי אַזוי?

הייבט דאָ אָן דער ייד דערציילן,
אַז ער ציט זיין וועג דורך פּוילן,
און אַז גאָט האָט אים באַשערט
מיט אַזאַ מין וואונדער־פערד.

אַז מ׳גיט אים היי צו קייען,
וועט ער קייען אייך פאַר דרייען
און מטבעות — גאָלד און גרויס —
וואַרפט ער גלייך פון זיך אַרויס.

טאָמער וויל מען האָבן רענדלעך,
גיט אים האָבער זיבן פענדלעך,
הייבט ער אָן מיט רענדלעך גיין,
וויפל נאָר מ׳וויל אַליין.

* * *

בעלעם שמט מיט אירע נארן.
מיילער קאָן מען נישט פארשפאַרן.
רעדט א מויל און בלייבט ביי דעם,
בלייבט אויך כעלעם מיט איר שם.

*          *
*

כעלעמער גבירים הערן, קלערן:
גאָט זאָל אונדז אַזוינס באַשערן,
אַזאַ וווּנדער פון אַ פערד!
און זיי גלעטן זיך די בערד.

טוען סוחרים וואָס זיי דאַרפן,
נעמען זיי א וואָרט פארוואָרפן:
מילא, הינקט ער אויף א פוס,
איז וואָס וויל מען פארן סוס?...

הייבט דאָ אָן דער ייד צו ברייען,
אז ביי כעלעם ועט נישט סטאַיען
פאַר זיין פערד אַזוי פיל גאָלד,
וואָס ער וואָלט פאַר אים געוואָלט.

הייבט מען דאָ זיך אָן צו דינגען
און מיט גאָלד מזומן קלינגען.
און מ'גייט שוין אין אַ שענק
און מ'זיצט שוין אויף די בענק.

טרינקט מען בראָנפן, עסט מען לעקעך,
איז מען מושוה מיטן מקח:
כעלעם פרייט זיך און באַצאָלט
פאַר דעם פערד אַ זעקל גאָלד,

און אַ פעליץ פון כעלעמער פעלצן —
זאָל ער זיך אין נחת שמעלצן;

און א כעלעמער בעסטן פערד,
אפשר ק״ן זהובים ווערט.

שיט דער ייד דאָס גאָלד אין זעקל
און פאַרבינדט עס מיט א פלעקל,
קריכט אין כעלעמער פעלץ אַריין,
שפּאַנט דאָס פערד אין שליטן איין

און זיין אלטן פערד ביים אויער
גלעט ער כלומרשט ווי אין טרויער:
זיי צו כעלעם ווי צו מיר,
גיב זיי רענדלעך אָן א שיעור.

און ער ווינטשט די כעלעמער יידן
א גוט יאָר און שפּרינגט צופרידן
גלייך אין שליטן — און אַוועק,
שיט אים זאלץ נאָר אויפן עק.

און אז אונדזער ייד ווערט נעלם,
פרייט זיך כעלעם: — איי האָט כעלעם
יענעם ליטוואַק אָפּגענאַרט,
אַזאַ גליק זיך צוגעשאַרט!

*         *
*

כעלעם שמט מיט אירע נאַרן.
נו, איז ווער וועמען ווילט זיך שפּאַרן,
צי א ווינק טאָן מיטן ברעם? —
אפשר איז זי ווערט איר שם.

נאָר אַז כעלעם קען זיך פרייען,
אז דער קאָפּ זאָל נעמען דרייען,

ווען און ווי נאָר איר געפעלט —
ווייסט גאָרנישט פון דעם די וועלט.

*  *
*

פרייט זיך כעלעם; רייך און אָרעם,
פון חדרים, פון די ספרים,
פון דער דראַטווע, פון דער קלייט,
יונג און אַלט און קינד און קייט.

און פון הויפן אַלע ציגן,
און די קינדער פון די וויגן,
זאָלן זיין געזונט און שטאַרק —
אַלע לויפן אויפן מאַרק.

נאָר דאָס וואונדער אָנצוקוקן,
נאָר אַ נאָז אַריינצורוקן,
אַלע שטופן זיך צום פערד,
בייגט אין מאַרק זיך אַזש די ערד.

און דאָס פערד — עס שלעפט דעם אחור
שפּאַנט זיך מעשה חתן־בחור,
דרייט דעם עק אַהער, אַהין,
מיינט עס: ווייסט נאָר, ווער איך בין...

פירן אים פון מאַרק די גבירים,
ווי די אונטערפירער פירן
גלייך צום גבאי, גלייך אין זאַל,
אויבנאָן זאָל זיין זיין שטאַל.

און מ׳לאָזט דעם פערד נישט פאסטן,
און מ׳טראָגט אים צו אַ קאַסטן
פון דער פולער, ברייטער האַנט
געלן האָבער ביז צום ראַנד.

עס געזונט און זײַ צופֿרידן,
זאָלן אַלע כעלעמער ייִדן
אויפֿגעריכט זײַן אין דײַן זכות,
כעלעמער האָבער עסטו, סוס!

און מ׳מאַכט דערווײַל אַ כּוסה
אַ געשמאַקע און אַ גרויסע,
און דער גבאי גיסט מיט ווײַן,
און מ׳וואַרט, וואָס דאָ וועט זײַן.

וואַרט מען שוין אַ שעה און דרײַצן,
הערט מען ווי די נעז נאָר שנײַצן,
ווי פֿון פּעך דער אָוונט קריכט,
און דער גבאי צינדט שוין ליכט.

און דער סוס — ער האַלט אין קײַען,
קײַט דעם האָבער נאָר פֿאַר דרײַען,
און מ׳זעט נישט עפּעס וואָס.
און ס׳ברענט שוין אַ פֿאַרדראָס.

און מ׳גייט די נאַכט נישט שלאָפֿן,
ווײַל דער שלאָף איז לאַנג אַנטלאָפֿן,
נאָר ס׳מאַטערט שוין דער חשד:
אַז דאָ עפּעס איז נישט גלאַט.

און מ׳וואַרט אַזוי ביז מאָרגן,
און אין קאָפּ פֿאַרקריכן זאָרגן,
און אין האַרצן קריכט די שרעק
אײַנגעפּרעסן ווי אַ קלעק.

אָנגעכמורעט, אָנגעבלאָזן,
מיט די נעז אַראָפּגעלאָזן,
זיך אויף גאָרנישט דערהאַרט —
זיצט מען שוין ווי אָפּגענאַרט.

גאָר אַז פאַר דעם גבאים שויבן
ברומען אויף דעם גבאים טויבן,
און די זון איר העלן שטראַל
שיינט אַריין אין גבאים זאַל —

איז אין זאַל א פרייד געוואָרן,
כּעלעם איז ווי ניי געבאָרן,
יידן האָבן נישט קיין רייד,
יידן קושן זיך אין פרייד.

יידן טאַנצן, יידן שפרינגען;
איי, וועט באַלד מיט רענדלעך קלינגען!
וואָס? — איר זעט נישט? — גייט אַוועק —
ווי דער טוס פאַררייסט דעם עק!

און דער טוס — נישט אויפצופלייסן,
טוט דאָ באַלד זיין עק פאַררייסן,
און ער קלייבט זיך עפּעס טאָן
גלייך אין זאַל און אויבנאָן...

*　　*
*

ווען די מעשה טרעפט נישט יידן,
וואָלטן מיר געלאַכט צופרידן.
אָבער כּעלעמס שווער געמיט
ווינטשן מיר קיין שונא נישט.

*　　*
*

און נישט לאַנג האָט עס גענומען,
כּעלעם איז צו זיך געקומען.
און מיט גאָר א קלאָרן קאָפּ
האַלט זי אַן אסיפה אָפּ.

זיצן אויבנאָן די גבירים
און די פּני, און ביי די טירן
פון דער ווייט און ביי דער זייט
זיצן אָרעמערע לייט.

טראַכט מען ווי דעם ליטוואַק פּאַקן,
ווי דעם צלם־קאָפּ פּאַרקנאַקן.
טראַכט מען, טראַכט מען און מ׳טראַכט
דורכן טאָג און דורך דער נאַכט.

און מ׳קוקט נישט אויפן לוח,
רק מ׳טראַכט וואָס מיטן רוח,
מיטן ליטוואַק, וואָס צו טאָן.
טראַכטן זיי פון דעמלט אָן.

* *
*

און דער ליטוואַק לעבט אין ליטע.
גאָר נישטאָ אויף אים קיין שליטה,
פּאָרט פון ליטע נישט אַרויס,
גיט די זיבן טעכטער אויס.

# די בהמה, וואָס לאָזט זיך נישט מעלקן

אין כעלעם איז אמאָל די רביצין שוואך געוואָרן און די רופאים האָבן איר געהייסן טרינקען מילך.

האָט זיך די שטאָט מיישב געווען: היות קויפן אלע טאָג מילך קאָסט א סך געלט, זאָל מען בעסער צונויפנעמען ביי קהל געלט אויף א בהמה און זאָל זי טרינקען מילך פון דער בהמה. ס'וועט קאָסטן ביליקער און ס'וועט זיין פאַר איר געזונטער.

האָט מען אזוי געטאָן.

מ'האָט צונויפגענומען געלט און געשיקט דעם שמש פון שול, ער זאָל קויפן פאַר דער רביצין א בהמה.

געקומען אויפן מארק, זעט דער שמש שטיין א פויער מיט א ביק צו פאַרקויפן. פרעגט ער דעם פויער, וויפל ער וויל פאַר דער בהמה. זעט דער פויער, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן און זאָגט אים צוויי מאָל אזויפיל, וויפל דער ביק האָט די ווערט... האָט דער שמש באַצאָלט דאָס געלט, גענומען דעם ביק פאַרן שטריקל און געבראַכט אים צום רב...

איז גאַנץ כעלעם געקומען צולויפן אָנצוקוקן דעם רבס בהמה און טאַקע אויפן אָרט גענומען טראַכטן: אזוי ווי דער רב האָט שוין א בהמה, דאַרף מען דאָך דערצו האָבן א שטאַל. ווו זשע נעמט מען געלט אויף א שטאַל?

האָט מען געמאַכט אן אסיפה און ס'איז געבליבן, אז היות קיין געלט צו קויפן ברעטער אויף א שטאַל איז נישטאָ, זאָל יעדער איינער ברענגען איין ברעט פון זיין פאַדלאָגע, וועט זיין א שטאַל פאַר דעם רבס בהמה.

האָבן אלע יידן אויפגעריסן די פאַדלאָגעס און געבראַכט ברעטער צום רב אויפן הויף.

זעענען ברעטער, הייסט עס, שוין דאָ, אָבער ווו נעמט מען טשוועקעס אויף צוצוקלאַפּן די ברעטער? טשוועקעס קאָסטן דאָך אויך געלט!

האָט מען געמאַכט אַ פרישע אסיפה, געטראַכט און געטראַכט, און ס'איז געבליבן: היות ווי קיין געלט אויף טשוועקעס איז נישטאָ, זאָל יעדער איינער צוהאַלטן זיין ברעט מיט דער האַנט.

האָט מען אַזוי געטאָן. מ'האָט צונויפגעשטעלט פון די ברעטער אַ שטאַל, אַריינגעשטעלט אַהין די בהמה, און די רביצין איז געגאַנגען מעלקן.

ווי זי האָט גענומען אונטערקלאַפּן דעם איימער, האָט דער ביק איר געגעבן אַ בריק מיט דעם הינטערשטן פוס אין האַרץ, און זי איז אַנידער־געפאַלן אין חלשות.

האָט מען גענומען די רביצין אַזוי לאַנג מינטערן, ביז מ'האָט זי קוים דערמינטערט.

האָט גאַנץ כעלעם אָנגעהויבן פונסגיי טראַכטן: וואָס טוט מען צו דעם, אַז די בהמה זאָל נישט בריקעווען און די רביצין זאָל נישט חלשן?

האָט מען געמאַכט ווידער אַן אסיפה און ס'איז געבליבן, אַז היות די בהמה האָט כסדר געמאָלקן אַ פויערטע, דאַרף זיך די רביצין אַזוי אָנטאָן אַז די בהמה זאָל מיינען, אַז דאָס איז די פויערטע — וועט זי זיך לאָזן מעלקן און נישט בריקעווען.

האָט די רביצין זיך אָנגעטאָן ווי אַ פויערטע און גענומען מעלקן. האָט דער ביק איר געגעבן צום צווייטן מאָל אַזאַ זעץ אין די ציין, אַז מ'האָט זי קוים אַ לעבעדיקע צוגענומען פון שטאַל.

שלעכט!... וואָס טוט מען ווייטער?

האָט מען ווידער געמאַכט אַן אסיפה, געטראַכט און געטראַכט, און ס'איז געבליבן, אַז היות פון דער רביצין לאָזט זיך די בהמה בשום אופן נישט מעלקן, זאָל דער רב אַליין זי מעלקן... פאַרן רב וועט זי זיכער האָבן דרך־ארץ און זיך לאָזן מעלקן.

איז געגאַנגען דער רב און גענומען מעלקן די בהמה. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו איר, האָט ער געקריגן אַזאַ שטויס, אַז ער איז פאַרפלויגן מיט דער כלי ביז צו דער טיר.

איז דאָך ווידער שלעכט געוואָרן, אַזאַ זאַך איז דאָך נישט געהערט געוואָרן, פון רב אַליין זיך נישט לאָזן מעלקן?!

האָט מען ווידער געמאַכט אַן אסיפה, געטראַכט און געטראַכט און אויסגעטראַכט: היות די בהמה האָט אַוודאי געמאָלקן אַ פויער, זאָל דער רב זיך אָנטאָן ווי אַ פויער, וועט זי זיך שוין לאָזן פון אים מעלקן.

האָט מען גענומען דעם רב און מ'האָט אים אָנגעטאָן א פּויערישע כּוטמע, אַ פּויעריש היטל, פּויערישע פּאַסטעלעס אויף די פיס, פאַרגאַרטלט מיט א רויטן פּאַסעק און אים געהייסן גיין מעלקן די בהמה.

אָבער ווי נאָר ער האָט זיך צוגעזעצט צו דער ערד און געוואָלט מעלקן, האָט ער געקראָגן אזא שטארקן שטויס אין דעם אונטערשטן טייל פון בויך, אז ער איז געבליבן ליגן א האלב טויטער.

— ע, אזא עזות־פּנים בּיסטו? — האָבן בעלעמער באלעבאטים גע־נומען זיך בייזערן — איז גישטאָ קיין אנדער אויסגאנג, ווי נאָר נעמען מעלקן אויף כּוח.

האָט מען גענומען א שטריק, צוגעבונדן דעם רב צום עק פונעם ביק. דער רב האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט מעלקן, און גאנץ קהל האָט צוגע־האלטן דעם ביק פאר די הערנער.

האָט געזען דער ביק, אז מ'גייט אים מעלקן אויף כּוח, האָט ער גענו־מען בריקעווען מיט די פיס, שפּרינגען און רייסן זיך, ביז ער האָט זיך ארויסגעריסן פון קהלס הענט, איז ארויס פון שטאָל און גענומען לויפן איבער בעלעם און דער רב האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט פון הינטן און געשריגן:

— געוואלד, שניידט אָפּ דעם עק!

און אזוי האָט דער ביק געשלעפּט דעם רב איבער אלע בעלעמער גאסן, ביז ער האָט אים פארשלעפּט קיין בוקאָווינע (קיין לובלין?).

# לאָדנס

## (א כעלעמער פאָלקס־מעשהלע)

נאכט. כעלעם. מאַן און ווייב שלאָפן געשמאַק. פלוצלונג אָבער ווערן זיי אויפגעוועקט: א ווינט האָט זיך ווילד צעהוליעט אין דרויסן און ער וואַרפט שטורמיש די לאָדנס פון זייער שטיבל. בעט די פרוי דעם מאַן, ער זאָל אראָפגיין פאַרמאַכן די לאָדנס, ווייל ער בישט. זאָל זי, די פלוניתטע אַרויסגיין פון וואַרעמען בעט און פאַרמאַכן די לאָדנס.

ליגן זיי ביידע אין זייערע בעטן — און דער ווינט אין דרויסן וואַרפט און זעצט מיט די לאָדנס, יעדער זעץ איז ווי א קלאַפּ איבערן קאָפּ. אָבער זיי רירן זיך נישט פון אָרט. ער זאָגט: דו גיי! זי זאָגט: גיי דו! דער ווינט דערווייל טוט זיך דאָס זייניקע. ער טראַסקעט די לאָדנס, מ׳קאָן משוגע ווערן.

פאַלט איין דעם ווייב א געדאַנק און זי זאָגט צום מאַן:

ווייסטו וואָס, לאָמיר אָפּמאַכן ביידע צו שווייגן ווי שטומע. און ווער פון אונדז ס׳וועט פאַרגעסן און אויסרעדן א וואָרט, דער זאָל גיין פאַרמאַכן די לאָדנס.

איז דער מאַן מסכים. און זיי ליגן ביידע און שווייגן.

גייט אין גאַס פאַרביי א גנב, זעט ער ווי דער ווינט וואַרפט ווילד מיט די לאָדנס פון א שטיבל. קוקט ער דאָרט אריין דורכן פענצטער און זעט, ווי מאַן און ווייב ליגן אין די בעטן און שווייגן, ווי שטומע און טויבע.

— אויב אַזוי — טראַכט דער גנב — דאַרף מען אריינגיין.

קריכט ער אריין דורכן פענצטער — ס׳איז שאַ־שטיל, מאַן און ווייב שווייגן. נעמט ער איינפּאַקן די שטוב־זאַכן, מאַן און ווייב שווייגן. ער האָט שוין פאַרפּאַקט די זילבערנע שבת־לייכטער, דעם קידוש־כוס — און זיי שווייגן אַלץ.

דער גנב איז שוין באלד פארטיק געוואָרן, נאָר אָט דערזעט ער דעם יידנס טלית, נעמט ער אים אויך אריינפּאקן אין זיין זאק. קאָן שוין דער ייד מער נישט אויסהאלטן. ער שטרעקט אויס א האנט און כאפּט אָן דעם טלית. נעמט דער גנב און דערלאנגט אים א זעץ אין קאָפּ. די יידענע דער־זעט, אז דער גנב שלאָגט איר מאן, מאכט זי א געוואלד:

— געוואלד, מ׳הרגעט מיין מאן!

— נו — רופט זיך אָפּ דער מאן רואיק — האָסט גערעדט, גיי זשע און פארמאך די לאָדנס!

# בעלעמער שרייבער

זיבן טעג און זיבן נעכט זענען די ראשי־הקהל מיט ר׳ יוסף לאָקשן געזעסן אויף אַן אסיפה און באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּנקס, אַלצדינג אין בעלעם זאָל דאָרט ווערן באַשריבן פון קאָפּ ביז די פיס. האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן: ווער פון די בעלעמער יידן קען האַלטן אַ געני־דזענע פעדער אין האַנט און ער וועט קאָנען באַשרייבן באַשרייבעניש לדורות, אַזוי ווי עס געשיקט זיך פאַר אַ פּנקס פון אַזאַ קלוגער שטאָט?

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וועגן דעם דאַרף מען נישט דאגהן. ברוך השם געפינען זיך אין בעלעם פען־יידן לרוב, יידן וואָס זענען מושכים משבט סופר — און זיי וועלן עס שוין מאַכן כיאות.

האָט מען ווידער גערופן אַן אסיפה פון די ראשי־הקהל צוזאַמען מיט די באַשרייבער און מען האָט זיי, די פען־יידן הייסט עס, געהייסן פאַרקאַטשען די אַרבל. בערג מיט געגרייטע פענעס און עמערס מיט גאָליש־טינט וועט שוין באַזאָרגן ר׳ מנשה, דער בית־דין־שמש.

האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פאָלגנדיקע מעשה:

**צווישן די בעלעמער באַשרייבער זענען געווען דרייערליי יידן.**

ס׳זענען געווען יידן, וואָס האָבן אַלצדינג געקענט באַשרייבן בלשון בני־אדם. זיי האָבן געשריבן, אַז יעדער זאָל פאַרשטיין. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי זענען געגאַנגען איבער בעלעם מבית־לבית, געקוקט און גע־זען, וואָס עס טוט זיך. וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן די הענט געני־מען און באַשריבן סיי אויף לשון־קודש און סיי אויף עברי־טייטש. ס׳האָט מען געהייסן: די האָזיקע יידן קענען האַלטן די פען און האָבן שאַרפע ממזרי־שע אויגן. אפילו די פייגעלעך אין דער לופטן זענען נישט זיכער געווען, אַז אָט־אָ די יידן וועלן זיי נישט אַריינשטעלן אין בעלעמער פּנקס.

דער צווייטער מין באַשרייבער זענען געווען בדחנים. עס זענען אָבער געווען שלימזלדיקע בדחנים, וואָס האָבן קיינעם נישט געקאָנט מאַכן נישט וויינען און נישט לאַכן. ווען זיי האָבן באַזונגען אַ חתן צו אַ כלה, האָט קיין איין יידענע נישט געלאָזט קיין טרער. מ׳האָט זיי דעריבער נישט גענומען אויף קיין חתונות. זיי האָבן אָבער פאָרט געוואָלט זאָגן אַ גראַם

און דער גאַר האָט זיי געשטופּט — האָבן זיי גענומען און זיך אַ נאָמען געגעבן משוררים. ייִדן, הייסט עס, וואָס קענען נישט רעדן גלייך ווי אַלע מענטשן, און רעדן נייערט צו דער וואַנט, און נייערט על פּי גראַם, על פּי משקל, און על פּי קוידערוועלש.

האָט דריטע אַנשיקעניש צווישן די בעלעמער פֿון גדולים זענען געווען די מבֿינים. געטאָן האָבן זיי גאָרנישט, נישט על פּי גראַם און נישט על פּי פּשט. אלא וואָס דען איז געווען זייער שאָן? זיי האָבן אַרייַנגעקוקט אין דעם, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן, און געזאָגט מבֿינות.

סיי די בעלי־לשון־בני־אָדם און סיי די בעלי־גראַם האָבן געציטערט פֿאַר די מבֿינים אימת־מות. מען האָט זיי אונטערגעטראָגן די באַשרייַבענע פּאַפּירלעך און געקוקט אין מויל אַרייַן. דער, וואָס עם האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די מבֿינים זאָגן אויף אים טוב — דער האָט זיך אַוועקגעשטעלט טאַנצן אינמיטן מאַרק. טאָמער חלילה האָט זיך עמעצן אויסגעדאַכט, אַז אים איז אויסגעפֿאַלן דער „לא“ — איז געבעך צו אים געווען אָך און וויי. ער איז געוואָרן אייַנגעהאַרט און אייַנגעקוואָרט און שוואַרץ ווי די ערד.

זיבן טעג און זיבן נעכט זענען בעלעמער באַשרייַבער געזעסן און זיך געאַמפּערט כדת מה לעשות, ווי אַזוי האַרף מען שרייַבן דעם בעלעמער פּנקס? מען האָט נישט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק. דערפֿאַר איז יאָ געקומען צו פּעטש און זלזולים. עס האָט געהאַלטן דערבייַ, אַז די גדולי־השרייַבעניץ אין בעלעם זאָלן זיך אייַנער דעם אַנדערן אָנכאַפּן פֿאַר די בערד.

יעדער אייַנער פֿון די בעלי־לשון־בני־אדם האָט געטענהט לאמור: די פֿען אין דער האַנט ברוך־השם האָב איך, איבער בעלעם גיי איך און קוק נאָך אין אַלע שפּעלטעלעך. וואָס די אויגן זעען, זענען די הענט נישט חולה צו באַשרייַבן. איך וועל דערלאַנגען אַ באַשרייַבעניש פֿון בעלעם און אירע ייִדן, אַז די וועלט וועט עס האָבן צו געדענקען. ר׳ שבתי דער מבֿין זאָגט אויך, אַז איך יכול.

הגם אַלע צוואַנציק פּשט־שרייַבער האָבן געשריגן צוזאַמען, האָט פֿונדעסטוועגן יעדער אייַנער געשריגן א י ך און יעדער אייַנער האָט געקוקט ר׳ שבתין אויף די ליפּן.

ר׳ שבתי דער מבֿין, אַ הויכער בלאַסער ייִד, מיט אַ געל קאָזעבערדל און מיט פֿינצטערע שפּאַקולן אויף דער אויסגעשפּיצטער נאָז, האָט זיך געצופּט ביים בערדל און געזאָגט:

— הם און מילא, בע און מע.

מער האָט ער דערווייל מורא געהאַט צו זאָגן.

דאָ זענען די משוררים אַרויס מיטן גרויסן געוואַלד, זיי האָבן אויך געשריגן צוזאַמען בכנופיא, און אויך געשריגן א י ד, און אויך געקוקט ר׳ שבתין אויף די ליפּן.

— וואָס הייסט נעמען גלאַט און באַשרייבן? — האָבן געטענהט די משוררים, געלאַכט מיט יאַשטשערקעס און געקוקט אויף די פּשט־שרייבער ווי אויף חדר־ייִנגלעך. — סתם נעמען און באַשרייבן!!! דאָס קען דאָך יעדע יידענע. אָט דאָס דאַרף עס זיין דאָס גרויסע באַשרייבעניש, וואָס זאָל אָנשטיין דעם כּלעמער פּנקס און דורות זאָלן עס געדענקען און חזרן אויף אויסנווייניק? הערט אַ מעשה! — האָבן זיך געלאַכט די כּלעמער משוררים — גלאַט נעמען אַ פעדער און באַשרייבן וואָס עס געשעט אין כּלעם? ס׳איז דאָך צו לאַכן אין די פויסטן. דאָס גרויסע קונץ־שטיק, וואָס קיין שום בן־אדם אויף דער וועלט קאָן נישט באַווייזן סיידן א י ד אַליין, און טאַקע מיט דער פּען — האָבן ווייטער געטענהט די משוררים און יעדער איינער אין דער קאַפּעליע האָט הויך געשריגן א י ד — דאָס איז דער גראַם און דער פּיוט? וואָס הייסט גראַם און פּיוט? מען נעמט דאָס שיינע כּלעמער לשון און מען צערייבט עס און מען צערייסט עס און מען מאַכט דערפון קאַשע. פון יעדן וואָרט אַ קאָזשעליק און אַ פּיפּערנאָטער. עס הוקעט און עס פּוקעט, אַז אַ טויבער קאָן הערן און אַ בלינדער קאָן זען. די שפּעטערע דורות וועלן זיך חידושן איבער כּלעם און לעקן די פינגער. אָט דאָס הייסט אַ באַשרייבעניש און אָט דאָס קאָן נישט מאַכן קיין יידענע און אַן ענלעכע לעמעשקע! (אַ קוק אַהין צו די פּשט־שרייבער). הא, וואָס זאָגט איר, ר׳ שבתי?

מיט אָט דער שאלה האָבן זיך די האָפערדיקע משוררים געווענדט צו ר׳ שבתין דעם מבין גלייך ווי דאָס לונג און לעבער פון גאַנץ כּלעם וואָלט געווען געהאָנגען אויף די שפּיצן פון זיינע פינגער.

ר׳ שבתי דער מבין האָט זיך געקראַצט אונטערן בערדל און געזאָגט:

— הם און מילא, און בע און מע.

מער האָט ער דערווייל מורא געהאַט צו זאָגן.

עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון זיבעטן טאָג. די כּלעמער באַשרייבער האָבן נישט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק. דאָ זענען אַריינגעקומען ר׳ יוסף לאָקש און ר׳ געצל גדליה דער זאַאיקע. זיי האָבן אויס־

געהערט די טענות. ר׳ געצל גדליה האָט עפּעס געוואָלט זאָגן (מן הסתם אַן עצה טובה) נאָר ער האָט זייער לאַנג געשטאַמלט. ר׳ יוסף לאָקש האָט אויסגעהערט אַלע טענות און געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש אַריין:

— ווייסט איר וואָס, יידן? לאָמיר מאַכן חצי שלי וחצי שלך. דעם כעלעמער פּנקס וועט מען שרייבן האַלב לתשמיש, אויף פּראָסט יידיש לשון, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין, און האַלב לגוי — אויף גראַם־שטראַם — און אַ סוף זאָל עס נעמען, און זאָל זיין שלום אין כעלעם.

*

ווען מען לייענט דעם כעלעמער פּנקס, קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז אַלע כעלעמער באַשרייבער זענען באַשטאַנען אויף ר׳ יוסף לאָקשעס פּשרה. מען האָט זיך מער נישט געקריגט און געטאָן די מלאכת הקודש כדת וכדין. הייבט זיך נישט אָן! וואָרום לויט די מחלוקתן און אַרומרייסע־נישן, וואָס האָבן זיך האָרט אָפּגעטאָן ביי יעדן וואָרט, איז טאַקע נישט צו פאַרשטיין על פּי הדרך הטבע ווי אַזוי דער וואָגן האָט געדרייט פון אָרט און ווי אַזוי דער כעלעמער פּנקס איז פאָרט אָנגעשריבן געוואָרן.

מחלוקתן און אַרייַנזאָגעניש, שטעכעניש און אַרייַנפאָרעניש האָבן זיך אָפּגעטאָן ביי אַלעמען, סיי ביי דער כיתה, וואָס האָבן געשריבן בלשון בני־אדם, און סיי ביי דער כיתה פון פּוט און גראַם־שטראַם. יחיד ורבים זענען זיך כסדר געשפּרונגען אין די אויגן אַריין ווי אויפגעקאָכטע הענער. יעדער איינער האָט געזאָגט, אַז נאָר ער אַליין קען די מלאכה און די אַנ־דערע זענען פּשוטע שוסטער און מען דאַרף ביי זיי אָפּהאַקן הענט און פיס. ווען איין באַשרייבער האָט נאָר געכאַפּט אַ קוק אין דעם כתב פון אַ צווייטן, האָט ער זיך הויך צעלאַכט און אויף טשעקאַוועס צוגערופן ר׳ שבתין דעם מבין, אַז ער זאָל אויך אַ קוק טאָן.

ר׳ שבתי האָט געקוקט, זיך געצופּט דאָס בערדל, געזאָגט בע און מע און מילא. מען האָט קיינמאָל נישט געוווּסט צי ער זאָגט גוט אָדער שלעכט.

טאָמער האָט זיך איינעם אויסגעדאַכט, אַז ר׳ שבתי האָט אַ פריינד־לעכן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט זיך יענער אַוועקגעשטעלט טאַנצן.

די איבעריקע באַשרייבער זענען דערביי געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און אָנגעקוקט ר׳ שבתין ווי ער וואָלט זיי געקוילעט מיט אַ מעסער.

האָט זיך ר' שבתי מיישב געווען, אַריינגעקוקט אין אַ כתב און געטאָן אַ זיפֿץ. האָט עס געהייסן, אַז ר' שבתי זאָגט לאָ, און דער אומגליקלעכער פּען=גדול איז באַלד אַוועקגעפֿאַלן אין חלשות און מען האָט אים קוים געקאָנט אָפּמינטערן.

דאָס גאַנצע פּען=קהל האָט זיך דערביי געשמאָלצן פֿון תענוג און געווינטשעוועט ר' שבתין צוליב דעם, וואָס ער האָט געדרייט מיט דער נאָז. די גרעסטע שמחה, פֿאַרשטייט זיך, האָבן אַרויסגעוויזן די גוטע פֿרייַנד פֿון דעם געפֿאַלענעם גביר, וועלכן ר' שבתי האָט אָפּגעשמיסן מיט אַ זיפֿץ.

צווישן די גדולי בעלי=הבאַשרייבעכץ האָט זיך אָפּגעטאָן חושך ואפֿלה. מען האָט זיך געשנידלט און געזידלט כאחד הריקים. יעדער איינער האָט געמאַכט פֿון דעם אַנדערנס באַשרייבעניש אַש און בלאָטע. און יעדער איינער האָט אַלעמאָל אונטערגעטראָגן זייַנע שרייבעכצן צו ר' שבתין דעם מבין און מיט גרויס ציטערניש געקוקט ר' שבתין אויף די לעפּצן.

כהרגלו, ווי זייַן שטייגער איז, האָט ר' שבתי זיך געצופּט ביים געלן קאָזע=בערדל און געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן אויסטייַטשן סיי אויף יאָ און סיי אויף ניין

דאָס אַלצדינג איז אָבער געווען אַ קינדער=שפּיל קעגן דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי די בעלי=הפּיוט. ס'איז דאָס נייעסטע וועלטוואונדער, ווי אַזוי דער כעלעמער פּנקס איז פּאָרט אויפֿגעשריבן געוואָרן.

די פּייטנים און בלי=הגראַם זענען גאָר פֿאַרפֿאָרן קיין בויבעריק. פֿון כעלעמער געשעענישן האָט מען ביי זיי געקאָנט וויסן ווי פֿון פֿאַראַיאָריקן שניי. ביי זיי האָט זיך עס געטאָן ווי ביי די קאָזשעליק=מאַכער אויף די יאַרידים. מען האָט געיאָגט און געפּויקט מיט גראַמען, מיט אָנקוויץ און מיט האָצעפּלאָץ. עס האָט געשווינדלט פֿאַר די אויגן. ווער עס האָט דאָרט געזוכט עפּעס אַ שמץ פֿון כעלעם איז געגליכן געווען צו אַ האָן, וואָס זוכט עפּעס אין דעם בני=אדם.

אין די שריפֿטן פֿון די פּייטנים האָט עס באַשייַנפּערלעך אויסגעקוקט ווי כעלעם דרייט זיך איבער דעם דאַשעק, זעצט זיך אויף אַ בעזעם און פֿליט אַריין אין אַ קוימען. פֿון קוימען מאַכט כעלעם קאָזשעלקעס איבערן שאול=תחתיה. די זון האָט זיך אָנגעטאָן אַ קיטהש שטרייַמל מיט שפּיצן און עס רעגנט מיט פּויקן און מיט הושענות. כעלעמער ציגן פֿליען איבער די דעכער און מעקען גראַם. מאַמשעק דער באָד=גוי טראָגט אַ גאָלדענע קרוין אויף די פּלייצעס, האָט זיך אָנגעשיכורט ווי לוט, רייַט

אויף אַ וואָלקן און קושט זיך מיטן קהלשן באַק. די בעלעמער לבנה קוקט געבעך אויס ווי אַ בידנע שקאַפּע און שלעפּט נאָך זיך אַ פּורל מיט ייִדן. ווען מען קוקט זיך גוט צו צו די ייִדן, זעט מען, אַז עס זענען די משוררים און פּייטנים, און דער בעל־עגלה כאַפּט דעם אַנבליק פֿון ר׳ שבתין דעם מבֿין.

אינמיטן דעם גרויסן רעש און האַרמידער האָבן פֿונדעסטוועגן די פּייטנים געהאַט צייט צו מאַכן איינער פֿון אַנדערן האָט גרעסטע גנאַי און אונטערטראָגן ר׳ שבתין זייערע הרהורים, אים קוקן אויף די ליפּן און פֿרעגן:

— האַ, וואָס זאָגט איר, ר׳ שבתי? האָבט זיך, אַז איך בין אַ גאון־העולם?

ר׳ שבתי האָט זיך געצופּט ביים בערדל, געזאָגט מילא און גו. מען האָט בישט געוווסט צי יאָ צי נישט. צום סוף האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ און ער איז לא־עליכם געוואָרן נישט מיט אַלעמען. מען האָט העגדום־פּעגדום געמוזט שיקן נאָך זישען דעם רופֿא, אַז ער זאָל ר׳ שבתין לאָזן אָדער.

וואָס ר׳ שבתי האָט באמת געזאָגט צו אַלע שרייבעכצער און צי זיי זענען אים געפֿעלן געוואָרן — האָט פֿאַרשטייט זיך — קיינער נישט געוווסט. ר׳ שבתים בעבען האָט מען אויסגעטייטשט ווי סתרי־תורה. איעדער איינער האָט געזאָגט, אַז ר׳ שבתי האַלט נאָר פֿון אים אַליין. אַלע אַנדערע האַלט ער, ר׳ שבתי, פֿאַר נאַלע קלעצער און וויסטע קאַ־ליקעס.

וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען? עס האָבן אָנגעהויבן פֿליען פּעטיש ווי האָגל. אַלע האָבן געכאַפּט און ר׳ שבתי דער מבֿין בתוכם. ווער עס האָט ר׳ שבתין דערלאַנגט אַ פּאַטש? דאָס ווייסט קיינער נישט עד היום הזה. מען וועט זיך אפֿשר דערוויסן צוזאַמען מיט אַלע תיקום אין די טעג ווען משיח וועט קומען.

בקיצור, מן הסתם האָבן בייגאַכט מלאכים געגומען און אויפֿגע־שריבן דעם בעלעמער פּנקס. מהומת ביי די באַשרייבער האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק.

מען האָט געמיינט, אַז עס זענען כלו כל הקצין און די באַשרייבער וועלן זיך דורסן. זענען געקומען צו לויפֿן ר׳ יוסף לאָקש און ר׳ געצל בדליה דער זאַאיקע. ר׳ געצל גדליה האָט געשטאַמלט עפּעס אַן עצה־

טובה, נאָר מען האָט נישט געוווסט וואָס ער וויל. ר׳ יוסף לאָקש האָט געטאָן אַ קלאַפּ אין טיש אַריין און געשריגן: שאַ!

דערנאָך האָט ר׳ יוסף לאָקש געזאָגט צו די בעלעמער באַשרייבער כהאי לישנא:

— כנראה, ווי עס קוקט אויס, זייט איר נעבעך די אייניציקע נאַראָנים אין דער קלוגער שטאָט בעלעם.

# ווּ זענען אַהינגעקומען די כעלעמער נאַראָנים?

נישט ווייט פון כעלעם הינטער דער שטאָט האָט געוווינט אַ ישובניק זייער אַ קלוג יידל, בערל האָט מען אים גערופן. זענען אים די געשעפטן געגאַנגען שלעכט. איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

— הנה, אַזוי ווי ער האָט כעלעם אונטער דער נאָז — פאַרוואָס זאָל ער מיט זיין קלוג קעפל עפּעס נישט קאָנען אויסטראַכטן אַזעלכעס, ער זאָל פון כעלעם קאָנען געהאָלפן ווערן?...

האָט ער זיך מיישב געווען, געקויפט אַן אַלט מאָגער פערדל, אַריינגעפאָרן אין שטאָט, זיך אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון דער שול, אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל און עס אַוועקגעשטעלט מיטן קאָפּ צום וועגעלע און מיטן הינטן אַרויס און אַריינגעשטעקט דעם פערדל אונטערן עק אַ גאָלדענעם אימפעריאַל אַזוי, אַז ס'האָט האַלב אַרויסגעגלאַנצט... און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין דער זייט צוקוקן, וואָס ס'וועט זיין.

איז דורכגעגאַנגען אַ יידל פון דאַווענען און דערזען: אַ פערדל שטייט און פון זיין הינטן בלישטשעט אַרויס גאָלד... — איז אים געוואָרן משונה די זאַך, וואָס דאָס איז אַזוינס און ער איז צוגעגאַנגען נעענטער.

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי, פעטער? — האָט בערל ישובניק זיך אָנגערופן — דאָס איז אַזאַ פערדל, וואָס אַז מ'גיט אים פון איין זייט האָבער, גיט עס פון דער צווייטער זייט צוריק גאָלדענע אימפעריאַלן...

דערזען פאַר זיך אַזאַ אוצר, האָט ער באַלד גענומען אונטערהאַנדלען מיטן ישובניק, ער זאָל אים פאַרקויפן דאָס פערדל.

האָט דערזען אַ צווייטער, אַז מ'דינגט זיך עפּעס וועגן אַ פערדל, איז ער אויך צוגעגאַנגען. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם ווונדער־פערד, האָט ער געזאָגט, אַז נאָר ער וויל דאָס קויפן. איז צוגעקומען אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער—ביז גאַנץ כעלעם האָט זיך דערוווסט וועגן פערדל, וואָס אַז מ'גיט עס פון איין זייט האָבער, גיט דאָס צוריק פון דער צווייטער זייט גאָלדענע אימפעריאַלן. ס'איז געוואָרן אַרום ישובניק און זיין פערדל

אַ געוואַלדיקער אָנלויף, אַ קריגערײַ, אַ מפּעריי. יעדער אײנציקער האָט עס געוואָלט פֿאַר זיך פּאַקן און ווײַל אײנער האָט געגעבן, האָט אַ צווייטער געגעבן מער, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מ'האָט זיך צעפּאַטשט און אַראָפּגעבראַנגט דעם רב אויפֿן פּלאַץ.

אַז דער רב איז געקומען אויפֿן פּלאַץ און דערזען, וואָס ס'טוט זיך און איבער וואָס די גאַנצע מחלוקת קומט פֿאָר, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז דאָס פֿערדל טאָר נישט געהערן צו קיין יחיד נאָר צו דער שטאָט־קהילה אַליין, פֿון וועלכן מ'וועט ציען די גאַנצע הכנסה פֿאַר צרכי־העיר, און האָט באַלד גענומען אונטערהאַנדלען מיטן ישובניק:

— וואָס ווילסטו, בערל, פֿאַרן פֿערדל?

בערל האָט זיך געקווענקלט:

— ער וויל דאָס שוין גאָרנישט פֿאַרקויפֿן — זאָגט ער.

— דו מוזסט דאָס, בערל, פֿאַרקויפֿן: אונדזער קהילה איז אָרעם, גאָט אַליין האָט דיך צוגעשיקט — האָט דער רב אים גענומען אײַנרעדן.

— אויב אַזוי, טאָ וויל איך פֿאַר דעם פֿערדל פֿינף הונדערט קערבלעך.

דערהערט פֿינף הונדערט קערבלעך, האָט דער רב אים אָפּגעסילוקט דאָס געלט און צוגענומען דאָס פֿערדל.

באַלד האָט בעלעם געמאַכט אַ גרויסע אסיפֿה און גענומען טראַכטן, וווּ מ'שטעלט אַוועק דאָס פֿערדל. אײנער האָט געזאָגט, מ'זאָל דאָס אַוועקשטעלן בײַם רב אין שטוב; אַ צווייטער האָט פֿאָרגעלייגט, מ'זאָל דאָס אַרײַנפֿירן אין דער ווייבערשער שול. הקיצור, מ'האָט געטראַכט און געטראַכט און ס'איז געבליבן, אַז מ'זאָל אויסגראָבן אויפֿן שול־הויף אַ טיפֿע גרוב אַראָפּלאָזן אַהין דאָס פֿערדל מאַכן פֿון פֿאָרנט אַן אָרט אויף אַראָפּשיטן האָבער און פֿון דער צווייטער זייט — אַ טיף אָרט אויף די אימפּעריאַלן...

האָט מען אַזוי געטאָן: אויסגעגראָבן אויפֿן שול־הויף אַ טיפֿע גרוב, אַראָפּגעלאָזט דאָס פֿערדל און געוואַרט דרײַ טעג, אַז ס'זאָל זיך אָנקלייבן אַ סך אימפּעריאַלן.

אויפֿן דריטן טאָג האָט מען געמאַכט ווידער אַן אסיפֿה: ווען מ'זאָל אַראָפּלאָזן אין גרוב צונויפֿנעמען די אימפּעריאַלן, און ס'איז געבליבן, אַז קיין אַנדערן קאָן מען נישט פֿאַרטרויען, נאָר דעם רב אַליין. האָט מען גענומען דעם רב און אַראָפּגעלאָזט אין גרוב אַרײַן.

דער רב האָט דאָרט געגראַבלט און געגראַבלט און איז אַרויס מיט גאָרנישט...

האָט מען אויפן רב גישט געוואָלט שטעלן און מ'האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ראש־הקהל אַליין. האָט ער דאָרט זיך געפּאָרעט אַ היפּש שטיקל צייט און איז אויך אַרויס מיט גאָרנישט...

— אַזוי די מעשה? — איז געוואָרן אין כעלעם אַ טומל — איז בערל דער ישובניק אַ רמאי? אָפּגענאַרט גאַנץ כעלעם? אַנו, צום ישובניק אַהיים! און דער רב מיט צוויי גבאים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום ישובניק היגטער דער שטאָט, כדי אים עוקר מן השורש זיין...

II

דער ישובניק האָט גוט געוווסט, וואָס אין כעלעם קומט פאָר, און אַ ליאַדע מינוט וועט ער האָבן ביי זיך דעם רב מיט די גבאים — האָט ער צוגעטראַכט אַ ניי שפּיצל:

— אַזוי ווי ער האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב צוויי קראָליקעס, האָט ער איין קראָליק געגעבן דעם ווייב און איר אָנגעזאָגט, אַז באַלד ווי דער רב מיט די גבאים וועלן אַריינקומען אין שטוב און פרעגן אויף אים, זאָל זי נעמען דעם קראָליק, עפענען דאָס פענצטער און זאָגן:

— לויף גיכער, קראָליק, אין וואַלד אַריין און רוף בערלען אַהיים!

און באַלד אין דער מינוט וועט ער אַריינקומען פון דער צווייטער טיר מיטן צווייטן קראָליק, וועט דער רב מיט די גבאים מיינען, אַז דאָס איז דער זעלבער קראָליק, וואָס דאָס ווייב האָט אַרויסגעשיקט דורכן פענצטער אים רופן פון וואַלד, און וועלן דערזען אַ פרישן וווּנדער פון קראָליק און פאַרגעסן אין דעם פערד מיט די אומפּעריאַלן...

און כך הווה:

אַזוי ווי דער רב איז אַריינגעקומען מיט די גבאים און אַ פרעג געטאָן מיט כעס:

— ווו איז בערל?

האָט דאָס ווייב געכאַפּט דעם קראָליק, אַריינגעקוקט אים אין פּנים אַריין און געזאָגט:

— לויף, קראָליק, גיך אין וואַלד אַריין און רוף אַהיים בערלען!

און אים גיך אַרויסגעלאָזט דורכן פענצטער.

דער רב מיט די גבאים האָבן צוגעקוקט דאָס וווּנדער, ווי אַזוי דאָס

ווייב האָט גערעדט צום קראָליק, אים געשיקט רופן בערלען, ווי אַזוי דער קראָליק איז גיך אַוועקגעשפּרונגען אין וואַלד אַריין, און נאָך מער זענען זיי פאַרווונדערט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען, ווי בערל איז אַריינגעקומען מיטן קראָליק אויפן אַקסל פון דער צווייטער טיר און אויסגעשריגן:

— אָט בין איך דאָ!

דער רב מיט די גבאים זענען נבהל ונשתומם געוואָרן פון דעם, וואָס זייערע אויגן האָבן אַליין געזען...

האָבן זיי אײנגאַנצן זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק פון פערד מיט די אימפּעריאַלן, און ס'איז זיי אַריין אַ נייער געדאַנק אין קאָפּ: אַוועקהאַנדלען ביי בערלען דעם קראָליק...

— בערל! — האָט דער רב אָנגעהויבן — מיר זענען געקומען צו דיר, דו זאָלסט אונדז פאַרקויפן דעם קראָליק. אונדזער קהילה איז אָרעם און קאָן קיין שמשים נישט אויסהאַלטן, זענען מיר געקומען ביי דיר אָפּקויפן דעם קראָליק און אים מאַכן פאַרן שטאָט־שמש...

בערל האָט זיך ווידער אָנגעהויבן קווענקלען, אַז ער קאָן נישט, ער דאַרף אים אַליין האָבן אויף צו שיקן יעדעם מאָל אַ גאַנג... נאָר אַז דער רב מיט די גבאים האָבן זיך אויף אים שטאַרק אָנגעזעצט, האָט ער אויסגעפּרעסט ביי זיי טויזנט קערבלעך און אַוועקגעגעבן זיי דעם קראָליק.

דער רב מיט די גבאים האָבן צוגענומען דעם קראָליק און אַוועק מיט גרויס גדולה קיין כעלעם.

— שוין! — האָט געזאָגט דער רב — אַצינד דאַרף מען שוין נישט קיין שמשים. אַז מ'וועט שיקן רופן אויף אַן אסיפה, וועט עס נישט געדויערן שעהן לאַנג: דער קראָליק וועט שנעל ברענגען יעדן צו פירן און ס'וועט קאָסטן ביליקער אויך...

האָט קהל באַלד אָפּגעזאָגט אַלע שמשים און געמאַכט דעם קראָליק פאַר שטאָט־שמש...

אויף מאָרגן האָט געדאַרפט פאָרקומען אַן אסיפה, האָט דער רב גענומען דעם קראָליק און אים געזאָגט:

— גיי, קראָליק, רוף אויף אַן אסיפה: ר'שאולן דעם גבאי־ראשון, דודן דעם גבאי־שני, מאיר שמחה דעם בעל־טאַקסע, אליי דעם שוחט, מאיר קונציעס, יאָסלען דעם פאָטשטער, פייסיע דעם חזן, שכנא דעם ליכטציער, יואל קאַבאַן, הערשל קיפּקע, שמאָניע דעם שניידער און זיסיע האָלאָפּוז, נאָר אויף איין פוס זאָלסטו דאָס מאַכן, דו הערסט?

האָם אָפּגעזאָגט, האָט דער רב אַרויסגעלאָזט דעם קראַליק דורכן פענצטער.

ס'איז אַוועק אַ שעה — נישטאָ דער קראַליק, צוויי שעה, דריי שעה, ס'איז שוין פאַרנאַכט — נישטאָ דער קראַליק. שוין נאָך מעריב, ס'דאַרף שוין פאַרקומען די אסיפה — נישטאָ קיין קראַליק און נישט קיין אסיפה...

אויב אַזוי, איז האָך בערל דער ישובניק גאָר אַ געוואַלדיקער רמאי — האָט מען זיך אַרומגעקוקט — ווייניק וואָס ער האָט אָפּגענאַרט מיטן פערדל, וואָס מאַכט מיט אימפּעריאַלן, האָט ער נאָך אַזוי מיאוס אַריינגענאַרט בעלעם מיטן קראַליק דעם שמאָט־שמש...

און דער רב מיט די גבאים האָבן זיך ווידער אַוועקגעלאָזט צום ישובניק, אש להבה — זיך מיט אים אָפּצורעכענען אַזוי, ווי ס'קומט אים פאַר אַזאַ רמאות...

III

בערל ישובניק האָט ווידער גוט געוווסט, וואָס אין בעלעם טוט זיך און האָט שוין אויסגעקוקט, אַז אָט־אָט קומט צו אים ווידער דער רב מיט די גבאים אים מקיים פּסק זיין און אָפּנעמען ביי אים דאָס געלט — איז ער געפאַלן אויף אַ פרישער המצאה און אָפּגעמאַכט מיטן ווייב, אַז אַזוי ווי זי וועט דערזען פונדערווייטנס דעם רב מיט די גבאים, זאָל זי זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד טויט און ער וועט זי באַוויינען. נאָר דער־נאָך, ווען ער וועט אַרויסנעמען פון שענקל אַז איי און וועט אָנקלאַפּן מיט דעם אין איר שטערן, זאָל זי לעבעדיק ווערן און אויפשטיין.

און אַזוי איז געווען...

אַזוי ווי דער רב מיט די גבאים זענען אַריינגעקומען צו בערלען אין שטוב פול מיט גרימצאָרן, נאָר אים אַ לעבעדיקן צו צעריסן, האָבן זיי פלוצלינג דערזען, אַ טויטער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד איבער־געדעקט מיט אַ ליילעך, און בערל שטייט איבערגעבויגן איבער אים און קלאָגט מיט טרערן און שרייט:

— אַזאַ ליכטיקע נשמה, טייערע חנה מיינע! אויף וועמען לאָזסטו מיך איבער אויף דער נאַרישער וועלט?

ביים רב און די גבאים איז אָפּגעשטאַנען דער כעס, געבליבן זענען זיי שטיין דערשראָקן, באַטראַכט דאָס טרויעריקע בילד און געהאָלפן בערלען וויינען.

פּלוצלינג האָט זיך בערל אויפגעהויבן און אויסגעשריגן:

— ניין, דו טאָרסט נישט שטאַרבן, דו האָסט נאָך דיינע זיבעציק יאָר נישט אויסגעלעבט!

ער איז צוגעגאַנגען צום שענקל, אַרויסגענומען פון אַ קעסטעלע אַן איי, צוגעגאַנגען צום מת און אָנגעקלאַפּט מיט דעם אין שטערן פון מת. האָט זיך זיין ווייב אויפגעהויבן און אַוועק אַ געזונטע און שטאַרקע גלייך אין קיך אַריין...

אַז דער רב האָט דאָס דערזען, האָט ער פאַרגעסן אין פּערדל מיט די אימפּעריאַלן און אינעם קראָליק — דעם שטאָט־שמש — און האָט אַ זאָג געטאָן:

— בערל, דו ווייסט נאָך וואָס מיר זענען צו דיר געקומען? מיר ווילן דו זאָלסט אונדז פאַרקויפן דאָס איי, וואָס איז מחיה־מתים... אונדזער קהילה איז אָרעם און די שטאָט קאָן נישט אויסהאַלטן קיין דאָקטוירים מיט רופאים, פאַרקויף אונדז, בערל, דאָס איי!

דער ישובניק האָט פאַרוואָרפן הענט און פיס: ניין, ער קאָן דאָס נישט, ער האָט דאָס בירושה פון עלטער־עלטער־זיידן, וואָס האָט דאָס איבערגענומען פון זיין עלטער־עלטער־זיידן און אַזוי כסדר. ס'שטאַמט נאָך פון די מרגלים.

— ניין, איך קאָן דאָס נישט פאַרקויפן!

— דו מוזסט עס אָבער טאָן, אויב נישט פאַר אונדז, טאָ טו דאָס פאַר אונדזער אָרעמער בעלעמער קהילה — האָט דער רב מיט די גבאים זיך געבעטן ביי אים רחמים.

— טאָ וויל איך דערפאַר גאַנצע טויזנט קערבלעך! — האָט דער ישובניק ענדלעך אַרויסגעזאָגט זיין באַגער.

דערהערט טויזנט קערבלעך, האָט דער רב מיט די גבאים נישט געמאַכט קיין שהיות, אים געברענגט די טויזנט קערבלעך און צוגענומען דאָס איי קיין בעלעם.

אין בעלעם איז געוואָרן ששון ושמחה. שוין! מ'האָט שוין קיין מורא נישט פאַרן מלאך־המות. אויף כפּרות די רופאים מיט די פעלדשערם. ס'איז דאָ אַן איי, וואָס איז מחיה־מתים... באַלד האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אסיפה אויף צו באַטראַכטן, ביי וועמען זאָל מען אַוועקלייגן דאָס איי און ס'איז געבליבן, אַז ביי קיינעם איז דאָס נישט אַזוי זיכער, ווי ביים רב אַליין און האַלטן זאָל ער דאָס אין דער זילבערנער פּושקע, וווּ ער האַלט סוכות דעם אתרוג...

און אַזוי האָט מען געטאָן.

פּלוצלינג מאַכט זיך און ס'ווערט קראַנק נישט מער און נישט ווייניקער ווי פייגעלע די רביצין אַליין. ס'איז געוואָרן אַ שמחה, אַ פרייד. מ'האָט נישט גערופן קיין פעלדשער, קיין רופא, קיינעם נישט. אַלעמען האָט מען געדאַרפט אויף כפרות, מ'האָט נאָר אָפּגעוואַרט, זי זאָל שטאַרבן — וועט מען זי שוין דערנאָך מיטן איי מחיה=מתים זיין...

און כך הוה:

זי איז אין אַ גוטער שעה געשטאָרבן. און באַלד ווי מ'האָט זי אָפּגעהויבן אויף דער ערד, האָט דער רב אַליין גענומען דאָס איי, צוגעגאַנגען און גענומען קלאַפּן דער רביצין אין שטערן.

זי רירט זיך נישט. האָט ער גענומען קלאַפּן שטאַרקער — אַז זי טראַכט אפילו נישט זיך אַ ריר צו טאָן... האָט ער גענומען נאָך שטאַרקער קלאַפּן, אַזוי לאַנג, ביז דאָס האָט זיך איינגאַנצן צעבראָכן...

דערזען אַזאַ זאַך, איז די שטאָט שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן. אַזאַ רמאי, אַ שווינדלער! און באַלד ביי דער רביצינס קבורה אויפן בית=החיים האָט מען באַשלאָסן:

— „נפש תחת נפש"... און גיין צו בערלען זאָל שוין נישט דער רב, נאָר גאַנץ כעלעם!

## IV

אַז גאַנץ כעלעם האָט באַלאַגערט דעם ישובניקס שטוב, האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט אַרויסדרייען פון קהלס הענט. באַלד האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אסיפה צו באַטראַכטן, וואָס צו טאָן מיט אים.

סקילה, שרפה, הרג וחנק, שעכטן, שטעכן, ברעכן, הענגען, שיסן בראָטן, ציפּן, רייסן, בייסן — אַזוי פיל מיתות האָט מען פאַר בערלען אויסגעטראַכט און צום סוף איז געבליבן, אַז קיין בלוט זאָל מען נישט פאַרגיסן, נאָר מ'זאָל אים אַריינלייגן אין אַ זאַק און אַריינוואַרפן אין טייך אַריין, וועט ער אַליין שטאַרבן...

און אַזוי האָט מען געטאָן. מ'האָט דעם חברה=מאַן אַריינגעלייגט אין אַ זאַק און אַוועקגעשלעפּט צום טייך.

מ'קומט צו צום טייך — פאַרפרוירן, און ס'איז נישטאָ קיין לאָך אין אייז אויף אַריינצווואַרפן אים.

וואָס טוט מען? דאַרף מען האָבן אַ האַק.

איז דאָס דאָך אָבער כעלעם, זענען אַלע אַוועק ברענגען אַ האַק און בערלען האָט מען דערווייל אַוועקגעלייגט אונטער דער בריק פאַרבונדן אין זאַק איינער אַליין.

ליגנדיק אַזוי אונטער דער בריק, הערט ער ס׳פאָרט דורך אַ פּריץ. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה און אָנגעהויבן שרייען פון זאַק אַרויס:

— ניע כצען ביטש קרולעם! גיע כצען! (איך וויל נישט זיין קיין קייסער).

דער פּריץ האָט דערהערט, אַז עמעצער שרייט פון אונטער דער בריק אַרויס, האָט ער אָפּגעשטעלט דעם וואָגן, איז אַראָפּ אונטער דער בריק, אויפגעבונדן דעם זאַק און געפרעגט בערלען, וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס ער שרייט אַזוי: — ניע כצען ביטש קרולעם!

דערציילט אים בערל, אַז גאַנץ כעלעם האָט זיך פאַרנומען אויף אים און מ׳וויל אים דווקא מאַכן פאַר אַ קייסער, און אַזוי ווי ער וויל נישט, האָט מען אים אַריינגעלייגט און פאַרבונדן דאָ אין זאַק, און אַלע צוויי שעה קומט מען צו אים און מ׳פרעגט אים, צי ער וויל שוין זיין אַ קייסער...

— און איך אויף דיין אָרט וואָלט יאָ געוואָלט ווערן קייסער — האָט דער פּריץ זיך אָנגערופן מיט חשק.

— ווייסטו זשע וואָס? טאָ קריך דו אַריין אין זאַק, איך וועל דיך פאַרבינדן און אַז מ׳וועט קומען און דיך פרעגן, צי דו ווילסט ווערן קייסער, זאָלסטו זאָגן: „כצען“, וועסטו ווערן קייסער.

— גוט! — האָט דער פּריץ מסכים געווען, אַרויסגעשלעפּט בערלען און איז אַליין אַריינגעקראָכן אין זאַק...

בערל האָט דעם זאַק גוט פאַרבונדן און האָט אָפּגעקראַצט מיט פערד און וואָגן.

אַז די כעלעמער זענען געקומען צוריק מיט דער האַק, האָבן זיי באַלד אויסגעהאַקט אין אייז אַ לאָך און אַריינגעוואָרפן אַהין דעם זאַק מיטן פּריץ...

V

כעלעם האָט זיך שוין געהאַט באַרואיקט. פּונקט אין אַ חודש אַרום האָט זיך אין מאַרק באַוויזן אַ פיינע קאַרעטע מיט פּריצישע פערד. אין פאַרפאָרן איז די קאַרעטע גלייך פאַרן רבס שטוב און פון דער קאַרעטע איז איינער אַרויסגעקראָכן און איז אַריין גלייך צום רב אין שטוב.

מ'קוקט זיך איין — בערל!

— ווי קומסטו אהער, בערל, פון יענער וועלט?!

ס'איז געוואָרן אַ צונויפלויף: אנשים, נשים וטף. גאַנץ כעלעם האָט באַלאַגערט דעם רבם שטוב. אַלע האָבן געוואָלט זען בערלען דעם ישוב-ניק, וואָס מ'האָט ערשט מיט אַ חודש צוריק אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין, און הערן, וואָס ער דערציילט פון יענער וועלט.

דאָן האָט בערל זיך אַוועקגעשטעלט פאַר גאַנץ כעלעם און גע-נומען דערציילן, וואָס מיט אים האָט פאַסירט: אַזוי ווי מ'האָט אים נאָר אַראָפּגעלאָזט אין טייך אַריין, האָט ער באַלד אָנגעטראָפן אויף אוצרות פון גאָלד און זילבער, טייערע שטיינער, בריליאַנטן מיט דימענטן און אַזוי ווי ער איז אַראָפּגעפלויגן מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער מיט די הענט גע-גראַבלט די טייערע אוצרות, וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, אָנגעפּאַקט פולע קעשענעס און דערנאָך איז ער בשלום אַרויסגעקראָכן דורך דער צווייטער זייט...

דערהערט אַזאַ מעשה, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אסיפה און ס'איז געבליבן, אַז כדי צו באַזאָרגן די כעלעמער קהילה, זאָל גאַנץ כע-לעם זיך לאָזן אויף יענער וועלט נאָך גאָלד מיט זילבער און אבנים טובות...

און טאַקע באַלד צומאָרגנס האָט גאַנץ כעלעם, פונעם רב ביזן בעדער, זיך אַראָפּגעלאָזט אין טייך אַריין אונטערן אייז, כדי אָנצונעמען זיך אויף יענער וועלט מיט גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער פאַר כעלעמער קהילה...

* *
*

אַזוי אַרום זענען אומגעקומען און פאַרשוואונדן געוואָרן יענע אַלטע, באַליבטע כעלעמער נאַראָנים, פון וועלכע די וועלט דערציילט זיך אַן אַזויפיל שיינע מעשיות און פרעכטיקע פאָלקס-לעגענדעס.

# נאָכוואָרט

מען קאָן אויסגעפינען דעם אורשפּרונג און דעם אורשטאַם פון די כעלעמער מעשיות גאָר ווייט פון כעלעם — ביי אַנדערע פעלקער און אין אַנדערע צייטן. די פאָלקס=מעשה וואָגלט פון דור צו דור, פון פאָלק צו פאָלק און פון לאַנד צו לאַנד. נאָר אין יעדן דור, אין יעדן לאַנד און אויף יעדער שפּראַך באַקומט זי אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אַנדער קאָליר, דערציילט זיך מיט אַן אַנדער נוסח און מיט אַן אַנדער פאַרטייטש.

אויף יידיש=לשון זענען די פריילעכע מעשיות וועגן די קלוגע יידן פון דער שטאָט כעלעם די טרויעריקסטע זעלבסט=איראָניע פון אַ פאָלק, וואָס אַלע אַנדערע פעלקער האָבן דעם געוואָלט איינרעדן, אַז פון דער ערשטער מינוט פון זיין אַנטשטיין האָט זיך עס געקליגלט צו באַהערשן מיט חכמה די גאַנצע וועלט — אַפילו אין אַזאַ צייט און אין אַזעלכע לענדער, וו עס איז דעם נישט געגעבן געוואָרן די רעכט אָפּצוועטעמען פריי.

צו דעם ציל האָבן די אומות=העולם זיך געשאַפן פאַרשידענע געשטאַלטן פון גיריקע שיילאָקס, פאַררעטערישע יודאַשן, כיטרע, מענטשן=פיינטלעכע און בלוטדורשטיקע יידן, וועלכע זיי האָבן ווי געשפּענסטער געלאָזט אַרומוואַנדערן אין זייערע פאָלקס=לעגענדעס שבעל=פה און אין זייערע ליטעראַטורן שבכתב, כדי אין ווירקלעכן לעבן צו האָבן גרייט ביי יעדן שטורעם די פאַסיקע בליץ=אַפּלייטערס.

דאָס טראַגישסטע דערביי, וואָס באַשטימטע שיכטן פון יידישן פאָלק גופא האָבן צו ביסלעך אַליין אָנגעהויבן גלייבן אין דעם ציניש און בלוטיקן שפּאַס, אַז זיי זענען באמת די קלוגסטע קעפּ, וואָס קאָנען געפינען אַן אויסוועג אין יעדער סיטואַציע. כאָטש דער האָזיקער גלויבן האָט ביי יעדער קאָנפראָנטאַציע מיט דער ווירקלעכקייט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַטאַסטראָפע.

די כעלעמער מיט זייערע קלוגע איינפאַלן און דרייסטע פאַרמעסטונגען שטעלן פאָר מיט זיך אַ ביטערע סאַטירע איבער דער אייגענער חכמה, משטיינס=געזאָגט, וועלכע האָט זיך שוין אַזוי פיל מאָל אין דער געשיכטע פאַרענדיקט טראַגיש.

זיי ווילן נעבעך זייער גוט די כעלעמער — גוט פאַר זיך, פאַרן רב, פאַרן שמש, פאַרן נאַכט=שומר און פאַר אַלע יידן און נישט=יידן פון דער שטאָט און

פון דער אומגעגנט. זיי האָבן אויך פאַנטאַזיע און דרייסטע געניאַלע איינפאַלן און זשאַלעווען נישט קיין מי. נישט מער, וואָס זיי באַנוצן זיך מיט זיי דאָרט, וווּ זיי זענען אינגאַנצן איבעריק, שטופּן זיך מיט זייערע פעיקייטן און גוטע כוונות, וווּ קיינער בעט זיי נישט, טוען אַלץ נישט צו דער צייט און נישט אויפן אָרט. זיי פעלט דאָס ביסל מזל און גראָד יענע חכמה, אין וועלכער זיי ווערן באַשולדיקט און פאַר וועלכער זיי קריגן אייביק אַזוי געשלאָגן.

זיי ווילן לטובת דער גאַנצער שטאָט אָפּרוקן דעם באַרג, כדי צו פאַרבינדן זי מיט דער גאַנצער וועלט; אַריינכאַפּן די ליכטיקע לבנה אין פאַס, כדי זי זאָל שוינען אויך אין די פינצטערע נעכט; אינסטאַלירן אַ פייערלעשערמאַשין, כדי בייצוקומען די אָפטע שׂריפות; אימפּאָרטירן פעדערן פון דער פרעמד, כדי עס זאָל אַלעמען ווייך און וואַרעם זיין, אָבער זיי ווערן בלויז באַרויבט און אָפּגענאַרט, זייערע הייזער גייען אַוועק מיטן רויך, די ווינטן צעטראָגן זייערע פעדערן אין אַלע עקן וועלט און זיי אַליין גייען צום אָפּגרונט און פאַרשווינדן.

אַז אַ כעלעמער ווערט שוין אַמאָל אַ גענעראַל, איז עס, ערשטנס, על־פּי טעות און, שנית, איז זיין סוף גאָרנישט קיין פריילעכער.

וואָס בלייבט זיי אין ענלעכע באַדינגונגען צו טאָן? אַז אַלץ אַרום — די ערד, דער הימל, די מענטשן — זענען קעגן זיי, שיטן אויף זיי פעך און שוועבל, ווענדן אָן לגבי זיי אַלע אַרבע מיתות בית־דין?

עס בלייבט זיי איבער בלויז איין אויסוועג — לאַכן. לאַכן פון זיך אַליין, לאַכן פון זייער נאַרישן, תמימותדיקן גלויבן, פון זייער נאַיוון צוטרוי. אין משך פון יאָרהונדערטער זענען זיי שטענדיק גרייט צו גיין פאָרויס, זיך אויס־שטעלן די ערשטע אויף סכנה. אָבער שטענדיק ווערט יעדער פאָרויסיקער גאַנג פאַרוואַנדלט אין אַ צוריקגאַנג. יעדער צופעליקער גייער האַלט פאַר נויטיק צו מאַכן זיך אַ שפּאַס איבער זייער אייביקן יונגטלעכן אומרו און ברען, איבער זייערע נאַיווע חלומות, איבער זייער לעבן און טויט.

דאָס דערציילן — איז קיין שום טרויעריקע אָדער בונטאַרישע געשיכטע נישט אימשטאַנד. צעכוואַליעטע, צעשטורעמטע טייכן קרימען אויס די אָפּגע־שפּיגלטע ווירקלעכקייט, פאַרשטעלן זייער אייגענע טיף. בלויז אין רואיקע, מילדע אויבערפלאַכן שפּיגלען זיך אָפּ די שפּיצן פון בערג און עס זעען זיך אַרויס די טיפע און טונקעלע דנאָען.

פון די רואיקע, מילדע, צעשמייכלטע כעלעמער מעשׂיות קוקט אַרויס דאָס געזיכט פון אַ פאָלק, וואָס ווערט שטענדיק פאַראַכטן, אָפּגענאַרט און אויס־געלאַכט, קוקט אַרויס אין דער סאַמע דרייסטער און נאָבלסטער פאָרם, ווייל אין דער פאָרם פון איראָניע איבער זיך אַליין.

דוד ספּאַרד

# אינהאַלט:


ווי אזוי כעלעם איז געוואָרן די קליגסטע שטאָט אויף דער וועלט . . . 5

פארוואָס דווקא כעלעם די שטאָט פון נאַראָנים . . . . . . 6


## כעלעם בויט זיך


כעלעמער חכמים בויען די שטאָט כעלעם . . . . . . . . 9

מען רופט אָן אסיפה און מען באַשליסט פאָלגן דעם ליטוואַק . . . 12

כעלעם בויט א וואַסערמיל . . . . . . . . . 14

כעלעם רעכנט זיך אָפּ מיט א ראַק . . . . . . . 19

דערטרונקען צווי מילשטיינער . . . . . . . . 24

פייוול פירט די גרענדע (כעלעם רוקט איבער די מיל) . . . . . 27

„דער באַרג“ — א כעלעמער מעשה אין פערזן . . . . . . 33

געכאַפּט די לבנה . . . . . . . . . 39

א צווייטער וואַריאַנט פון דער מעשה „געכאַפּט די לבנה“ . . . 45

כעלעם בויט א שול . . . . . . . . . . 50


## כעלעם האַנדלט


כעלעמער יידן האַנדלען . . . . . . . . . . 61

יושר אין כעלעם . . . . . . . . . . 70

א כעלעמער משפט (אין פערזן) . . . . . . . . 80

א חתונה אין כעלעם . . . . . . . . . . 85

די לעשמאַשין . . . . . . . . . . . 92

די קעסלפויק; . . . . . . . . . . . 102


## כעלעמער כלי־קודש


א רב און א קאָפּ . . . . . . . . . . . 117

דער רב האָט זיך געקעלבט . . . . . . . . . 121

ווען האָט דער כעלעמער רב געזאָגט גוט=שבת? . . . . . 126

ווי אזוי דער כעלעמער רב איז געוואָרן א בהמה . . . . . 130
די חברה „שומרים לבוקר“ . . . . . . . . . 133
דער מלמד מיטן באָק . . . . . . . . . 136
דער מלמד און דער געגעראל . . . . . . . . 140
בלינצעס . . . . . . . . . . 143
דער רבי, דער בעל־עגלה און דאָס פערד . . . . . . 146
פאַרוואָס האָט מען דעם כעלעמער פרנס־חודש גערופן רב יוסף לאָקש? . 149
יוסף לאָקש פון כעלעם (אין פערזן) . . . . . . . 153
ווי אזוי כעלעם האָט זיך דערטראַכט צו א בית־הקברות . . . . 162
כעלעמער בית־הקברות (אין פערזן) . . . . . . . 167
ר׳ יוסף לאָקש גייט אָנקוקן וואַרשע . . . . . . . 176

## מעשיות מיט אַ קאַץ

די קאַץ אין כעלעם . . . . . . . . 189
וואַריאַנטן פון דער מעשה מיט א קאַץ . . . . . . 198
כעלעם וואַנדערט . . . . . . . . 202

## פאַרשידענע געשיכטן

די כעלעמער רעוואָלוציע . . . . . . . . 211
די צען ווייבער . . . . . . . . 213
יום־כיפור אין תמוז . . . . . . . . 215
א שיידל צום שופר . . . . . . . . 218
ווין כעלעמער האָבן זיך געבאָדן . . . . . . . 220
דער דאָקטאָר וואָס איז מחיה מתים . . . . . . 222
די מעשה מיט א פערד און כעלעמער נאַכטוועכטער . . . . . 225
דאָס וונדער־פערד (אין פערזן) . . . . . . . 227
די בהמה וואָס לאָזט זיך נישט מעלקן . . . . . . 239
לאָדנס . . . . . . . . . . 242
כעלעמער שרייבער . . . . . . . . 244
ווו זענען אַהינגעקומען די כעלעמער נאַראָנים? . . . . . 251
נאָכוואָרט . . . . . . . . . . 261